STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04053

BERISH VAYNSHTEYN YOYVL-BUKH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעריש וויינשטיין יובל־בוך

✶

ספר היובל לבעריש וויינשטיין

✶

BERISH WEINSTEIN JUBILEE VOLUME

געמאָלן פון בען

בעריש װײַנשטיין

נדפס בישראל, תשכ״ח
Printed in Israel 1967

©

אַלע רעכט געזיכערט
תשכ״ח—1967

דפוס לינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, תל־אביב

בעריש ווײַנשטיין

יובל־בוך

צו זיין זעכציקסטן געבוירן־טאג

רעדאַקטירט פון:

דב סדן, ירושלים

משה שטאַרקמאַן, ניו־יאָרק

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב

תשכ"ח — 1967

ספר היובל

לבריש ווינשטיין

ליום הולדתו הששים

בעריכת:

דב סדן, ירושלים

משה שטרקמן, ניו־יורק

הוצאת „המנורה" תל־אביב

תשכ"ח — 1967

אינהאַלט — תוכן

11 הקדמה — רעדאַקציע
13 אַריינפיר — משה שטאַרקמאַן

ביאָגראַפישע דאַטעס
ביבליאָגראַפישע כראָניק
צוגאָב־אויספירן

39 במבואי האסופה — דב סדן
51 עמעץ קומט... — משה נאַדיר
56 אַ נייער פּאָעט — ד"ר א. מוקדוני
60 לידער לייכטע און שווערע — ש. ניגער
72 בריוו פו ה. לייוויק צו ב. וויינשטיין
77 באַגריסונג פון מאַני לייב
80 בעריש וויינשטיין — י. י. סיגאַל
87 וויינשטיינס פּאָעמע „בעטהאָווען" — י. קיסין
89 דער יונגער, שלאַנקער פּרינץ — רחל ה. קאָרן
91 באַשערטע לידער — יעקב גלאַטשטיין
98 בעריש וויינשטיין — מ. גראָס־צימערמאַן
103 ביים גרינעם בוים — קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
105 זכרונות וועגן ב. וויינשטיין — י. ל. טעלער
110 ווערטער און ווערטן — יצק יאַנאַסאָוויטש
120 צו בעריש וויינשטיינס זעכציק יאָר — י. אָקרוטני
129 בעריש וויינשטיין — ש. ד. זינגער
148 יידישקייט אין וויינשטיינס ליד — צבי שטאָק
152 די פּאָעזיע פון ב. וויינשטיין — יצחק מאָרגנשטערן

פּאָעטישער מקור
קוואַליטעט פון ריבין
אין אַ פאַרחלומטער וועלט
ביי דער שבת־שויב
האַרטעווירקלעכקייט
די אויפגעהיטע ירושה

199 **פּאָטאָמאָנטאַזש פון בעריש וויינשטיינס שאַפונגען**

ספר היובל לבריש וויינשטיין

203 שירתו של בעריש וויינשטיין — י. מורגנשטרן, עברית י. צחור
איכות של יהלום
בעולם חולמני
באשנבי שבת
מציאות קשה
הירושה השמורה

242 הרחק, הרחק, היתה עיירה — נתן יונתן
248 משה נאדיר
249 ד"ר א. מוקדוני
250 ש. ניגר
251 יעקב גלטשטיין
(248–251: עברית: חיים רבינזון)

257 בילד: **באַגעגעניש פון יידישע און העברעישע שרייבער מיט ב. וויינשטיין אין ישראל, אַפּריל 1962**

משירתו של בריש וויינשטיין

261 למשורר — עברית: א. שלונסקי
262 הרים — עברית: א. שלונסקי
263 עיור אנכי — עברית: אשר ברש
264 אמת לאמיתה — עברית: אברהם רגלסון
266 אמו של לינקולן קוראת בתנ"ך — עברית: מאיר מוהר
267 בערפל — עברית: א. צ. הלוי
268 המשורר הישיש — עברית: אלחנן אינדלמן
269 מאידנק, אלהים! — עברית: צבי שטוק
272 ירושלים — עברית: נפתלי גנתון
273 דודה ריצלה — עברית: חיים רבינזון
274 בג'קסון פרק פורח השלג — עברית: נתן יונתן
277 לבני — עברית: צבי שטוק
279 בילד: **בעריש וויינשטיין מיט אורי צבי גרינבערג**
281 * רעדאַקציע
282 אייביקע רו
283 מנוחת עולם — עברית: חיים רבינזון

Dr. S. Margoshes — An American Poet
„ „ „ — Berish Weinstein
Sol Liptzin — Berish Weinstein's Odyssey

הקדמה

דאָס יובל־בוך, וואָס דערשיינט מיט אַ קליינער פאַרשפעטיקונג, אַנטהאַלט, ווי מעגלעך כראָנאָלאָגיש, די וויכטיקסטע אָפּהאַנדלונגען וואָס זענען געשריבן געוואָרן וועגן בעריש ווײַנשטײַן, די פאַרשידענע עטאַפּן און צײַט־אָפּשניטן אין זײַן וואָרט־יצירה, זינט ער האָט אַרויסגעגעבן זײַן ערשטע לידער־זאַמלונג, — „ברוך־וואַרג״ 1936 — ביז דאָס יובל־בוך איז אַרײַן אין דרוק. דער לייענער האָט אַזוי אַרום פאַר זיך אַ קאָלעקטיוו ווערק, וואָס שילדערט בעריש ווײַנשטײַנס פּערזענלעכקייט און זײַן דיכטערישע גרויסקייט.

די רעדאַקציע האָט זיך באַמיט צו דערגרייכן דעם ציל דורך אַ רעפּרעזענטיוון אָפּקלײַב פון דעם, וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן ווײַנשטײַנס פּאָעזיע, זינט ס'איז אָפּגעדרוקט געוואָרן משה נאַדירס „ע מ י ץ ג י י ט״ ביז די סאַמע נײַעסטע עסייען וועגן זײַן אָרט אין דער יידישער פּאָעזיע און אין דעם יידיש־שאַפן בכלל.

היות מיר האַלטן, אַז די וואָרט־קונסט אויף יידיש איז אַ וועזנטלעכער טייל פון אונדזער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור אויף עברית, האָט דאָס יובל־בוך אַ צווײ־שפּראַכיקן כאַראַקטער. די זאַמלונג לכבוד ווײַנשטײַנס 60־יאָריקן יובל איז דערפאַר אויך אַ בײַטראַג צו אונדזער וואָרט־קונסט און ליטעראַטור־קריטיק אויף העברעיש.

אַזוי ווי בערך אַ העלפט פון יידישן פאָלק וווינט אין די לענדער פון דער ענגלישער שפּראַך־ספערע, האָבן מיר געהאַלטן פאַר פּאַסיק אַרײַנצוגעבן ווײַניקסטנס צוויי עסייען אויף ענגליש, כדי ענגליש־לייענערס זאָלן זיך אויך באַקענען מיט ווײַנשטײַנס שאַפן.

די רעדאַקציע

שרייבער וואָס באַטייליקן זיך :

משה שטאַרקמאַן
דב סדן
משה נאַדיר
א. מוקדוני
ש. ניגער
ה. לייוויק
מאַני לייב
י. י. סיגאַל
ו. קיסין
רחל ה. קאָרן
יעקב גלאַטשטיין
מ. גראָס־צימערמאַן
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
י. ל. טעלער
יצחק יאָנאַסאָוויטש
י. אָקרוטני
ש. ד. זינגער
צבי שטאָק
יצחק מאָרגנשטערן

משה שטאַרקמאַן

בעריש ווײַנשטיין

(אַרײַנפיר)

ס'איז פאַראַן אַ מסורה, וואָס ווערט געבראַכט אין איינעם פון די „ספרים חיצוניים", אַז ווען אונדזערע אור־אור־עלטערן זענען אַוועק אין גלות, האָבן די כהנים מיטגענומען אַ פלעמל פון דעם „אש תמיד", וואָס האָט פאַרן חורבן געברענט אויפן מזבח, — און זיי האָבן דאָס פלאַקערל באַהאַלטן אין אַ ציסטערנע.

צי איז טאַקע די מסורה וועגן פייער פון מזבח אין בית המקדש נישט מער ווי אַ לעגענדע?

די יידישע היסטאָרישע דערפאַרונג לערנט אונדז, אַז אין אַלע גלותן וווּ יידן האָבן געלעבט און געליטן, האָט דאָס פלעמל פון מזבח באַלויכטן זייערע פינצטערע תקופות; דאָס פלאַקערל, וואָס די כהנים האָבן גענומען אין בית המקדש, האָט געוואַרעמט מיט בטחון די גערודפטע יידן אין די גלות־וועלדער, ווו ס'האָבן אויף זיי געלויערט די וועלף פון די אומות העולם. די וואַרעמקייט פון „אש תמיד"־פלאַקערל איז אַרײַנגעדרונגען אין יידישע הערצער, און האָט אַ סך פון זיי באַשאָנקען מיט השראת השכינה, מיט אינספּיראַציע, ממשיך צו זיין די רוחניותדיקע יצירה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי אונדז, ווען דאָס יידישע פאָלק איז נאָך יונג געווען.

דאָס פלאַקערל פון מזבח האָט באַגלייט די יידן אויף זייערע וואַנדערונגען צו דער נייער וועלט און דערמעגלעכט, אַז אויך אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט זאָל די פיל־זייטיקע יצירה פון יידישן פאָלק שלאָגן וואָרצלען און באַקומען אַ המשך. די אינספּירירטע יידישע וואָגלערס האָבן אין פאַרשידענע וואַנדער־תקופות אויפֿגעשטעלט אין אַמעריקע געצעלטן פון לומדות און פון ליטעראַרישן שאַפן. איטלעכער נייער דור יידישע וואַנדערערס האָט געמאַכט זיין אייגענעם צושטייער צו די גייסטיקע אויפטוען פון די פריער־דיקע דורות יידישע אימיגראַנטן.

די וואַנדער־תקופה, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט געבראַכט צו די ברעגעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן אינספּירירטע יידישע יוגנטלעכע, וואָס זייערע דערפאַרונגען האָבן איינגעשלאָסן: גרוילן פון קריג און רעוואָלוציע; וואָגלענישן אויס־צומיידן דעם שונאס גרימצאָרן; דעם יידיש־נאַציאָנאַלן פרילינג נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע; דעם אָנהייב פון דער חלוצישער מאַסן־עליה קיין ארץ־ישראל, און גייסטיקע השפעות, וואָס זענען געווען אַ סינטעז פון טראַדיציאָנעלן יידישן חינוך, אַלגעמיינער בילדונג און ווירקונגען פון דער נייער ליטעראַטור אויף יידיש און העברעיש.

צווישן די אינספּירירטע יוגנטלעכע, וואָס זענען געקומען קיין אַמעריקע מיט די פאַרשידענע וואַנדער־שטראָמען נאָך דער ער־שטער וועלט־מלחמה, האָט אין 1924 זיך אויך געפונען דער דע־מאָלט 19־יאָריקער דב־בער בן יעקב אליעזר ליפּע הכהן, — בעריש וויינשטיין.

ביאָגראַפישע דאַטעס

בעריש וויינשטיין איז געבוירן געוואָרן דעם 18טן מערץ, 1905, אין דער גאַליצישער שטאָט ריישע (אויף פּויליש: זשעשאָוו), אין אַ משפּחה, וואָס ציט איר יחוס פון „ברכת יעקב" און איז גע־קניפּט און געבונדן מיט דער חסידישער גזע פון סאַנדזער רב, דעם „דברי חיים". אין דער משפּחה האָט מען זיך געראַנגלט מיט אַ רעטעניש: דער עלטער־זיידע, ר' שלמה שלאָסמאַן, וואָס האָט יומם ולילה עוסק געווען אין קבלה, איז פּלוצים פאַרשווינדן געוואָרן. מ'האָט זיך געטרייסט: ער איז מסתמא בסוד אַוועק קיין ארץ־ישראל, ווייל נאָר אין צפת, אין דער שטאָט פונם אר"י הקדוש, קען מען זיך פאַרטיפן ווי געהעריק אין דער תורת הח"ן.

בעריש האָט איבערגעלעבט אַ קינדהייט און אַ פרי־יוגנט אָן אַ טאַטנס השגחה. דער פאָטער, ר' יעקב, וואָס האָט אין זיין האַרץ געטראָגן די חדווה פון לומדות און חסידות, — איז גע־שטאַנען פאַר דער סכנה צו ווערן אַ זעלנער אין קיר"הס חייל. דער גאָרליצער רבי, ר' ברוכל, האָט אים געגעבן צוויי עסטרייכישע

ראַניש צושטייער אויף אַ שיפסקאַרט, און בפקודת הרב איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. בעריש איז דעמאָלט אַלט געווען צוויי יאָר. די מוטער חייטשע, וועלכע האָט געשטאַמט פון דער משפחה גערהאַרדט אין סטראָפּקאָוו, אונגאַרן, האָט זיך ניט גע־קענט פאַרנעמען מיט די קינדער, צוויי ייִנגלעך, און מען האָט פאַרלייכטערט איר יאָך דורכדעם, וואָס יעדע פון די צוויי באָבעס האָבן גענומען צו זיך איין ייִנגל. די באָבע חנהלע האָט גענומען צו זיך בערישן, ווייל ער איז געווען אַ נאָמען נאָך איר מאַן. די אַנדערע באָבע האָט גענומען צו זיך דעם ייִנגערן ברודער, מרדכי מענדל. די באָבע חנהלע איז שפּעטער געוואָרן אַ צענטראַלע פיגור אין בעריש ווײַנשטיינס דיכטונג. דער פרומער פעטער זבולון, — „זבולון לחוף ימים", — דער באָבע חנהלעס איידעם, וואָס איז געווען אַ זון פון טאַרנער דיין ר' יידעלע אָרשיצער, איז נישט גרינג אָנגעקומען די השגחה איבער בערישן, ווייל בעריש איז תמיד געווען אַ ראש פון חדר־באַנדעס, אַרומגעווילדעוועט, געקלעטערט אויף ביימער און אויף סלופּעס, און אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן פלעגט ער אָפט אַהיימקומען אַ צעבלוטיקטער פון „מלחמות מיט די שקצים"...

בעריש האָט געווילדעוועט, — און אין זיין האַרץ האָבן גע־נאָגט בענקשאַפטן, — אַ בענקשאַפט נאָכן טאַטן, אַ בענקשאַפט צו ווייטע שטרעקעס, אַ בענקשאַפט צו נגינה און אַ בענקשאַפט נאָך שיינקייט בכלל. דער טויער צו די אויסגעבענקטע וועלטן איז געווען די גלאָגאָווער בריק. אין די זומערדיקע שבתים, באַלד נאָכן לערנען „פּרק" (פּרקי אָבות), פלעגט ער פון חדר לויפן צו דער בריק, כדי דאָרט צו שטילן זיינע בענקשאַפטן. אונטער דער בריק איז גע־שטאַנען די באַן־סטאַנציע. גלאַנציקע רעלסען האָבן זיך געצויגן אין אַלע זייטן, און איבער זיי האָבן רעגלמעסיק געאיילט רויכיקע לאָקאָמאָטיוון, וואָס האָבן געשלעפּט וואַגאָנען מיט פּאַסאַזשירן און פראַכט. די באַנען האָבן זיך פאַרקירעוועט אין פאַרשידענע ריכטונגען, און דעם פאַרבענקטן ייִנגלס האַרץ איז זיי נאָכגעפאָרן אין דער ווייטער וועלט אַריין. אַ סך פון זיינע בענקשאַפטן האָט בעריש אַריינגעטאָן אין מייסטערווען שליטעלעך, וועגעלעך. די

בענקשאַפטן, וואָס ער האָט געירשנט פון דער מאַמען, האָבן באַ־פליגלט זיין פאַנטאַזיע און פאַר אים געעפנט אַלע מאָל נייע, פריער נישט־געאַנטע וועלטן פון טרויער, געפיל און שיינקייט. די באָבע חנהלע, ווידער, פלעגט אין פאַרנאַכטן זיך אַוועקזעצן מיט איר אייניקל ביים פענצטער, און אין דער האַלב־טונקלקייט אַריינ־לייענען אין בערישן אַלערליי תחינות און עברי־טייטשן, מיט אירע אייגענע צוגאָבן און פירושים. זי האָט אָן אויפהער אַריינגערעדט אין איר אייניקל, אַז די וועלט איז נאָר אַ פּאָדערהויז, און אַז די אמתע וועלט איז גאָר יענע וועלט, וואָס מען פאַרדינט זיך ביים אייבערשטן, דורך מצוות און מעשים טובים אויף דער וועלט. די באָבע חנהלע האָט זיך תמיד געגרייט צו יענער וועלט, — און זי האָט טאַקע געהאַט אָנגעגרייט תכריכים מיט אַ זעקעלע ארץ־ישראל־ערד. זי האָט אַלע מאָל געדאַרפט נייען נייע תכריכים, ווייל ס'האָבן זייער אָפט זיך געטראָפן מתים, פאַר וועלכע ס'איז נישט געווען קיין לייוונט צוצוגרייטן זיי צו קבורה. שקיעה־צייט פלעגט בעריש זיצן אויף דער שוועל פון דער באָבעס הויז, — און בענקען. די באָבע חנהלע אַליין האָט מיט תעניתים, תחינות און תפילות דערגרייכט צו 96 יאָר, איידער מען האָט פון בית דין של מעלה זי גערופן צו פאַרנעמען איר כשר־פאַרדינט אָרט אויפן עולם האמת.

ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און די חיילות פון צאַרישן רוסלאַנד האָבן זיך געלאָזט איבער די גאַלי־צישע שטעט און שטעטלעך, האָבן אַ סך יידישע משפחות „גע־פליכטעט" צו אַנדערע טיילן פון דער עסטרייכישער אימפעריע. און אַזוי איז בעריש צו ניין יאָר פאַרוואָגלט געוואָרן קיין רייכנ־בערג, בעמען (באָהעמיע־טייל פון דער איצטיקער טשעכאָסלאָ־וואַקיע), און געלערנט אין דער אָרטיקער דייטשער פאָלקסשול. אַז די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט, די עסטרייכישע אימפעריע איז זיך צעפאַלן, איז די וויינשטיין־משפחה צוריקגע־קומען אַהיים. ריישע פון בערישעס קינדער־יאָרן איז נישט געווען די זעלביקע, וואָס ער האָט געזען אין די בר־מצווה יאָרן. איצט איז שוין ריישע געווען אַ שטאָט פון דער פוילישער רעפובליק, און אַלע צרות, וואָס פון זיי האָבן געליטן די יידן אין באַנייטן פוילן, האָבן

אויך נישט אויסגעמיטן די ריישער יידן. די אומרויִקע טעג האָבן פאַרשטאַרקט בערישעס ייִנגלישן אומרו און פאַרשאַרפט זיינע בענקשאַפטן. אַנדערע ייִנגלעך, וואָס דאַווענען אינאיינעם מיט אים אין סאַנדזער קלויז, אָדער אין דזשיקעווער קלויז, גייען מיט די טאַטעס אין די שבתים צום דאַווענען און פון דאַווענען; און יענע ייִנגלעך וואָס זענען כהנים, דוכענען אין איינעם מיט זייערע טאַטעס אין די יום־טובים און אין די ימים־נוראים. אָבער בערישעס טאַטע איז ווייט, ווייט אין אַמעריקע, און בלויז זייער זעלטן הערט מען פון אים. בעריש האָט געבענקט און געזוכט באַרויִקונג אין נגינה.

אין בערישן האָט מען אַריינגעזונגען די סאַנדזער און דזשיקעווער ניגונים, — און זיי האָבן פון אים אַרויסגעזונגען. אָבער די סאַנדזער און דזשיקעווער היכלות פון שירה וזמרה זענען גע־וואָרן צו ענג פאַר אים, — פלעגט ער זיך אַרויסגנבענען פון קלויז און לויפן אין דער גרויסער ריישער שטאָט־שול הערן דעם חזן ישראל ברי. ביים שבתדיקן טיש האָבן פון אים אַרויסגעזונגען די חזנישע „שטיקלעך". די חסידישע שטוב פון פעטער זבולון איז ממש אויפגעטרייסלט געוואָרן, ווען בעריש האָט געמאַכט זיינע ערשטע פּרוּוון צו זינגען זמירות לויט חזנישע ניגונים. אָבער די מומע מאַלטשע האָט אויך ליב געהאַט געזאַנג, — און אַ דאַנק איר האָט בעריש גובר געווען די חסידישע קעגנערשאַפט צו חזנות.

אַנדערע ייִדישע ייִנגלעך האָבן געזונגען אַנדערע ניגונים. טייל האָבן געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער; אַ סך האָבן פאַרהילכט די ציוניסטישע־לאָקאַלן מיט העברעיִשע און חלוצישע שירים, — און זיך טאַקע געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, כדי צו פלאַסטערן וועגן אָדער בויען קאָלאָניעס און קבוצות. בעריש האָט געבענקט; ס'האָט אים אַלץ געצויגן ערגעץ ווייט־ווייט. די ייִדישע ביכלעך, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין בערישעס הענט, האָבן פאַר אים געעפנט נייע וועלטן, מיט נייע מענטשן, אויסגעברייטערט די גייסטיקע האָריזאָנטן, און די נגינה פון מענטשלעכן קול האָט באַקומען אַ ווידערקול אין דער נגינה פון געשריבענעם וואָרט.

יענע טעג פון יוגנטלעכער דערוואַכונג און אינספּיראַציע, זענען אויך געווען די טרויעריקע טעג, ווען פּוילישע סאָלדאַטן, אונטער

דער קאָמאַנדע פון גענעראַל האַלער, — דערפון זייער נאָמען „האַ־לערטשיקעס", — האָבן געבושעוועט איבער פוילן, געשניטן ייִדישע בערד אויף גאַסן און אויף לויפנדיקע באַנען; אַנדערע טיילן פון דער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג האָבן זיך אויך געלאָזט ווילגיין מיט איבערפאַלן אויף ייִדישע הייזער און אויף ייִדישע געוועלבער. אין איינעם אַ שבת־בייטאָג האָט אַ באַנדע אויפגעריסן די טיר פון דער באָבע חנהלעס שטוב, און דער אָנפירער פון די בויאַנעס האָט געהויבן אַ מעסער אויפן פעטער זבולון. בעריש האָט געוווּסט ווער דער אָנפירער איז, און ער האָט אויסגעשריען יענעמס נאָמען: „סטאַשעק!". דעם בויאַנס רציחה־לוסט האָט זיך פּלוצים אָפּגע־טאָן פון אים. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן ווי אַ וואַנט קעגן די אַנדערע אָנפאַלערס און זיי פאַרטריבן.

אַוודאי האָט בעריש זיך געפרייט, וואָס ער האָט געראַטעוועט דאָס גאַנצע הויזגעזינד, — אָבער ווייטער בלייבן אין ריישע האָט ער נישט געוואָלט. אין די פריערדיקע צייטן, ווען גאַליציע איז געווען אַ טייל פון עסטרייך, האָט די הויפּטשטאָט ווין סימבאָליזירט די גרויסע וועלט. איצט איז ריישע אַ פּוילישע שטאָט און ווין איז די הויפּטשטאָט פון אַ פרעמד לאַנד. האָט בעריש אין 1923 זיך אַרויסגעשמוגלט פון פוילן, און דווקא קיין ווין. ווײַנען דאָרט אָן אַ דערלויבעניש איז געווען אוממעגלעך, און ער האָט אַ גאַנץ יאָר זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי. אַ דאַנק זיין קוזינע מלכה, די טאָכטער פון זיין פעטער ר' משה טודרוס, איז בערישן געלונגען צו אַנטלויפן פון עסטרייך און אָנצוקומען קיין אַמעריקע. פיר יאָר שפּעטער איז מלכה געוואָרן זיין פרוי, און זי האָט געהאַט, אַ דאַנק איר דערמוטיקונג, אַ גרויסן חלק אין זיינע שפּעטערדיקע דערגרייכונגען ווי אַ פּאָעט.

בערישעס פאָטער, ר' יאַנקל אליעזר ליפּע ווײַנשטיין, איז געווען אַן אויסגעוואָרצלטער פון דער ריישער סביבה און קיין מאָל נישט קיין פאַרוואָרצלטער אין דער ניו־יאָרקער סביבה. מיט זיין פאַרמעגן פון חסידות און לומדות האָט ער זיך נישט געקענט צו־פּאַסן צו שאַפּ־אַרבעט אָדער צו מסחר, — און בעת זיין ווייב און קינדער האָבן זיך געפּלאָגט אין דער אַלטער היים, איז ער דורכ־

געגאַנגען אַלע אימיגראַנטישע פייניקונגען אין דער נייער היים. אַז חסידישע רביים האָבן אָנגעהויבן קומען קיין אַמעריקע, איז ר יאַנקל וויינשטיין בייגעווען ביי זייער פראַווען טישן, און לעבן זיי האָט ער געפילט אַן איבערחזרונג פון זיינע אייגענע יוגנט־יאָרן.

צו דעם נישט־פאַרוואָרצלטן טאַטן איז געקומען דער אויסגע־וואָרצלטער זון, וועמען ער האָט איבערגעלאָזט אַלס אַ צוויי־יאָריק קינד און איצט איז ער שוין געווען אַ ניינצן־יאָריקער בחור. ווי אַזוי האָט ר יאַנקל געקענט זיך זיכער מאַכן, אַז דאָס יינגל איז טאַקע זיין בכור? אפשר מאַכט מען אַ טעות און מ׳גיט אים איבער אַ פרעמד יינגל? ער האָט זיך דערמאָנט: בעריש דאַרף האָבן אַ צייכן אויפן קליינעם פינגער פון איין האַנט. געווען אַ מנהג ביי דער באָבע חנהלע, אַז אין די קורצע פרייטאָגס פון די ווינטער־חדשים האָט מען אין איר שניט־קראָם נישט אויפגערוימט די סחו־רות, נאָר מ׳האָט דאָס געטאָן ערשט מוצאי שבת נאָך הבדלה. איין מאָל האָט מען בערישן מיטגענומען אין געוועלב אַריין, און ער איז דאָרט איינגעשלאָפן צווישן דעם שניטוואַרג. די באָבע מיט איר זון, יאַנקל, זענען אַרויס פון קראָם, זי פאַרשלאָסן און זענען אַרויף אין שטוב אַריין. ערשט שפּעטער האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דאָס קינד איז פאַרשלאָסן אין געוועלב. דער פאָטער איז שנעל געלאָפן נעמען זיין קינד, און ער האָט געזען, אַז בערישל האָט אַ פאַרבלוטיקטן פינגער, — אַ מייזל האָט אים אַ ביס געטאָן. יענער סימן, וואָס בעריש האָט פריער נישט געוווּסט פון אים, האָט דעם פאָטער געגעבן די זיכערקייט, אַז ס׳שטייט לעבן אים טאַקע זיין אייגענער זון.

אין דער אימיגראַנטישער סביבה אויף דער ניו־יאָרקער איסט סאַיד, מיט אירע אַלטהיימישע טיפּישע יידן, פאַרמישט מיט אַמע־ריקאַנער יידישע טיפּן, האָט בעריש זיך געפילט ווי אַ פאַרבלאָנ־דזשעטער. פונקט ווי זיין טאַטע איז ער געווען אַן אויסגעוואָרצל־טער פון דער אַלטער היים און האָט נישט געקענט אַזוי שנעל שלאָגן וואָרצלען אין דער נייער היים. דער טאַטע אַליין האָט נאָך אַזוי פיל יאָרן נאָך נישט באַוויזן צו האָבן אַן אייגענע דירה, נאָר ער האָט געוווינט אין פרעמדע שטיבער, ווי אַ סך אַנדערע „באָרדערס״, —

ניט־חתונה־געהאַטע לאָקאַטאָרן, און אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט באַוויזן אַריבערצוברענגען זייערע משפחות קיין אַמעריקע. נישט באַשערט געווען בערישן צו האָבן אַ קינדהייט און פרי־יוגנט פון זיין מיט טאַטע־מאַמע אין איינעם. פריער איז ער געווען אין דער אַלטער היים, — און דער טאַטע אין אַמעריקע; איצטער איז ער אין אַמעריקע, — און די מאַמע איז אין דער אַלטער היים. און דאָס האַרץ ווערט צעריסן פון בענקשאַפט.

בעריש האָט פאַרזוכט דעם טעם פון פיזישער האָרעוואַניע, — און געשטילט זיינע בענקשאַפטן דורך לערנען, דורך צוהערן זיך צו גוטער מוזיק. אויף דער ניו־יאָרקער איסט סאַיד זענען די פּאָליצעס פון די שטאָטישע ביבליאָטעקן אָנגעפילט מיט יידישע ביכער, גע־דרוקטע אין די יידישע צענטערן אין אייראָפּע און געדרוקטע אין אַמעריקע, בעיקר אין ניו־יאָרק. ער גייט אין אַן אָוונטשול לערנען ענגליש, אין דער פרייער צייט לייענט ער די ביכער (אַגב, זיין ער־שטער בוך צום לייענען אין יידיש, איז געווען שלום־עליכמס „בלאָנ־דזשענדע שטערן״, וואָס אַ דאַנק זיי רייפט אין אים די באַגאַבט־קייט און די לוסט צו אייגענעם אויסדרוק, צו באַפרייען זיין געמיט און זיין האַרץ פון די לאַסטן, וואָס דריקן אויף זיי. פון לייענען יידישע צייטונגען און זשורנאַלן דערוויסט ער זיך וועגן ליטעראַ־רישע אָוונטן און ליטעראַרישע גרופּירונגען. נאָכן איבערלייענען אַ מעלדונג וועגן די לימודים אין יידישן לערער־סעמינאַר, באַ־שליסט ער צו ווערן דאָרט אַ תלמיד, כדי צו פאַרברייטערן זיינע יידישע קענטעניש, אַז זיי זאָלן אים העלפן אין דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג און אים אפשר אויך דערמעגלעכן זיך אַרויסצורייסן פון דער דערדריקנדיקער שאַפּ־אַטמאָספער. וואָס ער האָט איבער־געלעבט און וואָס ער האָט געפילט, האָט ער פאַרשריבן און איבער־געשריבן אין העפטן און אויך אויף באַזונדערע בייגעלעך פּאַפּיר, אין ברייט־שורהדיקע פערזן פון לאַנגע פּאָעמעס און אין קורץ־שורהדיקע קליינע לידער. דאָס זענען געווען די ערשטע טריט פון אַ דיכטערישן אָנהייבער, וואָס האָט שפּעטער פאַרנומען אַן אָרט אויבן אָן אין דער יידישער פּאָעזיע, ווי אַן עפּיש־מאָלערישער לי־ריקער.

ביבליאָגראַפישע כראָניק

ס'איז פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז איטלעכער אמת־גרויסער פּאָעט שרייבט זיין גאַנץ לעבן בלויז איין ליד, — נאָר אין פֿאַרשידענע נוסחאות. אַז דאָס איז אַזוי, ווערט באַשטעטיקט דורך דער טעמאַטיק און דורך די מאָטיוון פֿון בעריש ווײַנשטיינס שאַפֿן, זינט זיין דעביוט אין זשורנאַל „צוזאַמען", אין 1927, ביז דעם דערשיינען פֿון יובל־בוך לכבוד אים אין 1967. די גרונט־טעמאַטיק און די מאָטיוון־לייטער פֿון בעריש ווײַנשטיינס דיכטונג שליסן איין: די בענקשאַפֿט נאָך דער אַלטער היים און דער טרויער אויף איר אומקום; די ווייטאָגדיקייט פֿון אימיגראַנטישן צופּאַסן זיך צו דער נייער וועלט און די פֿרייד פֿון דער דערקענטעניש, אַז די פֿריער־פֿרעמדע אַמעריקע איז געוואָרן היימיש און נאָענט; די בענקשאַפֿט נאָך יידישער נאַציאָנאַלער גאולה, — אַ בליענדיקע בענקשאַפֿט זינט די חומש־לימודים אין די חדר־יאָרן, — און ווי אַזוי די בענקשאַפֿט איז געוואָרן וואָר. ס'איז פֿאַראַן אין דער מאָדערנער יידישער דיכטונג אַ גרויס פֿרעכטיק ליד, וואָס הייסט „בעריש ווײַנשטיין", און די שאַפֿונגען אין אַלע זיינע ביז איצט דערשינענע ביכער זענען די פֿאַרשידנסטע נוסחאות, אַלערליי וואַריאַציעס פֿון דעמזעלביקן ליד.

אין די פֿאַרגאַנגענע פֿערציק יאָר האָבן בעריש ווײַנשטיינס לידער זיך געדרוקט אין די סאַמע וויכטיקסטע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, צווישן זיי אין: „צוקונפֿט", „גלאָבוס" (וואַרשע), „זאַמלביכער" (רעדאַקטירט פֿון י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק), „די גאָלדענע קייט" (תל־אָביב), „ליים און ציגל", „טאָג־מאָרגען זשורנאַל", „יידישער קעמפֿער", „סביבה", און אויך אַנדערע פֿון די וואָגיקסטע ליטעראַרישע אויסגאַבעס. זיינע פּאָעטישע שאַפֿונגען ווערן איבערגעדרוקט אין דער פּרעסע פֿון גאַנץ יידיש לאַנד.

ווײַנשטיין איז געווען מיטרעדאַקטאָר פֿון די זאַמלביכער „המשך", וואָס האָבן אָנגעהויבן דערשיינען אין 1939. דעם ערשטן באַנד האָט ער רעדאַקטירט אין איינעם מיט ב. דעמבלין און ל. טרייסטער, און די אַנדערע דריי בענדער צוזאַמען מיט ב. דעמבלין

און משה שטאַרקמאַן. פון גרויס באַטײַט, אי פאַר די שאַפערס און אי פאַר די לייענערס פון יידישער פאָעזיע, זענען געווען די 9 יאָר־העפטן „אָפּקלײַב", דערשינען פון יאָר 1950 ביזן יאָר 1959. די דאָזיקע העפטן זענען אָפּקלײַבן פון די בעסטע יידישע לידער געדרוקט אין פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלן במשך די גע־געבענע יאָרן.

בעריש ווײַנשטיין איז, ווי ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַן עפּיש־מאָלערישער ליריקער. ער דאַרף די ברייטע קאַנווע פאַר זײַנע בילדער און דעם לאַנגן אָטעם פאַר זײַן אויסדרוק. אויף דעם זאָגט עדות, נישט בלויז די קאָנסטרוקציע פון זײַנע באַזונדערע שאַפונגען, נאָר אויך דער אינהאַלט פון זײַנע ביכער. די באַזונדערע שאַפונגען אין איטלעכן בוך באַהעפטן זיך צו איין גרויסער יצירה, צו אַן עפּאָפּעע, וואָס אין איר קומען צום אויסדרוק אַלע זײַנע אייגנ־טימלעכקייטן און אייגנאַרטיקייטן, ווי אַ גרויסער פּאָעט.

מיר גיבן ווייטער די רשימה פון ווײַנשטיינס ווערק אין בוכ־פאָרם, — לויטן סדר פון זייער דערשײַנען:

ב ר ו כ ו ו אַ ר ג, פאַרלאַג חברים־קאָמיטעט, ניו־יאָרק, 1936, 96 זײַטן.

ר י י ש ע. פּאָעמע. אַרויסגעגעבן פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַ־טור־פאָנד, ניו־יאָרק, 1947, 316 זײַטן; באַצירונגען אויף די שער־בלעטער געצייכנט פון אברהם וואָלקאָוויץ, אותיות פון יצחק ליכ־טענשטיין.

די העברעישע איבערזעצונג פון „ריישע", פון צבי שטאָק, מיט אַן אַרײַנפיר פון פּראָפ. דב סדן.

ר י ש א. פואימה. תירגם: צבי שטוק. הקדים: דב סדן. הוצאת ספרים מ. ניומן בע"מ, תל־אביב, תשי"א, 351 עמוד.

ל י ד ע ר א ו ן פּ אָ ע מ ע ס. אַרויסגעגעבן פון בעריש ווײַנ־שטיין בוך־קאָמיטעט, ניו־יאָרק, 1949, 257 זײַטן. שער־בלאט געצייכנט פון יצחק ליכטענשטיין. — דער אָנהייב פון בוך איז אַן איבערדרוק פון אַלע לידער אין ווײַנשטיינס ערשטער לידער־זאַמלונג „ברוכוואַרג". די אַנדערע שאַפונגען, געשריבן אין די יאָרן 1929—1949, זענען פריער נישט געווען געדרוקט אין בוך־פאָרעם.

אַ מ ע ר י ק ע. פּאָעמע. „ציקאָ" ביכער־פאַרלאַג ביים (יידישן) קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק (1955), 217 זייטן. שער־בלאַט גע־צייכנט פון יצחק ליכטענשטיין.

אין דוד המלכס גיטער. פּאָעמע. פאַרלאַג י.ל. פּרץ ביבליאָטעק, תל־אָביב, ישראל, 1960, 226 זייטן.

„מיט דער פּאָעמע 'אין דוד המלכס גיטער' שליסט זיך די עפּאָפּעע פון דעם י י נ ג ל, וואָס האָט געוואַנדערט דורך 'ריישע', דורך 'אמעריקע' צום לאנד פון אברהם אבינוס 'לך־לך', צום לאַנד פון עקידת יצחק און פון יעקבס חלום, ווו ער האָט דערקענט די וואָר פון דוד המלכס גיטער. — די פאַרחלומטע בענקשאַפט האָט פון קינדוויז אָן אין מיר איינגעפלאַנצט די באָבע חנהלע, וועמעס געשטאַלט עס גייט מיר נאָך עד היום און וועמעס תהילים־טרערן האָבן אויף מיר געלאָזט אַ טיפע השפּעה. זאָל די דאָזיקע פּאָעמע בלייבן ווי אַ זכר פון דער באָבע חנהלע פאַר אירע אור־אייניקלעך, די צוויי זין מיינע: משה־נפתלי און אברהם".

די פּאָעמע האָט וויינשטיין געשריבן נאָך זיין ערשטן באַזוך אין מדינת ישראל, אין 1952. זיין צווייטן וויזיט אין דער יידישער מדינה האָט ער געמאַכט אין 1966.

האָמעריאַדע — הומרידה. צוויי שפּראַכיקע אויס־גאַבע. עברית: נפתלי גינתון. הוצאת י.ל. פּרץ, ישראל (1964), 93 זייטן. די „האָמעריאַדע" איז אויך איינגעשלאָסן אין בוך „באַ־שערטע לידער".

באַשערטע לידער. תשכ"ה—1965. „ציקאָ", ניו־יאָרק; — „המנורה", תל־אביב, 332 זייטן. — „געווידמעט מלכהן; די קינדער משה־נפתלי, באַשע, אברהם, נחמה; די אייניקלעך טויבע־עליה, אליעזר־אהרן, רחל־חנה און אלישבע־רייצע. — — — דעם אָנדענק פון מיינע טאַטע־מאַמע יעקב ליפּע און חיה". דער פּאָרטרעט פון דיכטער אינעם בוך איז געמאָלן פון בען.

אָנהייב 1967 ווערן געגרייט צום דרוק:

„ספר השירים", 320 ז. פאַרלאַג „מסדה", תל־אביב; עיקר־איבערזעצער: דיכטער חיים רבינזון; אָפּקלייב פון לידער, פּאָעמעס, פראַגמענטן פון וויינשטיינס פּאָעטישע שאַפונגען 1936—

1965; אַריינפיר־וואָרט: פּראָפעסאָר דב סדן. צוגאָב־איבערזעצונ־גען: אשר ברש, א. שלונסקי, אברהם רגלסון, נתן יונתן, נפתלי גינתון.

„מ ל כ ה ס ב אַ ל אַ ד ע" (עברית־יידיש), „המנורה" פאַרלאַג, תל־אביב. געהייליקט דעם אָנדענק פון דיכטערס פרוי, מלכה וויינשטיין.

בעריש וויינשטיין האָט זוכה געווען פרעמירט צו ווערן פאַר זיינע ביכער. אין 1949 האָט ער באַקומען משה לייב האַלפּערן־פּרעמיע פאַרן ווערק „ריישע"; אין 1956 האָט ער באַקומען פאַרן ווערק „אַמעריקע" צוויי פּרעמיעס: די לאַניאַ בימקאָ־פּרעמיע און די מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע; אין 1966 זענען אים צוגעטיילט געוואָרן די לאַניאַ־און פישל־בימקאָ פּרעמיע ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס און די מעקסיקאַנער צבי קעסל־פּרעמיע פאַרן בוך „באַשערטע לידער".

אינעם י ו ב ל ־ ב ו ך וועט דער לייענער זיך באַקענען מיט דעם אופן ווי אַזוי די וויכטיקסטע פאָרשטייערס פון דער יידישער קריטיק האָבן זיך אָפּגערופן אויף וויינשטיינס שאַפן בכלל און אויף זיינע באַזונדערע ביכער.

וואָס טראַכט בעריש וויינשטיין אַליין וועגן דעם מהות פון דיכטונג און וועגן דער שליחות פונם פּאָעט? אין צוויי באַזונדערע עסייען, — „וועגן ליד" און „נאָך וועגן ליד", געדרוקט אין קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס דריי־מאָנאַטלעכן זשורנאַל „סביבה", 1964, האָט ער אויף די פראַגע געענטפערט. מיר גיבן אויסצוגן פון ביידע עסייען.

(א)

פּאָעזיע איז איינגעדעקט אין אַזויפיל מיסטיק, אַז ס'איז שווער צו־צוקומען דערצו. אַ ליד האָט דאָך אָן אַ שיעור אָנהויבס. יעדע שורה, יעדער וואָרט — אַ נייע איבערלעבונג, אַפילו אַ נייעם האַרץ־קלאַפּ. דאָס ליד ווערט אויסגעשלאָגן נאָכן לעבעדיקן פּולס פון פּאָעט. אויסערלעך זעט עס אויס דווקא זייער איינפאַך; פּרוּווט עס אָבער אַרויפלייגן אויף דער רע־לאַטיוועך וואָגשאָל, וועט איר זען ווי דאָס ליד וועט געבן אַ שווער אַראָפּ. וואָרים פּונקט ווי אינעם ים־טראָפּן ליגט דעם טעם פון גאַנצן ים, אַזוי ליגט אינעם איינצלנעם ליד דאָס לייב און לעבן פון גאַנצן פּאָעט. — — —

ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אומפאַרשטענדלעכע פּאָעזיע; אויב נאָר

אמתע, איז עס גאָרנישט עפּעס אַנדערש ווי נאָר פאַרשטענדלעך. אַוודאי רעדט זיך דאָ נישט פון לידער, וואָס קלינגען אין דער שפּראַך פון אַ ווער־טער־בוך. עס רעדט זיך פון פּאָעזיע וועלכע איז אַ טייל פון דער ערד, וואָס זיין שאַפער זעט און פילט אַרום זיך; איז אַ טייל פון קלאַנג און לשון, וואָס דעם פּאָעטס אויער נעמט אויף. עכט געפיל, וויזיע און שטימונג לייגט פאַר זיך אַליין אויס אַ פאַרשטענדלעך ליד — ס׳אומפאַרשטענדלעכע ווערט קלאָר.

אַ קינסטלער קען נישט נאַרן. טאָמער טוט ער עס, זעען זיך באַלד אָן די געמאַכטע שטעך. ער ווערט גיכער פאַרשטילט בלייבן איידער אַפּנאַרן זיין געמעל, זיין קאָמפּאָזיציע, זיין ליד. — — פּאָעזיע איז דאָ אין אַלע באַשאַפענע זאַכן, די פאָרעם דערפון איז דער קינסטלער גופא. ער דאַרף זיין געטריי צו דעם געשאַנק; ר׳טאָר גאָרנישט פאַרהוילן פאַרן ליד. ער מוז געבן זיין וואַכזאַמקייט, זיין געפילס־אויסדרוק צו אַלע דערשיינונגען וואָס זיין אויג נעמט אַריין. — — — אינטויציע וואָס וועקט אין דער שאַפע־רישער רגע ביים פּאָעט די חושים פון דער עמאָציע, ברענגט במילא אַרויס די פּאָעזיע וואָס לעבט צווישן הימל און ערד, אין ליד־פאָרעם. — — —

דער ערשטער אָנרעג, דער ערשטער אימפּולס פון ליד קומט בלינד. איין בליץ און דו ווערסט פאַרפאָלגט ביז דו גיסט נישט אויס דעם געפיל אין אויסדרוק. ס׳ווערט באַלד אַזוי פאָרעמדיק, אַז ס׳איז דיר אַ שאָד דערפון צו מאַכן טעכניק: גראַמען, פּינקטלעכע סאָנעטן־שורות און דאָס גלייכן. אַז מ׳גייט אַוועק פון דער ערשטער סטיכיע ווערט אויפן וועג דער־וויל אויסגעוועפּט די שטימונג און ס׳באַקומט זיך אַן אָפּגעקילט ליד. — —

דאָס נאַטירלעכסטע איז צו לאָזן דאָס ליד אויספאָרעמען פון זיך אַליין. אויב אַ נויטיקער אויסדרוק ווערט צופעליק אַ גראַם, ווען ער קלינגט אַפילו אַלטמאָדיש, טאָר דער פּאָעט דערפון נישט ווייכן, נאָר דעם באַ־טרעפנדיקן גראַם לאָזן ווי ר׳שטייט און גייט. ר׳טוט דערביי צוויי ערלעכע זאַכן: נישט ער איבערפירט זיך, נישט דאָס ליד.

מיר גיבן־צו, אַז טעכניק אַרום אַ ליד שאַפט מיט זיך אַ געוויסן פּאָע־טישן חן. מיר גיבן אויך צו, אַז שפּראַכלעך שפּינט מען פון זיך אַ מאָל אַרויס אַ ניי וואָרט — אין אַ געלונגען ליד קלינגט אַן אַלט וואָרט אויך ניי — צי אַ געמאָסטענעם פערז, אַ גראַטענעם ריטעם. מיר ווילן אָבער נישט פאַרפירט ווערן פון באַוווסטזיניקן מעכאַניזם. — — —

אין פּראָצעס ביים פאַרפאַסן דאָס ליד, שאַפט זיך נישט אַזוי גרינג, ווי שטאַרק דער אָנרעג זאָל נישט זיין. אַ ליד שרייבן פאַרציט זיך אַ מאָל אויף מינוטן, אויף שעהען, טעג און אַפילו אויף וואָכן. אין צווישן שלאָפט זיך נישט אין די נעכט און ווייל אַזוי, פילסטו, אַז ס׳דאַזיקע ליד איז באַרעכטיקט צו דיינע אָנגענעמע מאַטערנישן און דו פאַרראַטסט נישט אַזאַ ליד. דעמאָלט, ווען דאָס ליד גיט דעם דיכטער אַזאַ ליכטיקן שאַפונגס־פּראָצעס, איז דאָס ליד זיכער ראוי אַז דער פּאָעט זאָל עס אַריינגעמען אין זיין פּאָעטישען רייסטער, ווייל עס קומט פון אמתן דיכטערישן מהות, און דאָס איז דער עיקר פון אַלע עיקרים וועגן ליד.

(ב)

— — — באַשאַפט די טעמע דאָס ליד אָדער פאַרקערט?

מיר ווייסן אַז אויך אַלטע טעמעס קענען אַרויסרופן נייע איינדרוקן.

די טעגלעכע לאַנדשאַפט אַרום דעם קינסטלער איז ווייט נישט די זעלבע וואָס נעכטן, אייערנעכטן און גיבן דעם מאָלער צי דעם פּאָעט באַנייטע פאַנטאַזיעס. דאָס ליד ווערט טעמאַטיש קיין מאָל נישט אויסגעשעפּט, פאַרקערט — דאָס ליד בלייבט תמיד ניי.

מיר מעסטן אַ קינסטלער בלויז נאָך דער שאַפונג זיינער. און נאָר אַזוי קענען מיר אורטיילן די פאַרשיידענע מדריגות פון זיינע קינסטלערישע באַגאַבטקייטן. דאָס איבעריקע גייט אונדז לגמרי נישט אָן.

דאָס אמתע ליד שטייט תמיד פעסט פאַר זיך אַליין; האַלט אויס דעם פּרווו פון אַלע אייביקייטן, ווייל עס אַנטהאַלט די נאַרונגען און עסענצן פון דיכטונג. דאָס ליד איז באַוואָרנט מיט דער נאַטור־שטאַנדהאַפטיקייט, וואָס איז פון דיכטערס געבענטשטן גאָב באַשיינט און באַחנט מיט פּאָעטישן אמת. אויפן מאָמענט איז אין געדאַנק מיר גראָד אונטערגעקומען דער איינדרוק פון אַן „איינפאַך" ליד, מיט פּשוטע מיטלען און ווערטער — אַ ליד פון דער אַמעריקאַנער דיכטערין עדנאַ סענט ווינסענט מילעי. אין יענעם ליד, וואָס איז גוט באַקאַנט, רעדט די דיכטערין פון אירס אַ רייזע אויף אַ „פערי" הין־און־צוריק אַ גאַנצע נאַכט און שטעלט אויף פאַר אונדז, מיט זעלטענע שטריכן, די איינזאַמקייט פון אַ שלאָפלאָז־היימלאָזן ביי נאַכט אויף די וואַסערן אינעם האַפן פון ניו־יאָרק. ס'איז, נאָך מיין מיינונג, אַ פענאָמענאַל ליד; ס'איז דער וווּנדער גופא, דער וווּנדער פון אַ נאַטירלעכער באַשאַפונג, וואָס דורך איר ווערן מיר קינסטלעריש שטאַרק דערהויבן. וואָס קען נאָך זיין ליכטיקער פאַר אונדזער געמיט? — — —

— — — דער עיקר גייט דאָ אין ריין־דיכטערישן אויסגוס; די פּאָעזיע דערפון פאַרמירט זיך שוין פון זיך אַליין, אויף איר אייגענעם נאַטירלעכן לויף, און שטעלט אויף פאַרן געניסער דעם „יהי אור" פון לאַנדשאַפטן, באַשעפעניש, טרויער — אַלץ וואָס מעשה־בראשית האָט איינגעפּרעסט אין דער לעבעדיקער און שווייגנדיקער וועלט.

ביים אולטראַ־קינסטלער געשעט עס אימפּולסיוו. מיר באַקומען דאָס נישט דורך דעם פּאָעטס דירעקטן קאָנטאַקט מיט זיין רעאַליסטישן אָביעקט, נאָר דורך אַזאַ דיסטאַנץ ווי עפּעס אַ גייסט, וואָס לאָזט זיך נישט אַקוראַט דעפינירן, וואָלט געשוועבט צווישן דער מיסטיק און דער רעאַליטעט. פאַרן בלויזן אויג, דאַכט זיך, זעט אַלץ אויס דייטלעך, כמעט באַרירלעך — און דאָך קענסטו דאָס נישט אָנרירן; מיינסט, אַז אָט דאָרט ביים עק־פעלד לאָזט זיך אַראָפּ דער הימל, בעת אין דער אמתן איז דאָס בלויז אַ האָריזאָנטאַלע אויסדוכטעניש.

מיר ווילן דאָ אויף קיין האָר נישט אָפּלייקענען דעם ריינעם סימבאָליזם. מיר זענען אָבער מער געניגט אין ליד, ווי אין קונסט בכלל, צום רעאַליסטישן סימבאָליזם אָדער רעאַלער מיסטיק, ווייל אַן דעם רעאַליזם־צוגאָב קען מען שטאַרק אָפּגענאַרט ווערן.

אַוודאי מיינען מיר נישט בלויז נאַקעטן רעאַליזם — מיר מיינען דאָס ליד, וואָס ווערט באַהויכט מיט אַ שמץ מיסטעריע. דער רעזולטאַט דאַרף זיין אַזאַ, אַז וואָס מער דו דערנענטערסט זיך צו אים, אַלץ מער אָפּגערוקטער, דערווייטערט ווערט ער פון דיר.

דאָס ליד דאַרף אַרויסברענגען די פּאָעזיע פון אַלע פאַרבאָרגענע זאַכן אין וועלכע מיר שלאָגן זיך אָן טאָג־טעגלעך פון אונדזער לעבעדיקן רעאַלן אַרום. נאָר אין דעם ליד ווערן זיי באַקליידט מיטן פּאָעטישן געמיט, במילא

מיט דער פּאָעזיע פון רעאַליסטיש־מיסטישן פאַרב־געמיש — און אויב מיר דערפילן דאָס, באַקומען מיר די ערלעכע וואָג און מאָס פון דעם מערק־ווירדיקן סוד, וואָס אַנטפּלעקט פאַר אונדז די אמתע פּאָעזיע.

בעריש ווײַנשטיין האָט מיטן רוב פון זײַנע שאַפונגען באַשטעטיקט, אַז די פאָדערונגען, וואָס ער שטעלט דעם פּאָעט און דער דיכטונג, האָט ער אַליין דערפילט. ער איז ניט בלויז אַ נאה דורש, נאָר אויך אַ דיכטערישער נאה מקיים!

צוגאָב־אויספירן צום אַרײַנפיר

מיר זענען מוסיף צוגאָב־אויספירן, וואָס זאָלן דערגאַנצן אונדזער אַרײַנפיר צום מאַטעריאַל, געדרוקט אין יובל־בוך.

דער עלעגישער טאָן דאָמינירט אָפט אין דער וואָרט־מוזיק פון ווײַנשטיינס שאַפן. אין דעמדאָזיקן טאָן זענען פאַרוועבט די אונטער־טענער פון חדרדיקן חומש־לערנען; פון דער באָבע חנהלעס תחינות־זאָגן; פון דער מאַמעס בריוו, וואָס האָבן דערציילט ווי אַזוי זי איז, זינט די טעג פון איר יונג־מוטערשאַפט ביז די שפּעטע מיטעלע יאָרן, געוווען צעשיידט פון איר מאַן; די אונטערטענער פון שלש־סעודותדיקע זמירות אין די שבת־פאַרנאַכטן, אין טאַטע־מאַמעס אָרעמער דירה אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד; דאָס „איכה"־געוויין אויפן חורבן פון יידישן לעבן אין אייראָפּע, און דער „יזכור" נאָך די זעקס מיליאָן יידן, וואָס די דײַטשע נאַציס האָבן אומגעבראַכט אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

בעריש ווײַנשטיין דאַרף כאַראַקטעריזירט ווערן ווי אַ דיכטערישער יחיד, אָבער אויך אין דער ראַם פון זײַן דור. מיר גיבן שטריכן צו אַזאַ כאַראַקטעריסטיק, בלויז אויפן יסוד פון צוויי ביכער זײַנע, — „לידער און פּאָעמעס" און „רײַשע". די פולע כאַראַקטעריסטיק איז פאַראַנען אין דעם רעגנבויגן פון אַלע אָפּהאַנדלונגען, וואָס זענען דער תוכן פון יובל־בוך.

*

דער דור יידישע פּאָעטן, וואָס איז אויפגעקומען אין אַמעריקע צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, איז אויך דער ערשטער דור אַמע־

ריקאַנער ייִדישע דיכטער וואָס דער רוב פֿון זיי האָט זיך קינסט־לעריש דערצויגן נאָר אויף דער ייִדישער ליטעראַטור. ביי די פריערדיקע דורות ייִדישע פּאָעטן אין אַמעריקע, זענען שטאַרק קענטיק די השפעות פון רוסיש און דייטש, פון פראַנצויזיש און ענגליש. דער נייער דור האָט שוין נישט געדאַרפט לערנען אין דער פרעמד. אויף וויפל יעדער אמתדיקער דיכטער, ווי אייגנאַרטיק און אָריגינעל ער זאָל נישט זיין, דאַרף אויך זיין אַ המשך פון זיינע פאָרגייערס. ציט טאָקע דער נייער דור ייִדישע דיכטערס אין אַמעריקע זיין יחוס בעיקר פון דער ייִדישער פּאָעזיע, און אַזוי אַרום ציט ער ווייטער און באַרייכערט מיט נייע קינסטלערישע רינגען די קייט פון דער נאַציאָנאַלער שאַפונג ביי ייִדן.

צו די וויכטיקסטע פאַרטרעטערס פון אָט דעם נייעם דור ייִדישע פּאָעטן געהערט בעריש ווײַנשטיין.

אַ פאַרבענקט אימיגראַנטיש ייִנגל, מיט אויגן דערשטוינטע און מיט אַ האַרץ וואָס ווייטיקט דורך די פּיינען פון אַלע פאַרוואָגלטע און געקריוודעטע, — האָט ווײַנשטיין געוואַנדערט איבער גרויס ניו־יאָרק. שקיעה־צייט און אין רעגנדיקע נעכט האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט ביי די באָרטנס. די שיפן און זייערע מאַטראָסן, די פישערס און די האַפן־מיידלעך, — זיי האָבן ביים דערשטוינטן ייִנגל אַרויסגערופן דין־שאַרפע בענקשאַפטן נאָך אומבאַקאַנטע ווייטן און געצונדן אין אים יענעם צער, וואָס ער האָט אים געגעבן אויסדרוק אין די ערשטע לידער זיינע. ער האָט געוויייטיקט דעם וויי פון געקריוודעטע נעגערס און פון פאַרהאָרעוועטע איטאַליענישע אימיגראַנטן מיט דער זעלביקער שניידיקייט ווי ער האָט געוויייטיקט דעם פּיין פון היימישע ייִדן, וואָס בלאָנדזשען אַרום אין דער גרויסער אַמעריקאַנער שטאָט.

ווײַנשטיין, דער דיכטער פון שטאַרקן אויסדרוק, האָט אין עלעגישע טענער פאַרוואַנדלט די פאַר־מלחמהדיקע ייִדישע ווירקלעכקייט אין אַ ליכטיקע לעגענדע, און אין דער לעגענדע שטייען אויף תחית־המתים אי די געשאָכטענע ייִדן, אי זייער טויזנטיאָריק ייִדיש־לשון.

מיט זיין ייִדישער וואָרצלדיקייט, מיט דער טיפקייט פון זיין

געפּיל, באַנעמט ווײַנשטיין דעם אויפקום פון מדינת ישראל ווי אַ לעבעדיקן המשך פון חדרדיקן חומש־לערנען:

דו קענסט זיי, די חלוצימדיקע יונגען, די שטאָלצע יידישע מיידן,
וואָס רייסן זיך איצט פון יהודהס זאַמדן, ווי בראַנדזענע לייבן.
האָסט זיי געזען אין די שטעטלעך מיט טאַטע־מאַמע זיך שיידן;
אויף פוילנס ווייסלדיקע וואַסערן די הויכע שטראָמען שניידן.
אין די סדרות האָבן זיי זיך געלערנט שפּאַלטן דעם ירדן;
אויסצושטיין פון בראַנד דעם דאָרשט, פון דער זון די שריפה;
פישערנעצן און אַנקערס פאַרוואַרפן אין די באָרטנס פון חיפה.

(לידער און פּאָעמעס)

„סגנון אחד עולה לכמה נביאים ואין שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד" — זאָגט די גמרא. און דאָס איז אויך חל אויף פּאָעטן: אַלע דיכטער נוצן די זעלביקע פאָרמען און מאָטיוון, אָבער יעדער אמתדיקער פּאָעט האָט דערצו זיין אייגענעם נוסח. בעריש ווײַנשטיינס דיכטונג איז אַ פּועל־יוצא פון די פּאָעטישע דערגרייכונגען פון זיינע פאָרגייערס און עלטערע מיטצייטלערס; אָבער גלייכצייטיק דערקענט מען אים לויט דעם ספּעציפישן ניגון פון זיין פּערז און לויט דעם אוצר פון זיין ווערטער־באַנוץ. אי דער ניגון ווײַנשטיינס, אי זיין וואָרט־אוצר זענען אַ סינטעטיזירונג פון תחינה־ניגון, פון עברי־טייטש־סטיל מיט דער מאָדערנער יידישער שפּראַך־דערגרייכונג. אין אָט דעם נוסח האָט בעריש ווײַנשטיין איינגעוועבט זיין יחידיש קול, דאָס קול פון דער אייגענער נשמה.

מיר וועלן נעמען עטלעכע לידער ווײַנשטיינס און עטלעכע פּערזן פון לידער, — אַ פּאָר פון אַ סך, — וואָס דורך זיי קאָן מען דערזען און דערקענען די אַלטע קוואַלן, וואָס דאָס ריזלען פון זייערע שטראָמען איז אויסגעמישט מיט ווײַנשטיינס יחידישער נגינה. וועגן טויטלאַגער מאַידאַנעק, למשל, איז אין דער יידישער דיכטונג אַ סך געשאַפן געוואָרן. אין זיין בוך „לידער און פּאָעמעס" האָט ווײַנשטיין אַ ציקל לידער אונטערן נאָמען „מאַידאַנעק", און דאָס לעצטע ליד פון ציקל הייסט „מאַידאַנעק גאָט". אין דעם דאָזיקן ליד, הערן מיר אין איינעם מיטן יידישן דיכטער אויך די

גרויסע קלאָג פון עברי־טייטשיקן „חורבן בית המקדש", דעם טרויער־ניגון פון אַלטע תחינות און סליחות, מיט אַ דערמאָנונג פון ביאַליקס „אין שחיטה־שטאָט":

מאַידאַנעק, גאָט איז נישט קיין ליד.
ס'איז שייטער — דער מזבח פונעם ייד,
וואָס מ'האָט לעבעדיקערהייט פאַרגליט.
שאַרבנס פון נישט־דערברענטע גופים —
שטומע אותיות פון אונדזערע קדושים.
אָ, געגאַנגען צו דער הייליקער עקדה
איז מיט שמע־ישראל אונדזער זיידע —
און טרויעריקער פון מגילת איכה
איז דער קידוש־השם פון אונדזער ליד.

מאַידאַנעק גאָט, איז דאָס גראָע, כשרע אַש
פון די שטילע באָבעס פון „גאָט פון אברהם"
פון אונדזערע קלוגע „אלף־בית"־קינדער
און געבוירענע „שיר המעלות"־עופּהלעך.
די לוחות פון משה רבינוס מידבר־טעג.
דאָס אַלץ האָט מען פראָסט געשענדט
און געוואָרפן ווי האָלץ פון די הענט,
אין בראַנדאויוונס, אין קאַלכאויוונס.
גאָט, טרעבלינקע, לובלין און מאַידאַנעק, —
איז נישט „די שחיטה־שטאָט" פון ביאַליק.

נישטאָ, גאָט, אַזוי פיל טויטן אין „ונתנה תוקף"
וויפל עס האָט געטראָגן מיין פרומער זיידע,
ווען ער איז געגאַנגען אין טלית־תפילין
צו די אויוונס — — —
דאָס האָט מען דיך און מיך געהאַנגען
מיט די פיס אַרויף — אויף שטאַנגען.

מען האָט אויסגעטאָן נאַקעט דעם ייד,
פון באָרד, פיאות, אַטלאַס און זייד

מען האָט אויסגעטאָן מיין טייערע באָבע
פון שטערנטיכל, פון די בענטשליכט.

(לידער און פּאָעמעס)

די ווערטער, אויסדרוקן און שורות, וואָס מיר האָבן דאָ אונ־טערגעשטראָכן, פירן אונדז צום שורש פון וויינשטיינס אַסאָציאַ־ציעס, אימאַזשן און פאַרגלייכן. די וואָרצלען געפינען זיך: אין ח ו מ ש — די עקידה, משה רבינו מיט די לוחות; אין די אגדות פון חורבן בית המקדש — „טרויעריקער פון מגילת איכה"; די יידישע אותיות אין די טעג פון ד ר י ט ן חורבן זענען געווען „שטומע אותיות" און נישט ווי די אותיות פון אַלף־בית בעתן ע ר ש ט ן חורבן, — דעמאָלט האָבן זיי יאָ זיך געמיט אָפּצו־שרייען די ביטערע גזירה; אין די מיטלעלטערישע אויטאָ־דאַ־פעס, ווען מ'איז אומגעקומען על קידוש־השם אויף די ש י י ־ט ע ר ה ו י פ נ ס; אין סליחות און פיוטים, — „נישטאָ, גאָט, אַזוי פיל טויטן אין ו נ ת נ ה ת ו ק ף"; אין אַלטן היימישן טראַכט און לעבנס־שטייגער, — „גאָט פון אברהם", „שיר המעלות"־צע־טעלעך איבער די געלעגערס פון קימפּעטאָרנס, טלית און תפילין, שטערנטיכלעך, אַטלאַס און זייד; אין דער מאָדערנער ליטעראַטור ביי יידן, — די דערמאָנונג פון ביאַליקס א י ן ש ח י ט ה ־ש ט אָ ט, און אַפילו אין דער פירונג פון די היימישע קצבים, — „געהאַנגען מיט די פיס אַרויף — אויף שטאַנגען". אַזוי האָבן געטאָן מיט די געשאָכטענע קעלבער די היימישע „יונגען פון דער וואָליע", וואָס בעריש וויינשטיין האָט זיי אַזוי דיכטעריש געשילדערט שוין אין זיין ערשטן בוך לידער ב ר ו כ ו ו אַ ר ג. אינעם ליד „מ אַ י ד אַ ־נ ע ק ג אָ ט" זעט מען די היסטאָריש־עמאָציאָנעלע וועלט און די איצטיקייט פון וויינשטיינס קינדהייט און יוגנט, און אין זיי וואָרצלט זיין ליד פון היינט.

די נאַציאָנאַלע נויט פון יידישן פאָלק און די רעכטלאָזיקייט פון יידן, ווי יחידים און קהילות, האָבן געגעבן ל אָ ג י ש ע באַרעכ־טיקונג דעם היינטצייטיקן ציוניזם. אין האַלערישן פּוילן, בעת די הייסע וויכוחים צווישן די חלוצים און די בונדיסטן, האָט דער יונגער בעריש טיף פאַרשטאַנען די ציוניסטישע ל אָ ג י ק, אָבער ניט די מאָדערנע פּאָליטישע באַגריפן. ער האָט געזען ארץ־ישראל דורך דער פּריזמע פון חומש מיט רש"י, און די ווינטערדיקע סדרה „ויחי" האָט געלאַשטשעט זיין בענקשאַפט צום זומערדיקן לאַנד

פון די אָבות. דער וועג צו כנען ציט זיך פון פדן־אַרם דורך ריישע קיין תל־אביב. אַט איז אַ דיכטערישע דערמאָנונג פון דער צייט ווען וויינשטיינס צוויי שוועסטערקינדער, זיינע שפּעטערדיקע שוואָ־גערס, זענען אַוועק פון ריישע אין איינעם מיט אַנדערע חלוצים:

ביסט אַרויס אַ ייִנגל אַ דערוואַקסענער מיטן חומש אין דער האַנט
מיט ל״ג־בעומרדיקן לוסט — איינגעמען דאָס לאַנד!
גייסט נישט מער אין חלום, נישט דורך יענעם זאַמד,
ווי ר׳ שלום מלמד ביים פאַרצוויגענעם „ואני״,
ווען ר׳האָט דיך געפירט אין פרשת „ויחי״
אויפן וועג פון כנען,
דורך דער טרויעריקער מעשה פון פדן,
ווען די מוטער רחל איז פּלוצעם געשטאָרבן דאַן
— — — — — — — — — — — — —

און די ערד אונטער די באָרוועסע פיס דיינע האָט געבריט,
ווי ביי די יונגען אין ירושלים דאָרט, אין תל־אביב איצט,
מיטן של־יד ביים האַרץ, דעם של־ראש אויפן געדיכטן קאָפּ האָר
— — — — — — — — — — — — — —

אין די הענט טראָגסטו דעם זיידנס שבועה פון צוויי טויזנט יאָר,
וואָס האָסט מיטגענומען פון חדר
און פון טאַטנס פּסחדיקן סדר,
האָסט געעפנט די מוראדיקע טיר פון שפוך חמתך
און צום אבותדיקן לאַנד געזאָגט: כ׳בין ווידער דאָ.
— — — — — — — — — — — — — — — —

קלעטערסטו אויף די מאַסטן מיט אַן אויפגעבלאָזן העמד
— — — — — — — — — — — — — —

פון היינט אָן, — ביסטו, ייִנגל אויך אַ פּאָן.
זבולון לחוף ימען — — —
אַבי ס׳האָט דיך אויסגעחלומט די פאַרוויינטע צאינה וראינה;
די מאַמע ביי די פּערלדיקע בענטשליכט, ביי דער תחינה;
דאָס מה נשתנה־ייִנגל פון עבדים היינו,
וואָס האָט — — — שלעפערדיק פון דער הגדה קוים נאָכגעשטאַמלט
חד גדיא, חד גדיא;
איז געקומען גאָט און געשאָכטן דעם מלאך המות...
ביים ייִנגל איז דאָס קיין מאָל נישט געווען קיין קאַטאָוועס,
נאָר אויף דער וואָר —
נאָך צוויי טויזנט יאָר.

(לידער און פּאָעמעס)

גראָד אַ פּאָעמע וועגן זיין פּאַרוואָגלטן פעטער שלמה, וועמעס טעכטער ס׳זענען פאַרברענט געוואָרן דורך די נאַציס, פּירט אַרויף וויינשטיינען, — אפשר צוליב דעם פעטערס נאָמען — אויפן נוסח פון סענסועל־ראָמאַנטישסטן ספר אין תנ״ך:

> שלמה, אַ קאַפּיטל פון שיר השירים.
> ברוין איז ער ווי די ערד פון עין גדי.
> קוק נישט אויף דעם, וואָס ער איז געל —
> דאָס האָט די זון אים אָפּגעברענט אַזוי,
> אויף די ציגעיינער־וועגן אין טיפן אונגאַרן.
>
> (לידער און פּאָעמעס)

אין בעריש וויינשטיינס שאַפן טרעפט מען זייער ווינציק קורצע לידער — און נישט קיין סך קורצע שורות. אי דער ווילן זיך אין גאַנצן אויסצולאָדן, אי זיין נוסח־קרובהשאַפט צום לאַנגן אָטעם פון די טראַדיציאָנעלע עברי־טייטשן — פירן אים צו דער לאַנגער שורה און, טייל מאָל, צו באַרעדעוודיקייט. עס דוכט זיך, אַז אָט־אָט וועט ער זיך אויסגליטשן און אַריינפאַלן אין אַ פּלייץ פון פשוטער פּראָזע. עס טרעפט, אַז ער גליטשט זיך טאַקע אויס אַ מאָל, אָבער בדרך־כלל מיידט ער אויס די סכנה. וויינשטיין האָט וואַכעדיקע חושים נישט בלויז פאַר דער מוזיק פון ווערטער, נאָר אויך פאַר דער מוזיק פון קלאַנגען, — ווי עס זאָגן עדות זיין בעטהאָווען־פּאָעמע און דאָס ציקל לידער וועגן אַ ריי קאָמפּאָזיטאָרן (לידער און פּאָעמעס).

*

וויינשטיין איז דיכטעריש אַ פּראָדוקט פון גאַליציעס שטאָט ריישע און פון דער גרויס־ניו־יאָרקישער איסט־סאַיד. בילדער פון דער אַלטער היים מישן זיך ביי אים אויס מיט אימאַזשן פון דער אַמעריקאַנער גרויסשטאָט. פון צווישן די שטיינער פון ברוקירטע ניו־יאָרקער גאַסן, פילט ער אַרויס דעם ריח פון פריש צעאַקערטן פעלד און די דופטן פון היימישן צוויט. אָבער אויך די אַמעריקאַנער ערד ווערט אים ביסלעכווייז אייגן און היימיש, ווייל זי הילט איין די קערפּערס פון זיינע טאַטע־מאַמע און מ׳קאָן שוין אויך אין אַמעריקע גיין אויף קבר־אָבות. אויף אַמעריקעס ערד זוכט

דער דיכטער גאָט. ער זוכט אים אין איינעם מיט אַנדערע פֿאַר־בענקטע יידן. ער זעט דעם גרויסן עלנט אונטער ניו־יאָרקער בריקן אין די רעגנדיקע נעכט; און אין אָוונטבלאָ ביים האָדסאָן דער־קענט ער דעם נביא, דעם שטראָפֿער און טרייסטער, פּונקט ווי ער האָט אים אין זיינע חדר־יאָרן געזען אין ריישע. אָבער אין אָנבליק פֿון מאַידאַנעק האָט וויינשטיין נישט געקאָנט שאַפֿן די שירה וועגן אַמעריקע. ער האָט צו ערשט געבראַכט אין דער יידישער ליטעראַ־טור זיינע חורבן־לידער וואָס, לויט זייער געמיט און קראַפֿט, וואָר־צלען זיי אין די קינות און סליחות, וועלכע עס האָבן געשריבן די פּייטנים אין דער צייט פֿון די צלם־טרעגערס און אין יאָרן פֿון גזירות תח ותט.

וויינשטיין איז אַ דערציילערישער דיכטער, און פֿון זיינע לאַנג־אָטעמדיקע שורות זינגט אַרויס די ליריק פֿון אַ טיף פֿאַרבענקטער נשמה. מיט גרויס פּשטות זינגט ער זיין ליד וועגן דעם צער פֿון יחיד און כלל. זיין פּשטות פֿאַרמאָגט אי וויכקייט, אי כוח. אויף זיינע ברייטע שורות הויערן אַלע שיינקייטן, און פֿון זיינע וואָרט־פֿאַרבינדונגען פֿליסטערן אַרויס אַלע פֿרומקייטן פֿון קרבן מנחה־סידור, אַלע תחינהדיקע צערן, אויסגעמישט מיטן ניגון פֿון חומש־לערנען און פֿון יידישער ציבורדיקייט. ער זעט יידן מיט ת ה ל י ם־ד י ק ע פּנימער און נ ב י א י מ ד י ק ע בערד; ש ל ו ש ־ ס ע ו ־ד ו ת ד י ק ע ספֿרים און א ו י ס ג ע ד אַ ו ו נ ט ע עטרות פֿון טלי־תים. זיינע קדושים גייען צום טויט דורכן ו נ ת נ ה ת ו ק ף. עס באַגעגענען זיך ביי אים און גיסן זיך צונויף די טענער פֿון המונישן תהלים־זאָגן מיט דער מוזיק פֿון דער וועלטס גרעסטע קאָמפּאָ־זיטאָרן.

אין וויינשטיינס לידער דאָמינירט די ש ק י ע ה. די גרויסע בענקשאַפֿטן, וואָס טליען אין זיין הארץ, פֿלאַקערן אויף מיט ז ו נ פֿ אַ ר ג אַ נ ג, און די פֿלאַמען פֿון שקיעה לייכטן אויף אין די סאַמע צייטיקסטע פֿון זיינע לידער. מ נ ח ה ־ צ י י ט הערט מען אין זיינע פֿערזן דעם יאָמער פֿון האַרבסטיקע ווינטן און דאָס טריבע קלאַפּן פֿון ערב־ווינטערדיקע רעגנס. אין זיינע ערשטע לידער איז וויינשטיינען נאָכגעגאַנגען די אַלטע היים, און דערנאָך האָט

אים געגומען פײניקן איר חורבן. „אַ ייד ווײנט, ווײל ער האָט שוין ניט נאָך וואָס צו בענקען היינט". בעת די שקיעהס ציט דעם דיכטער צו זײַן אַמאָליקער היים אויף דער איסט־סאַיד, ווײל זי איז דער אײנציק־געבליבענער זכר פון דאָרטן, פון אַלט היימישן אַמאָל.

טאַקע ווײל ווײַנשטיין האָט די גאַנצע צײַט פון זײַן וווינען אין אַמעריקע געלעבט עמאָציאָנעל אין דער אַלטער היים, איז ער געווען בכוח צו שטעלן אַ קינסטלערישן מאָנומענט זײַן חרוב־געוואָרענער געבוירן־שטאָט רײשע.

ווײַנשטיין שילדערט די אומגעבראַכטע קהילה, אַזוי ווי זי האָט אויסגעזען אין דער צײַט ווען זי האָט ניט פאַרגעפילט דעם חורבן, וואָס לויערט אויף איר. ער מאָלט אַלץ, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שטאָט — הן אין מאַטעריע, הן אין גײַסט. צו יעדן טיפּ און צו יעדער שיכט איז דער צוגאַנג אַן אַנדער, אַפילו אין דער שפּראַך און אין דער פאָרעם, און מ'האָט דאָס געפיל, אַז עס פעלט אײנהײטלעכקייט אינעם ווערק. אין דער אמתן אָבער איז דאָס בוך „ר ײ ש ע" לכתחילה געפּלאַנט געוואָרן ווי אַ מאָזאַיִק, — ווײל פילזײַטיק און פאַרשיידנפאַרביק איז געווען דאָס יידישע לעבן דאָרט. אָבער עס איז פאָרט דאָ אַן אינעווייניקסטע געבונדנקייט פון אײן טייל בוך מיטן אַנדערן, און די רײשע־מאָזאַיִק, אַ דאַנק איר קינסטלערישקייט, ווערט באַהעפט צו אײן שאַפערישער גאַנצקייט.

„ר ײ ש ע" באַשטייט פון זעכצן לאַנגע קאַפּיטלעך, וואָס אין זײ איז אײנגעגלידערט דאָס כאַראַקטעריסטישע, אײגנאַרטיקסטע פון דער שטאָט, רײשע איז געווען אַ צענטער פון חסידות און לומדות און אַ האַנדלסקנופּ צווישן מזרח־און מערב־גאַליציע. אַחוץ דאָס לעבן פון די רײשער יידן, ווי אַ קיבוץ, ווערן אויך געשילדערט כאַראַקטעריסטישע טיפּן פון חסידישע רביים אַזוי, אַז צום סוף פון ווערק האָט דער דיכטער געדאַרפט געבן קורצע ביאָגראַפיעס פון די חסידישע פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען געמאָלן אין דער עפּאָפּעע. לאָקאַלע מנהגים, פאָלקלאָר און רײשעס שפּראַך־אײגנטימלעכקייטן, קינסטלעריש סינטעטיזירט, האָבן דערפירט, אַז

„ר י י ש ע" זאָל זײַן אַ פּאַסיקער מאָנומענט פֿאַר דעם שײנעם און ליכטיקן, וואָס איז פֿאַרגאַנגען אין פֿלאַמען בעת דער בראַנדיקער שקיעה פֿון מזרח־אײראָפּעישן ײדנטום.

דאָס בוך „ר י י ש ע", — „לזכרון די טויזנטער ײדן, וואָס זענען אומגעקומען אין מײַן הײמשטאָט", — טראָגט דעם חותם פֿון אויפֿריכטיקן דיכטערישן וואָרט. אַלע ניואַנסן פֿונעם הײמישן ײדיש זענען דורך ווײַנשטײנען אויסגענוצט געוואָרן, אָבער נישט ווי אַ קינסטלערישע קאָקעטירונג, נײַערט די אַלטהײמישע שפּראַכ־ניואַנסן זענען אַ שעפֿעריש־סטיליסטישער אָפּשײַן פֿון די געשילדערטע געשעענישן און געשטאַלטן.

אין דעם הײמישן „רעאַליסטישן" און טײל מאָל פּראָזאַיש קלינגנדיקן שפּראַך־נוסח גליט דאָס פֿײַער פֿון אויפֿריכטיקן דיכטערישן געפֿיל. ווײַנשטײן האָט דאָס דאָזיקע פֿײַער נישט געלאָזט אויסשפּרײטן זיך מחוץ די נײטיקע גרענעצן, כּדי נישט אַריבערצושפּרײזן פֿון דיכטונג צו סענטימענטאַלקײט. מיט באַוווּסטזיניקײט, מיט דער ניכטערקײט פֿון אַ בוימײסטער, האָט ער די גאַנצע צײַט אין זינען געהאַט דעם עיקר, — זײַן ציל: צו שילדערן אין פֿערזן אַ שטאָט מיט ײדן.

אָט די ציל־באַוווּסטזיניקײט פֿונעם דיכטער האָט גורם געווען, אַז כאָטש ער שילדערט אין בוך אַ פֿאַרגאַנגענע וועלט, זאָל זי אין ווערק נישט בלײַבן אַ פֿאַרגליווערטער עבר, נאָר זי זאָל אָטעמען מיט לעבן, גלײַך ווי די שטאָט רײַשע און אירע מענטשן זאָלן נאָך איצט זײַן פֿולסרנדיקער הווה. דער אַ מ אָ ל פֿון רײַשע איז אין בוך פֿ אַ ר ה י י נ ט י ק ט געוואָרן; ס'איז פֿאַראַן אַן אָרגאַנישע אחדות צווישן די געשילדערטע אָביעקטן און דער שפּראַך, אין וועלכער זײ ווערן געשילדערט.

פּאָעטישער ײשוב־הדעת אין שרײַבן געהערט צו ווײַנשטײנס אָריגינעלקײט. זײַן „פּראָזאַישקײט" פֿאַרהיט אים פֿון נוצן בליש־טשענדיקע און „אײדעלע" ווערטער, וואָס קאָנען לײַכט אָפּנאַרן, — „שײנע" ווערטער, וואָס ווערן אָפֿט על פּי טעות אָנגענומען פֿאַר אמתן דיכטערישן אויסדרוק. די פּאָעטישע אָריגינעלקײט, וואָס ווײַנשטײן האָט אַרויסגעוויזן אין ר י י ש ע, באַהאַלט זיך אונטערן

שלײער פון פשטות, אָבער דער שלײער איז אַזוי דורכזעעוודיק, אַז דער אמתער וואָרטגעניסער קאָן די דיכטערישע אײגנאַרט נישט פאַרזען.

היות ווײַנשטײנס ייִדיש איז אַזוי קרוביש צו עברית, איז ער שטענדיק באַהערשט פון דער גרויסער תשוקה, אַז זײַנע שאַפונגען זאָלן איבערגעזעצט ווערן אויף העברעיש. באַגאַבטע העברעישע פּאָעטן פון פאַרשידענע דורות, שולעס און ריכטונגען באַקומען דיכטערישן אויסדרוק אויך דורך איבערזעצן זײַנע שאַפונגען.

✶

אין „מכילתא״, אַ מדרש־הלכה צום ספר „שמות״, איז פאַראַנען אַ „מסכתא דשירתא״, וואָס איז אַ פּירוש צו שירת־הים — צו „אָז ישיר״, וואָס משה רבינו און די ייִדן האָבן געזונגען נאָך דעם ווי דער ים האָט זיך פאַר זײ געשפּאָלטן און זײ זענען אַריבער די וואַסערן צו דער טריקעניש. אין דער „מסכתא דשירתא״ ווערן אויך באַשײדט די ווערטער „קפאו תהומות בלב ים״ — „די אָפּגרונטן האָבן געגליווערט אין ה אַ ר צ ן פון ים״. אין „מכילתא״ ווערט געזאָגט : „דער ים האָט פריער ניט געהאַט קײן ה אַ ר ץ, איז געקומען גאָט, ברוך הוא, און פון ייִדן וועגן האָט ער דעם ים געגעבן אַ ה אַ ר ץ״. ווען די ייִדן זענען געשטאַנען בײַם באַרג סיני, צו נעמען די תורה, איז געשריבן : „וההר בוער באש עד לב השמים״, — „און דער באַרג האָט געברענט מיט פײַער ביזן ה אַ ר ץ פון די הימלען״. פריער האָט דער הימל נישט געהאַט קײן ה אַ ר ץ, נאָר פון ייִדן וועגן האָט גאָט, ברוך הוא, אים געגעבן אַ ה אַ ר ץ״.

פרעגן מיר : אויב דער ים האָט אַ האַרץ, און דער הימל האָט אַ האַרץ, — ווו־זשע איז געווען דאָס האַרץ פון דער מענטשהײט, ווען די נאַציס האָבן גענומען אומברענגען זעקס מיליאָן ייִדן ? צי איז טאַקע מעגלעך, אַז די גאַנצע מענטשהײט האָט ניט קײן האַרץ ?

ר׳ יהודה הלוי, דער דיכטער און דענקער פון דער „גאָלדענער עפּאָכע״ אין מיטלאַלטער, האָט מיט אונדז געלערנט : „ישראל — לב שבאומות״, ד י י י ד ן ז ע נ ע ן ד אָ ס ה אַ ר ץ פ ו ן ד י פ ע ל ק ע ר.

ווען אמתע יידישע דיכטערס קוקן אַריין אין זייער אייגענעם האַרץ, זעען זיי אויך וואָס ס׳טוט זיך אין די האַרץ־טיפענישן פון יידישן פאָלק. פון דעם פאָלקישן האַרץ האָבן אונדזערע גאָט־גע־בענטשטע פּאָעטן אָפּגעשריבן אַלץ, וואָס זיי אַליין און וואָס אַלע יידן פילן זינט די דייטשע נאַציס האָבן אומגעבראַכט אַ דריטל פון אונדזער אומה. אָבער אין האַרץ פון יידישן פאָלק האָבן טאַלענ־טירטע יידישע דיכטערס אויך דערזען דאָס פלעמל, וואָס די כהנים האָבן גענומען פונם „אש התמיד" אויפן מזבח, איידער אונדזערע אור־אור־עלטערן זענען אַוועק אין גלות אַריין. אונדזערע פּאָעטן האָבן דערקענט דאָס מזבח־פלאַקערל פון בית המקדש, — דאָס פלעמל, וואָס האָט זינט דעם חורבן געצונדן די יידישע האָפענונגען אויף גאולה און געוואַרעמט דעם בטחון, אַז זי וועט באמת קומען.

בעריש וויינשטיינס לידער זאָגן עדות, אַז ער פאַרנעמט אַן אָרט אויבנאָן צווישן די גרויסע יידישע פּאָעטן, וואָס האָבן דורך אַריינ־קוקן אין אייגענעם האַרץ אויך אַריינגעקוקט אין האַרץ פון עם ישראל.

דב סדן

במבואי האסופה

א

זכות־בכורה, שעמדה לי, בבואי להציג לפני קהל־העברים את המשורר בריש ווינשטיין ולספר בדרכו ובפעלו, נמשכת לה זכות־מישנה לספר עתה בהמשכם. זכות ראשונה נתגלגלה לידי, לפני שש עשרה שנה, עם הופעת הפואימה „ריישע" בתרגומו העברי של צבי שטוק („רישא", הוצאת ספרים מ. ניומן, תל־אביב, תשי"א), — במבוא מפורט למדי ניסיתי לקיים את התעודה הזאת, באופן שהקדמתי שירטוט של תיאור על דרכה של שירת יידיש המודרנית, כדרך התרקמותה בגליציה, כדי לראות על רקעה את דרכו של משוררנו, הן מבחינת ההמשך שלפניו הן מבחינת החידוש שלעצמו. וכן ניסיתי להעמיד על הביקורת, שנמתחה עליה על שירתו והבלטתי את עיקרי דבריהם של מעריכיו, איש איש וראייתו כדי שדרכו של המשורר תיראה מצדי־צדדים. באחרונה ביקשתי להעמיד על שרשו ומחצבתו, ולשם־כך הרחבתי את הדיבור על עיר־הולדתו ועל בית־גידולו בה. דברי אלה חזרו ונדפסו כדיוקם גם בספרי „אבני מפתן" (הוצאת י.ל. פרץ, תל־אביב, תשכ"ב), אלא שחילקתים שני מאמרים; הראשון, שענינו כשמו: חטיבה ודרכה, על שירת יידיש בגליציה (עמ' 195־199); האחרון, שאף ענינו כשמו: דיוקן ומצבה, על בריש ווינשטיין (שם, עמ' 204־224). זכות המתגלגלת לידי עתה, במבואי האסופה שלפנינו, מניחה בידי לחזור ולסקור בקצרה את פועלו, שהיה לפני עיני בימי חיבור מבואי ההוא, וכל עצמו שני ספרים, שיצאו לאור עד אותה שעה, הלא הם ספר שיריו „ברוכוואַרג" וספר שירתו „ריישע", וכן לצרף להם סקירה והערכה לספריו, שנתווספו מאותה שעה ואילך.

ב

ואפתח בענין בכור־ספריו „ברוכוואַרג", כדי לציין, כי קבלת־הפנים הנאה שזכה לה ושהיו שותפים בה מבקרים ומעריכים

נחשבים, כשם שהעלתה גל של חום־התפעלות, כך העלתה גל של צינת־הסתייגות. יש אומרים, כי מקורה של אותה צינה בקנאה ויש אומרים כי מקורה בתמיהה, ודומה עלי, כי גם זו וגם זו באו מתוך הקושיה: מה ראו אישים מסויימים אלה להתפעל על מי שבא בימים, שבהם היתה שירת יידיש מצויינת במידת טיפוח מופלג של ליטוש ועידון, והוא שירתו אין בו ממידתה זו ופעמים אף לא מקירובה, ואדרבה, כובד וחיספוס בה ואפילו חריקה לא נעדרה ממנה. ויפה השיב על אותה קושיה ביחוד א. טאַבאַטשניק, כי כך דרכה של שיבה אל החיים, שראשית פסיעתה היא שיבה אל הפרימיטיב, וכך דרכו, וביחוד ראשית דרכו, של מי שעיקרו אינו במה שלמד מן הספר אלא במה שלמד מן החיים, כשלימוד ראשון חלה בו תיבת אויסגעלערנט שעניינו התאמנות, ולימוד אחרון חלה בו תיבת אָנגעלערנט שעניינו התנסות. ואמנם, עם ספרו „ברוכוואַרג" היתה הרגשה, כי בא משורר שונה משלפניו, כשעיקר השוני שבו הוא במה שלא נסתייע בנחלת לשון לא לו, כדרך שנסתייעו בה פרחי משוררים וצעיריהם, שנעזרו בעשרה של הלשון, כיבושם של המשוררים שקדמום על אסכולותיהם, למן ה„יונגע" עד האינזיכיסטים באמריקה והאכספרסיוניסטים באירופה והניאורומנטיקנים מכאן ומכאן. אדרבה, ב„ברוכוואַרג" נראתה בבירור העדפת מלים פשוטות על מלים מהוקצעות, העדפת גושים על גבישים, ויפה אמירתו אחת של ע. פערשלייסר, כי בחינת זאָגן מרובה כאן על בחינת זינגען, או נאמר דרך־חריזה: האמירה מרובה על הזמירה; כשם שיפה אמירתו אחרת, כי מלוא הריאַליות נתפסת כאן כיש מיטאפיסי. ולענין זיקתו של המשורר לקודמיו ולבני גילו דין שתתבקש נקודת זימון בינו לבין א. מ. פוקס מכאן, ובינו לבין אבא שטולצנברג מכאן, שהצד השווה בהם, שהפסיכיקה שלהם נתגבשה בחלל־אוירם של שדות־קרב עקובי־דמים. ונעיר, כי הבחנה זו של מצע החוויה ודאי שיש בה כדי להבדיל בין משוררנו ודומיו ובין בני ארצו, שבאו לאמריקה קודם המלחמה הראשונה, וראש להם משה נאדיר ומשה לייב האלפרן, שחוויית המלחמה שהחריבה עיירות גידולם היתה להם בכל זאת שמועה מרחוק. שוני זה נתחדד אף בשל שוני היניקה, והוא רישום

שירתו של היינה על חוד החריפות וההלעגה שבה, שאתה מוצאו בשירתם של משוררי גליציה שלפני המלחמה ואי אתה מוצאו בשירתם של משורריה לאחריה, וביותר באלה שאָפיים לא היה עשוי לכך מטבע ברייתו, וממילא עוקצה של אירוניה נחסר מהם מכל וכל.

שאלת זיקתו של משוררנו לשלפניו נתחדדה עם ספרו „ריי־שע", שהיה בו גם צמצום גם הרחבה לגבי קודמו. צמצום — קודמו נושאיו מרובים היו ויונוקותיהם ושלוחותיהם מרובים היו, שהמשורר הפעיל שכבות־חוויה שונות ורחוק וקרוב היו כשכנים סמוכים, ואילו הפואימה נושאה גדור ומסויים, ועניינה עיר מו־לדתו, מצבה לה לאחר חורבנה; הרחבה — בתוך הגדר המסו־יימה נרקמה מסכת חיים שלובה, יריעה סמוכה ליריעה, והדמויות והמעשים מתלכדים והולכים ואין הרגשת הליכוד מתקפחת, אף שדרך הציור והתיאור עשויה מעלות ומורדות וגבורת דברים ורפ־יונם משמשים בעירבוב. וזאת לזכור, משוררנו קדמו לו בעלי פו־אימה סיפורית ארוכה, אולם דווקא משום שהתמיד בה, שהרי לימים הוסיף על הפואימה הזאת שתיים אחרות, ונתעגלו שלושת הספרים כדי טרילוגיה, שבה סיפר כל עצמו, הוא מניח פתח הת־בוננות, מה בינו לבין קודמיו, — אם י. י. שווארץ, אם מנחם בורישא, אם חיים גראדה, אם יחיאל להרר.

ג

פירשנו ארבעה משוררים, ששירתם היתה לפני משוררנו קודם היות הפואימה „ריישע", כדי לנסות ולהשיב, בקצירת האומר, מה בינם לבינו. ראשונה יסע, כמובן, י.י. שוואַרץ, שהפואימה שלו „קענטאָקי" עשויה שתהיה כדוגמת־מופת לשירה הסיפורית ביי־דיש. אולם פואימה זו נולדה ברוח של אופטימיות, גם אם שלטונה של הנעימה המאג׳ורית אינו שלם וזעיר־שם זעיר־שם מתערבת בה נעימה מינורית, הרי עיקרה ועצמה של השירה הזאת היא באמונת העליה והכיבוש של האדם מישראל כיחיד וכציבור על האדמה החדשה, ואינה דומה שירה על חיים נוצחים כשירה על חיים נצוחים. אמת, משורר „קענטאָקי" הוא גם משוררם של

„יונגען יאָרן", והיא שירת עיירת מולדתו, פטרושין שבליטא, שכמותה כרישא בגליציה היתה ואיננה, אבל היא לא היתה עשויה להאיר את עיני בעל „ריישע", ולהעיר את רוחו, שכן „יונגע יאָרן" נדפס לאחר שנתפרסמה „ריישע". ולענין מנחם בורישא, ודאי, כי הפואימה הסיפורית המקפת בת־כרכיים „דער גייער", שקדמה לה פואימה סיפורית קטנה ממנה, אך גדולה כשלעצמה, והיא הפו־אימה „זיינוול רימער", היה בה מכוח רישום והשפעה, אלא שמוקדה היא פקעת הבעיות הרעיוניות והלבטים הרוחניים של האדם מישראל, באופן שניתן להגדירה כפואימה אידיאית, והיא מבחינת־מה כפואימה של חיים גראדה „מוסרניקעס". נמצא כי הקירבה המכסימלית מצויה בין „ריישע" ל„מיין היים" של יחיאל להרר, והיא קירבה על אף הניגודים הגדולים שביניהם, אם כי יתכן, כי שניהם ריחף לפניהם אידיאל שווה ואחד, והוא „פאַן טאַדיאוש" לאדם מיצקיביץ', שיחיאל להרר גם ברוח שירתו ונעימתה גם במתכונת שירתו וביצועה קרוב יותר אליו, ואילו בריש וויינשטיין רחוק יותר ממנו.

אין בידנו לקבוע דרך ודאי, מה היה המשכו של יחיאל להרר בפואימה הסיפורית הגדולה, אבל מותר לשער, כי היא היתה עשויה להיות כדרכו של וויינשטיין, כלומר היתה מתרחבת אל מעבר לעיירה על דרך ירידה אל השיתין, הן מבחינת התולדה הרחוקה, כבבאותה בחומש, הן מבחינתה ההויית הקרובה, כממ־שותה בהוייה החלוצית. הוכחה לכך הוא תשלוב פרקי החומש הנחיים כממשות ב„מיין היים", וכן שתי חטיבות הפיוט, האחת שעניינה חלוצים חוטבי עצים והאחרת, שענינה איגרת לאמא, והנראים כפרקים של הפואימה השניה, שהמשורר עמד לכותבם. הרינו מדגישים את הנקודה הזאת, כדי לחזק את הנחתנו על חוקיות אחת של הפואימה האפית, מעשה משוררים גידולי דור המלחמה הראשונה בפולין. בריש וויינשטיין ניתן לו לקיים את החוקיות הזאת עד תומה, שהפואימה „ריישע" באה לאחריה הפואימה „אמעריקע" ולאחריה הפואימה „אין דוד המלכ'ס גיטער", כשהפואימה הראשונה מעמידה לפנינו עיר ואם בישראל, קהילה טיפוסית בגולת פולין; הפואימה שלאחריה מתארת את

בנה של קהילה זו ואת בניה של קהילות דומות בארץ הגירתם מעבר לים, בפיזורם וליכודם בכרך ניו־יורק; הפואימה האחרונה מתארת את ארץ־ישראל כתולדה וכמציאות, בתחזית משולשת: כפי שנראתה לו לילד מדפי החומש ומסיפורי סבתא, וכפי שנראתה לו לנער שביקש להיות עם החלוצים ובזדונו או משוגתו של שר־המקרים נתגלגל לאמריקה, וכפי שנראתה לו בשנות העמידה בבואו לראותה במו עיניו ולראות את עצמו בתוכה ומתוכה.

ד

ולפי שדברינו על „ריישע״, כתובים וחתומים, נפתח את עיוננו ב„אמעריקע״, לאמור: כדרכו של המשורר בשני ספריו הקודמים, אין הוא מסתפק אף בפואימה זו בהלכי רוח ותיאורם, אלא מפסל בעיקר גופי חיים, חיי אדם, שמתינות תיאורם באה לחפות על אפס המנוחה והאימה שבהם, אך חיפוים אינו יכול ואף אינו רוצה להסתיר את ריטטי הרגשות המפעימים אותם, ועיקרם רגש־הרחמים, רחמי הנברא לעצמו. מסד תיאורם של החיים, שהמשורר הוטל לתוכם, לאחר שנעקר מבית מולדתו, הוא תיאור הוויות יום יום בסביבת ההוויה שלו ושל שכמותו. אמת, שירת אמריקה, כדרך שהעלה לפנינו משוררנו בתיאורי־נופים, פונה אף למרחבה, ונמצא במעריכיו שנתפתה לראותו כסניף לתיאור של רחבות הפריריות ללונגפילו ושל עצמת הכרך לוויטמן, ויש שהפליג עד כדי כך, שהעמיד אותו משורר אמריקאי מכל בכל. הפלגה זו צריכה בחינה ביחוד לאור העובדה, כי ענין אמריקה אינו תופס עתה מקום בספרות יידיש שבה, היא אינה מרכז בשירתה, לא כל שכן בפרוזה שלה, והיא כנוסה בפובליציסטיקה שלה, שכן שירתה וביחוד הפרוזה שלה משוקעות בריקפיטולציה של הגולה שהיתה ואיננה עוד. אולם משוררנו, בבואו, בן תשע עשרה לאמריקה, חי את חווייתה, כדרך שחיו אותה משוררי יידיש שלפניו, גם אם נחסרה ממנו, כדרך שנחסרת מבני דורו, ההשתערות הקיצונה של שירתם לכבוש, כיבוש נפש, את הממשות הציביליזטורית והתר־בותית החדשה. מבחינה זו שירתו היא כגילוי של מעבר — עוד יש בה מנפתולי המאבק עם המיתוס של ארץ־הענק וכרך־הענק

וכבר יש בו מהשתקעות בלעדית במיתוס של העיירה שלא שרדו לה חיים אלא בלב בניה וזכרונם.

אמרנו : גילוי מעבר, ולא אמרנו : גילוי מיפנה, שכן נמצא לו למשורר מצע־מעבר, והיא העיירה שבתוך ניו־יורק, תחום המושב שבו, ואפשר כי ראשית החווייה של הנער המהגר בכרך הגדול היא הנותנת — הוא בא אליה בסמוך לשמחת תורה ובכור־מראותיו בה מראה חגה, המוני יהודים ששוטטו ורקדו ברחובות וספרי תורה בידיהם. ודומה, כי התרשמותו והבעתה היא בנותן הכרעה, שכן הקריאה שפרצה מפיו לא היתה : הריני ברישא, אלא : הריני בארץ־ישראל. מרובי שיריו ידענו כי ההרגשה הזאת היתה עד ארגיעה וזמרת־בכיו ובכי־זמרתו על רישא בתוך רחובו־תיה של ניו־יורק מעידים, וביותר הרגשתו, הרגשת אברך־יהודים, שהא כמין זר הנתעה בכוונה לסביבות זרות, וביותר סביבתם של כושים, כדי לראות צדדים שווים בינו לבינה, מעידה. כי לכאורה הפואימה „אַמעריקע", עשויה היתה, על פי ענינה ואולי אף מכוונת על פי רוחה, שתהיה האנטיתיזה לקודמתה „רײשע", כשהמעבר בין זו לזו כמעבר בין מה שנטבע בו באדם מתחילת חייו ובין מה שניקנה לו בפתח־אמצעם ; שאינה דומה עיירת הלידה והגידול, שהאדם מחובר בה משרשו והכל לו בה בחינת בית, לכרך הגדול, שגל ההגירה גלגלו אליה והוא כעקור בה והכל לו בה בחינת נכר, וכל פיסת חיבור, בין שלממש בין שלכאורה, נקנה לו לאחר רוב תהיה וברוב יסורים. גדול כוחו של כרך וגדול רישומו של ריבוי־פניו, ושעל כן קירבתה של ניו־יורק נראית גוברת והולכת, ככל שריחוקה של ריישא גובר והולך, אבל כשם שיש שושבינים לחדש, יש שושבינים לישן — שושבינים ראשונים, שהם כביכול מתחזקים והולכים הם עיניך הצופות אל שלפניך ; שוש־בינים אחרונים שהם כביכול מתרפים והולכים הם זכרונותיך הצו־פים אל שלאחוריך. וביחוד שלא יחיד אתה בהרגשת כפל זו — הלא לפניך ואחריך נתגלגלו לכרך־אדירים זה בני עיירתך ובני עיירות שכמותה, מהם שהביאו לא בלבד את זכר אתמולם וזכרו־נותיו, אלא אף חטיבות שלימות של חייהם בתוך ניו־יורק עשויים כדמות אתמולם וכהמשך אתמולם — לשונם ודיבורם, נימוסם

ומנהגם, באופן שרישא ושכמותה נוטעת את עצמה בתוך רחובה של ניו־יורק וקובעת את עצמה בו, עד שהיא כרחוב לעצמו, כרובע לעצמו, ובאשר אין היא מתפשטת כדי רחוב לעצמו, היא מקיימת את עצמה בחללו של הבית וכתליו, ונמצאת רישא הקטנה עומדת ימים רבים על נפשה בפני ניו־יורק הגדולה, ואין נפשה נבלעת גם בהלוך עליה את קסמיה אמריקה הגדולה, שגיבוריה וואשינגטון ולינקולן.

ועוד זאת, קורא „אמעריקע" אסור שישכח, כי לאחר שנכ־תבה ונתפרסמה „ריישע", אבל לפני שנכתבה ונתפרסמה „אַמע־ריקע", היה המשורר בארץ־ישראל, שאף שענינה הוא ענין הפו־אימה השלישית „אין דוד המלכ'ס גיטער", הרי חוויית המגע החי עם ארץ־ישראל החיה, השראתה ומישקעה כמהלכים בין שיטי־הפואימה־שבאמצע. ודומה, כי חווייה זו, שחלה בין ראשיתה של הטרילוגיה ובין אחריתה חיזקה את היסוד המאחד את הטרי־לוגיה כולה — חיפוש אדמת החומש, כדרך שנחיתה לאור תלמודו בפי תינוקות בבית רבן ברישא, ומציאת אדמת החומש, כפי שנחיתה בשיטוטיו של המשורר מדן ועד אילת.

ה

ענין החומש ורישומו בשירתו של בעל „ריישע" מחייב דקדוק, שכן קצת מעריכיו התעלמו מקטנה שהיא גדולה, והיא הכרונו־לוגיה — אמת, לפי סדר ההופעה של הספרים, הרי קדמה רישא לניו־יורק וקדמה ניו־יורק לירושלים, אבל לא כן סדר החווייה, שכן חוויית ירושלים־שבדמיון קדמה לה לחוויית ניו־יורק־שבמצי־אות, ולא עוד אלא המשורר חיפש בה בניו־יורק־שבמציאות את ירושלים־שבדמיון (חיפוש עשרת השבטים בתוך ריבוי אוכלוסיה של הכרך), וחוויית ירושלים־שבמציאות קדמה לכתיבתה ולפיר־סומה של הפואימה על ניו־יורק־שבמציאות; ואינה דומה ניו־יורק של המשורר לפני שראה את ירושלים־ממש, מניו־יורק לאחר שראה את ירושלים־ממש, ונמצא שהראייה של ירושלים־ממש היתה לו למשורר חווייה מכרעת בשבתו לשיר את שירת ניו־יורק, עד שניתן לומר, כי לא בלבד ירושלים־שבדמיון אלא אף ירושלים־

שבמציאות היא כרקע לפואימה 'אַמעריקע'. איך ניתן במעמד חווייה כזאת והשתלבותה לדבר על המשורר כאמריקאי מכל וכל — לאלהי ההזייה פתרונים. אמת, המשורר מבליט וחוזר ומבליט את דיבוקו באמריקה, אבל הוא כורך תנאי מפורש לכך והוא אף מפרשו בבירור בעצם לשון שבועתו לה: „אויב איך וועל דיך פאַרלאָזן לאָנג־איילענד / אַוועק פון טאַטע מאַמעס ליים אין אין מאונט־חברון / וועט עס זיין פאַרן טבריה'ער טאָל, פון מאיר בעל־הנס / פאַר פעטער ברוך וואָס איז אַוועק שטאַרבן אין צפת". לאמור: אם אעזבך לונג־אילנד, אטוש חמר אבא־אמא בהר חברון [שם בית־קברות בניו־יורק], יהא זה בשל עמק טבריה של מאיר בעל הנס, בשל דודי ברוך שיצא למות בצפת. ללמדנו, כי זו נאמנות על־תנאי, שכן הדיבוק לטבריה ולצפת, שנהרו אליהם אבות החסידים, גדול ועמוק מדיבוקו בקברות אביו ואמו שבניו־יורק. והרי מלבד דיבוקו בזיקת שלשום, שהוליכה לפני דור ודורות לטבריה ולצפת, עזה זיקת־אתמול, לא של דודו בלבד אלא שלו עצמו, שלו ושל חברי ימי נעוריו החלוצים, שביקש להיות עמהם. עדים לכך דברי שירו, כי לא יסלח לעולם לאניה שהרידתו מחלומו, חלום החלוצים, ולא כיוונה את עצמה לארץ, אשר תחילתה נעוצה בבראשית ברא. ודאי ניתן לראות את כעסו על האנייה, כמעשה־ילדות, אבל באמת הילד שבו ושנשמר בתוכו במלוא תומו הוא הוא הכועס בקרבו ומקרבו. ואם לפרש את דבר הילד שבו כדבר העלם והגבר שבו נאמר, כי אף שאמריקה נתחבבה עליו, הרי משאלתו בעינה עומדת, ועניינה של המשאה כקריאה: מי יתנני ביוגרפיה אחרת.

הלכך לא יפלא, כי בפואימה על ארצנו הוא רואה את הביוגרפיה הרצויה ומעמתה לביוגרפיה המצויה, והעימות עולה יפה באשר שתי הביוגרפיות כמתלכדות זו בזו, הלא הם ימי ילדותו, ושעל כן הוא יכול, בשירתו על נחלותיו של דוד המלך, לומר: „ווי גייט מען דאָ ווי אין די חדר יאָרן / קיין חרן". לאמור: כיצד הולכים כאן כבשנות החדר חרנה. ואוכל להעיד, כי אמנם דרך רישומה של ארצנו בו היתה ברוחה של שאלה זאת וכזאת, שכן נסעתי עמו שתיים נסיעות — אחת למרומי הכרמל ואחת לבאר־

שבע. ודאי כי ראייתו היא ראיית ילד־החומש, אבל אין לשכוח כי מתוך שידענו כוחו בתיאור על דרך הבלטה פלאסטית, לא יכול ולא רצה למלט את עצמו מהתנגשות של הלך נפש שנטבע בו בילדותו מבין דפי החומש ובין מראה עינים שקלט את הנופים כהווייתם; ואם לחדד את ההתנגשות הזאת, הרי היא כהתלבטות בין הלך הנפש העולה משירי החומש לאיציק מנגר ובין בדי הציור של טובי צייריגו. והרי המשורר עצמו רואה את עצמו כנודד מרישא דרך אמריקה לארץ לך־לך של אברהם אבינו, לארץ עקדת יצחק ולארץ חלום יעקב, שבה הכיר את האמת של אחוזות בן ישי. וכבר שמענו אותו אומר: „ביסט איין מאָל פון שטעטל אַוועק־געפאָרן / וועלן דיר תמיד נאָכגיין יענע יאָרן". לאמור: פעם אחת יצאת מן העיירה ותמיד תלכנה אחריך השנים ההן. והדגש הוא כמובן, בתיבת ת מ י ד. ללמדך, כי אף שחש את עצמו מעורה בממשותה של ניו־יורק ואגפיה, הלכו אחריו תמיד שנות ילדותו. ואילו בדברו על ארץ־ישראל, הקרויה לו לא בלבד על שם האבות והמלכים, אלא ביחוד על שם סבתו: חנהלעס לאַנד, כלומר: ארצה של חנהלי, שתיאורה נשנה וחוזר בספריו, עד שהעמידה כדמות אחת האמהות, או כמאמר אחד מעריכיו: סבתא קלסית, הוא מעמיד אותה לא כהולכת א ח ר י ו אלא כמאירה ל פ נ י ו. היא ודמעותיה, דמעות תהילים.

ואם לדקדק, שלושה מיני ארץ־ישראל מנהירים ועולים מבין טורי שירתו — האחת היא תנ"כית, כדרך שאנו מוצאים אותה בשירה המבקשת לראות את ארצנו כפי שהיא עולה מתוך המקרא בלא חציצה; האחרת היא החדרית, כפי שהיא עולה מתוך מסורת הראייה של האגדה והמדרש ברוחו וחינו של רש"י; השלישית היא חלוצית, והיא טורחת לראות ולהראות, דרך שיר, את ארצנו בתקומתה. וודאי שזכרונותיו של המשורר על ימי הכשרה בטשנ־סטוחוב וחלוציה והפגישה עמהם, שהזקינו בינתיים, כאילו הגעי־שו מקרבו את שלושת המראות שהיו מבקשים את מיזוגם.

ו

ייחוד הדברים על שלוש הפואימות אינו מקרה, שכן הדין עם מי שראה אותן כרומן שבינו לבין תולדת עמו, אך אין ייחוד הדברים על הטרילוגיה ממצה את כל כולו, וכשם שחובה לצרף את שלפניה, ספרו „ברוכוואַרג״, כך חובה לצרף את שלאחריה, „באַשערטע לידער״, שבו אסף הגורנה את שיריו הפזורים, וסקירת ששת ספריו עשויה אמנם להעמידם כרומן, שראש גיבוריו הוא המשורר עצמו. ואם נאמר לצאת ידי חובה לכל פעלו, לא נפסח אף על עשייתו, וביחוד על טירחתו להוציא במשך שנים, שנה שנה, אנטולוגיה של מיטב שירת־יידיש. וכבר מדדו מעריכי הקונטרסים הנאים, „אָפּקלײַב״ את שבחם ושבח מסדרם, והגדיל יעקב גלאַט־שטיין שהדגיש שתי נקודות; הנקודה האחת היא בחיפוש השיר הנאה לגופו, מבלי להעדיף את דרכו של המסדר בשירה; והנקודה האחרת היא במה שהמסדר פוסח על עצמו ואינו מביא משירתו שלו. התמדתו ראויה להערכה מובלטת, שהרי אַנה מרגולין, שביק־שה להוציא אנטולוגיה כזאת, לא הוציאתה אלא שנה אחת בלבד, ולא עוד אלא משוררנו אף הלך מגיוון לגיוון: תחילה הקיף בעיקר את ארצות־הברית ואגפיה — קאנאדה מצפונה, וארגנטינה מדרומה, וארץ־ישראל, ולימים הקיף אף משוררי אירופה במערבה ובמזרחה, ולימים ניתנו אף דברי תרגום משל משוררים עברים, ומשל משוררי יידיש ניתנו אף משל נפטרים, אם שיריהם נדפסו באותה שנה. חבל שהמשורר הפסיק לכרחו מעשה רב זה ונקווה לחידושו.

ולא נשתהינו במעשה „אָפּקלײַב״ לגופו בלבד, אלא משום שלמדנו מקונטריסיו תרבותו וטעמו של המשורר היודע לקרוא ומידתו מידה ומשקלו משקל, או בלשון אחר: יודע לחיות את ריבוי פניה של שירת יידיש ולהבליט מתוכה את שערכו ערך, בין הוא קרוב בין הוא רחוק לדרכו שלו עצמו. ללמדך, כי הוא מקיים את ייחודו בשירה מתוך ידיעת מיני השוני של זולתו. דרכו לא דרך סנוורים היא לו, אלא גזירה שנבחנה בכורה של הבחירה, היא היא הבחינה העושה את הכורח — חירות.

ביבליוגרפיה

הספרות על בריש ווינשטיין היא מרובת פנים ובמבואי לספר „רישא" הזכרתי רבים מבין מעריכיו והבאתי עיקר הערכתם. גם במאמרי עתה הבאתי במנין את דברי ההערכה שנתפרסמו, והריני מפרש את אלה שיש להם נגיעה בדברי, הן לצד ההסכמה הן לצד ההשגה.

1) אפרים אוירבך: אין דוד המלכ׳ס גיטער, טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, 10 פּבּרואר 1961.

2) י. אָמיוט (עמיאט): פון חלום צו חלום, וועגן בעריש וויינשטיינס „אין דוד המלכ׳ס גיטער", פרייע אַרבייטער שטימע, 1 פּברואַר 1961.

3) י. אוקרוטני (טורקאָ): האָט זיך צעזונגען אַ איד אין ניו־יאָרק, וועגן בעריש וויינשטיין, צו זיינע 60 יאָר, אידישע צייטונג, 28 מאַי 1965.

4) יעקב בּוטושאַנסקי: בעריש וויינשטיין — צווישן פּאָעזיע, פּלאַסטיק און מוזיק, צו זיין ווערן אַ בן חמישים, אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער, אַפּריל 1955.

5) ד"ר שלמה ביקל: געזאַנג וועגן אַמעריקע, בעריש וויינשטיין „אַמעריקע", טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, 24 יוני 1956.

6) יעקב גלאַטשטיין: א) אָפּקלייב — צום זעקסטן מאָל, אידישער קעמפּער, 15 פעברואַר 1960; ב) אָפּקלייב פון אידישע לידער 1960, טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, 7 מאַי 1961; ג) נייעטע׳ אָפּקלייב, שם, 17 מארס 1963; ד) בעריש וויינשטיינס „באַשערטע לידער", שם, 24 אוקטובר 1965.

7) מ. גרוס־צימרמן: בעריש וויינשטיין, סביבה, טבת תשכ"ז.

8) מ. דלוז׳נובסקי: באַשערטע לידער, קענעדער אַדלער, 7 נובמבר 1965.

9) א. הגלילי: דאָס ייִנגל פון ריישע איז עולה רגל צום לאַנד פון חומש, ראַנד־באַמערקונגען בעתן לייענען בעריש וויינשטיינס „אין דוד המלכ׳ס גיטער", קולטור און דערציאונג, יאנואר 1961.

10) מ. וואַלדמאַן: פאַרצייכענונגען וועגן צוויי יידישע דיכטער, צום באַזוך פון רחל קאָרן און בעריש וויינשטיין אין פּאַריז, אונדזער קיום, תמוז־חשוון תשכ"ו.

11) ש. ד. זינגר: א) וועגן שרייבער און ביכער — בעריש וויינשטיין „אין דוד המלכ׳ס גיטער", אונזער וועג, יאנואר־פּברואר 1961; ב) כנ"ל — פון פלאַשינג־בעי ביזן ים כינרת, צו דער דערשיינונג פון בעריש וויינשטיינס בוך „באַשערטע לידער", אוגוסט־ספּטמבר 1966.

12) יוסל חריף: אַ שמועס מיט בעריש וויינשטיין, די פּרעסע, 14 ספּטמבר 1966.

13) א. טאַבאַטשניק: צו בעריש וויינשטיינס פּופציקסטן געבוירן־טאָג, די גאָלדענע קייט, 1955, חוב׳ 22, וכן: קענעדער אַדלער, 5 דצמבר 1955.

14) יצחק יונסוביץ: א) אַ דיכטערישע פּערל אין דער קרוין פון ישראל ליבשאַפט, וועגן בעריש וויינשטיינס פּאָעמע „אין דוד המלכ׳ס גיטער", די נייע צייט, 5 אוגוסט 1960; ב) דער העלד פון ליד, וועגן בעריש וויינשטיין — צום דערשיינען פון זיין בוך „באַשערטע לידער", סביבה, תשרי תשכ"ז; וכן: (בתוספת צו זיינע זעכציק יאָר) די פּרעסע, 20 נובמבר 1965; ג) בעריש וויינשטיין — דאָס יינגל פון „ריישע", גאַליציאַנער יידן, תשכ"ו.

15) א. לעיעלעס: א) וועלט און וואָרט — אָפּקלייב (1954), טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, 16 אַפּריל 1955; ב) כנ"ל — אָפּקלייב נומער פיר, שם, 1 מאַרס 1958.

16) ד״ר א. מוקדוני: פון ריישע קיין ניו־יאָרק, „אַמעריקע״ פּאָעמע פון בעריש וויינשטיין, קולטור און דערציאונג, מאַרס 1956, וכן: קענעדער אָדלער, 18 מאי 1956.

17) בורווין פרנקל: „באַשערטע לידער״ פון בעריש וויינשטיין, איַנזער שטי־מע, 22 מאַרס 1966.

18) ע. פרשלייסער: בעריש וויינשטיינס „אַמעריקע״, פרייע אַרבייטער שטי־מע, 2 פברואר 1957.

19) י. צ. שאַרגל: וויינשטיין — אַ גאַסט אין לאַנד, ישראל שטימע, ל׳ ניסן תשכ״ו.

20) אברהם שולמן: „אין דוד המלכ׳ס גיטער״, אַ פּאָעמע פון בעריש וויינ־שטיין, איבערבליק, פּאָרווערטס, 1 ינואר 1961.

21) אליהו שולמאַן: אַרום דער אידישער פּאָעזיע (אין דוד המלכ׳ס גיטער), דער וועקער, 1 מאי 1961.

22) צבי שטוק: בעריש וויינשטיינס באַשערטע לידער, קולטור און דערציאונג, דצמבר 1965.

23) ש. שחריה: ריישע—ניו־יורק — ירושלים, אַ באַגעגעניש מיטן דיכטער בעריש וויינשטיין, ישראל נייעס, אלול תשכ״ו.

מ ש ה נ אַ ד י ר

עמעץ קומט...

עפּעס אַזוי פון דער העלער הויט אַ קול, וואָס איז כמעט ניי. צי האָבן מיר עס ערגעץ געהערט פריער?

עס רירט אָן ווי עפּעס אַ טעאַטראַלישער זשעסט. נישט פון יענע טיף־לירישע רירונגען, ביי וועלכע איר פאַרגעסט אויפצונעמען אַקוראַט אייער אינערלעכן ענטפער, (פון גרויס דערשיטערטקייט), נאָר עפּעס אַ וויטלעכע זאַך, אַן אָוועקגעשפּיגלטע.

*

בעריש וויינשטיין קומט אָן. מיר ווייסן נאָך נישט פון וואַנען. פון אַ לענגערער רייזע אַרום דער וועלט פון קאַמף און נויט און אַנגסטן און האָפענונגען, אָדער פון אַ קורצער עקסקורסיע אַרום פראַנסואַ ווילאָן, וויליאַם ראָוז בענעי, ריינער מאַריא רילקע, און אַנדערע דיכטער, וועלכע גייען איבער זייערע זינג־שורות מיט רויטן פלוש אַרומגעוויקלט אַרום די באָרוועסע פיס, אַזוי אַז מען קען מיינען, אַז דאָס בלוטיקט אונטער זיך די ערד...

אָדער קומט בעריש וויינשטיין אפשר פון אַ פיל טוויזנט־מאַליקער „הקפה" אַרום זיך אַליין — און דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט, אי פונעם אַרומדרייען זיך מיט אַן אויסגעטראַכ־טער „תורה" אַרום האַלב־אויסגעליידיקטן „איך", אי פון האָבן אַ שמעק געטאָן אויף אַ מינוט צו זיינע אייגענע באַרוישנדיקע געדאַנקען...

*

בעריש וויינשטיין הויבט אָן זיין ביכל לידער מיט אַן אָפּצאָל צום „גאָט פון ריינער קונסט", צו „בעטהאָווענס ביוסט". גייט איבער אויף זעלטענהאַפטע קאָלירטע עטשינגס (ראַדירונגען), בלעטערט דורך — אין זכרון — דעם רייסטער פון ענגלישער הע־ראַלדיק, נעמט פון שיף־אויסשטייער־לאַגערס אַזוינע זאַכן ווי קוילן־גרין, שטריק, לאַמטערנעס... מאַכט פון קרעבס (קראַבן)

„שנעקעס(!) װעלכע קריכן לײכט", באַזאָרגט זײַן שיפּס־העד־בעי מיט די נויטיקע האַלב־געראָכן, האַלב־קלאַנגען, האַלב־ליכטער, אויף צו שאַפן צויבער פון אַ נעפּל... דעם פײַף פון די שיפן ברענגט ער אויך אַהער. און אויך אַנדערע קלײנע ביי־פּראָדוקטן פון וואַר־לעכן לעבן, די שויבן, אַ שטײגער, וואָס „ווערן אָוונטיק שווער", דעם „קילן ריח פון אויסלענדישער סחורה", די מאַטראָזן־יונגען (דער גרעסטער קאָמפּלימענט, וואָס „בעריש דער אַמעריקאַנער" קען געבן זײַנע מאַטראָזן, איז אַז זײ זענען ענלעך צו זײַנע „יונגען פון דער וואָליע"...), אַ סך דעקאָלטעס (וואַרעמע און קאַלטע), אַ סך ראַנדעוווען, אַ סך „צעשפּרייטע פיס" (אַ ירושה פון זישא לאַנדוי, אים צו געזינטערע יאָר!), בלוט, יאַטקעס, טויט, „בריס־טיקע שרײַנט" — אַלע אומגליקן און נויטן און פּאַטאַלאָגיזמען אויסגעצערטלט מיט רויטער און בלאָער טינט, — עפּעס ווי מיט אים קער זיך דאָס נישט אָן, און מיט אײַך אויך נישט.

*

בעריש ווײנשטײן איז נישט קײן אָנהויבער. ער האָט נישט אָנ־געהויבן פון אָנהויב, נאָר ערגעץ פון אינדערמיטן. געלײענט, גע־לײענט, געהערט, געזאַמלט, געזאַמלט, געשריבן און גע־מעקט (אין געדאַנק, ווײַל מלחמה־צײַט האָט געמאַנגלט אין פּאַפּיר) — אַ פולער קאָפּ, אַ פול האַרץ מיט הונדערט־מאָל איבער־געשריבענע מאַנוסקריפּטן, — קומען זײ צו דער פּעדער זענען זײ שוין אַלט, איבערצײַטיק. עפּעס אַ טראָפּישער, אוילנדיקער סמאַ־ליע פון זון איז אויף זײ...

בעריש ווײנשטײן איז אַ מענטש וואָס מישט זיך נישט. ער איז פּיקס און מזומן אָפּצוגעבן אַ לויב לעניגען אַז ער איז „הײלי־קער פון גאָט" און — אַז מען באַטראַכט ווידער די אײגענע זאַך צוריק — זענען „נאָנעס" אויך זײער פײַנע לײַט, „זײ פירן אַ יתומל בײַם הענטל" און „זײ טראָגן פאַנאַנדער מאַרגנטוי פון פרישן קלויסטער־גראָז" און „מענטשן בענטשען די שוועסטער, וואָס פירן אין גאָטס וועגן".

אַ מעכטיקער שאָטן איז זײַן ליד „הענקערס". עפּעס ברוזיק־קאַלטס, איבער־ (אָדער אונטער) מענטשלעכע קילקײט און באַ־

טראַכטקייט אין אַנגעזיכט פון העק, וואָס קילן און בלוטיקן. „ס'בלוט ציט אָפּ שנעל און הייס פון קילן שטאָל" — וועט איר לאַנג נישט פאַרגעסן. אַ מיוראַל געצייכנט מיט אַזאַ סכנותדיקער קאַלטער שאַרפקייט, אַז דיך הויבט אָן צו שרעקן פאַר דעם קינסט־לער. אויך אין „האַקנקרייץ", ווו וויינשטיין זאָגט, אַז :

„די מיט אויסגעבראַנדיקטן האַקענקרייץ אויף הוילן לייב,
ציען צו ווינטן צו פאַרבלאָזן דעם ברי פון וווּנד", —

האָט אין זיך עפּעס אַזוינס ווי אַ פאַרקוועטשטער פינגער אין אַ טיר — גיט אַ געשריי־אויף, אַזוי איז אויך זיין גרויז־געמעל פון יידן, וואָס „ליגן אויפ'ן קלויז־דיל מיט צעשפּאָלטענע ליפּן און קענען נישט שטאַרבן" — ס'איז ווי אַן אָפּקלאַנג פון ביאַליקן. נאָר דאָס האַרץ פון דיכטער שלאָגט נישט, עס שלאָגט בלויז זיין אויג. עס קוקט זיך צו אַזוי נאָענט ווי מעגלעך און גיט אַפילו קיין פינטל נישט...

ניין : בעריש וויינשטיין מישט זיך נישט. ער איז גלאַט־אַזוי, אַ מענטש מיט אויסערגעוויינטלעך־שאַרפער נייגעריקייט פאַר אָנ־שיינלעכקייט פון זאַכן. נישט אין זייער טיפעניש, נישט אין זייער אינערלעכקייט, נישט אין דעם פאַרוואָס און פאַרוואָן באַברעט ער זיך, נאָר אין באַשטעטיקן אַז „דער מאַן, וועלכער איז געשטאָרבן 14 מינוט נאָך 3 דעם זייגער, האָט ביים לעצטן אָטעם־צוג פאַר־הויכט אַ שפּיגעלע אַקוראַט אויף 5 צענטימעטער די ווייט, וועלכע (פאַרהויכונג) האָט אָפּגעלאָזט אין צימער פון 80 גראַד פאַרענהייט געווי אין אַ מינוט מיט 18 סעקונדעס שפּעטער".

✶

אַ נאָך־מלחמה קינד ? אַ היימלאָזער, ביי וועלכן די מלחמה האָט יעדן מיטגעפיל אַרויסגעריסן, ווי אַ נערוו פון אַ קאַליע צאָן ? אַ קלוגיטשקער אפשר, וועלכער מאַכט זיך טאַמעוואַטע, ווייל ער פאַרשטייט, אַז אויב מע באַוועגט זיך צווישן צווי מחנות, און אָקופּאַנטן קומען און גייען, זיגן און פאַרלירן נאָך דער ריי, איז די גרינגסטע (און קלוגעטשקעסטע זאַך) אָנצורוקן ס'טויבע היטל

און זיך מאַכן, אַז מ'הערט נישט, מ'זעט נישט, מ'ווייסט נישט אין וואָס גייט דאָ אייגנטלעך און וועגן וואָס קריגט'ן זיך.

בעריש ווײַנשטיין זוכט אַן אויסוועג, אַ באַהעלטעניש פון דער קלעמענדיקער ווירקלעכקייט. ער וויל געפינען „חברים־גנבים, איך זאָל קענען גנבענען, אויסברעכן אַ שויב". ער ווויל־יונגערט זיך מיטן געשעלט פון אַ גאַסן־פּרוי, וואָס וואַקלט זיך פון שכרות אויפן ראָג און שעלט אַ פיאַקער־פערד, „ווייל ס'האָט זיך פון איר אַ לאָז געטאָן ס'חודשלעכע בלוטונג". מיט דעם איינעם ליד איז נאָך אָבער דער בעטלער־גנב־חלום נישט אויסגעשעפּט. מיט עטלעכע פּאַפּירענע שוועלן ווייטער סימולירט ער, אַז: „כ'ווייס אַזאַ לאַנד, ווו כ'וועל קאָנען שטיין און בעטלען", ער איז אָבער נישט „זיכער אין זיין זיכערקייט". ער מאַכט זיך נאָר האָרץ:

כ'וועל האָבן אַ סך כח, כ'זאָל קענען האַלטן אויסגעשטרעקט די האַנט.

✶

בעריש ווײַנשטיין שפּעקולירט אין גרונט אויף טרעפן אַ גע־וויסן ניואַנס — דורך מישן אָן אַ שיר די פאַרב, פּרוּוען און אויס־פּרוּוען און איבערפּרוּוון. זיין טריק איז צו רעדן אַזוי שטיל, אַזוי הייזעריק־אומגעווײנטלעך, אַז עס זאָל צויבערן מיט עפּעס נעפּל־טריפנדיקס און צו דער זעלבער צייט אַרויסרופן אַ געפיל פון רחמנות צו זיין באַמיונג צו רעדן. אויב איר ווילט איז דאָס אייגנאַרט. אין דער שורה: „מענדזשן־סטריטער יונגען זענען קלוג צו שטרענגע מונדירן", האָט איר אויף אים אויך נישט מער ווי — אַזוי צו זאָגן — סירקאָמסטענשל עווידענס. דאָס זעלבע איז מיט „קילע שטעד"... און „גרינלעך קייט".

אַ זין פאַר שווימעוודיקייט פון אַלע זאַכן, אַ וואָג־געפיל פאַר אַלע שווערע, גרייפלעכע סובסטאַנצן, אַ נישט־יידישע, נישט־פאַרלייגטע נאָז (דווקא מיר, די לאַנגנעזיקע ליידן אין דער ליטע־ראַטור כמעט שטענדיק פון קאַטאַר), גריבלערישע אויגן פאַר פּלאַס־טיק און רעפלעקס און קוים עפּעס אַ שטיקל אויער אַ וואָרט, אַ שורה אויסצוטאַפּן, איבערצוקלינגען אויף ביידע זייטן, קיין מאָל נישט אַ שעפּ צו טאָן טיף, קיין מאָל נישט קיין גרויסע אויפ־

אָטעמונג, קיין מאָל נישט קיין פּראַל מיט וועלכער עס איז טיר...

לינטש, פּאָגראָם, מלחמה, קלאַסן־קאַמף, הונגער, זנות, מאָ־ראַלישע אַטראָפּירטקייט — בעריש וויינשטיין איז צו דעם אַלעמען אומפּאַרטייאיש. ער מישט זיך נישט. אַרויסגעשלאָגן זיך ס׳ליד פון אויג, עס אויסגעהעמערט לויט די מוסטערן פון אַלטע און נייע כאַפּיזן, בלאָזט ער דעם עכאָ אַוועק, ווי אַ שטיקל האַרבסט־פּאַוויטיניע און... ער מישט זיך שוין ווייטער נישט...

אַ קאָלירט פילם־בילד, נישט וויכטיק וואָס דאָרטן קומט פאָר. דער עיקר: זאַכן קומען דאָרטן פאָר אונטער אַזעלכע הער־לעכע קאָלירן. ערד־ציטערניש אין רובין־פלאַמען, אַ פּאָגראָם אונ־טער רייזבלאָקייט, אַ לינטשעריי אונטער בורשטין־מיט־ראָז, — וואָס קען דען זיין נאָך שענער?

*

וועלן וויינשטיינס „גראָבע פונקען" אַ מאָל אָנהויבן טראַכטן, אַז זיי קערן זיך אָן מיט די שוואַרצע לאָקאָמאָטיוון, מיט די סאַ־פּענדיקע „גויעשע" הייצערס, וועלכע „זענען געוווינט" צו האַלטן דאָס פּנים נאָענט ביים פייער?

אַ מוזיקאַליש געקלאַנג פון גילדענע טעלער־לעפל (איבערגע־שמעלצטע) אָנגעטראָגענע פּאַרמעגנס, פון וועלכע מען האָט מיט גרויס מיט די שטאַמפּן אָפּגעבליאַקעט, אַ נישט־געמאָסטענע שורה, וועלכע שלעפּט אויך מיט, דורך עפּעס אַ מסוכנעם, אומפאַרשטענד־לעכן אונטערשטראָם, וואָס איר קענט נישט דעפינירן, און אָנקו־מען פון טריט, וואָס איר קענט נישט באַשטימען פון וועלכער ריכטונג, איר קענט נישט טרעפן דעם ווייטער־וועג, איר קענט נישט אַקוראַט וויסן צי ער איז שווער, צי גרינג, צי ער קלאַפּט מיט אַ שטעקן, ווייל ער איז „מיט בלינד־זעעל געשלאָגן", אָדער ווייל ער פּריפּט־אויס די נייע, פילפאַרשפּרעכנדיקע פּאָדעשוועס.

פון בוך „טינט און פעדער", ניו־יאָרק, 1936.

ד״ר א. מוקדוני

אַ נייער פּאָעט

בעריש וויינשטיין איז אַ פּנים־חדשות ביי אונדז. ער איז ניי נישט נאָר מיט דעם, וואָס ער באַווייזט זיך צום ערשטן מאָל מיט אַ ביכל לידער, ער איז ניי אין תוך, ער איז טיילווייז ניי טעמאַטיש, ער איז ניי אין זיין אָפּנקייט, ער איז ניי אין זיין רויער פּשטות און אַפילו אין זיין אומגעהובלטקייט.

די צייט פון רויע טאַלאַנטן, די צייטן ווען אַזעלכע ליטעראַ־רישע וווּנדער ווי שלום אַש, א. מ. ווייסענבערג און אַנדערע פלעגן געשען אָפט, זיינען שוין פאַרביי.

ליטעראַרישע נסים פאַסירן וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער און ווייניקער, ליטעראַרישע איבערראַשונגען קומען וואָס ווייטער אַלץ זעלטענער און זעלטענער.

עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ שטרענגע, מאָנאָטאָנע נאָרמאַ־לישקייט אין אונדזער ליטעראַטור.

איז פאַר מיר בעריש וויינשטיין אַן אָנגענעמער חידוש, איז פאַר מיר בעריש וויינשטיין אַ ליטעראַרישע איבערראַשונג אין אונ־דזער מאָנאָטאָנער ליטערארישער נאָרמאַלישקייט.

בעריש וויינשטיין איז אַ מאָלער, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דער ליטעראַטור.

בעריש וויינשטיין פאַרמאָגט אַן אויג פון אַ מאָלער, ער זעט בילדער, ער זעט קאָמפּאָזיציעס, ער זעט טויטע זאַכן אין זייער באַהאַלטענעם אייגנאַרטיקן לעבן.

ער וואָלט זיך מיט אַ פּענדזל און מיט פאַרבן אפשר בעסער אויסגעקערעוועט.

מאָלן מיט ווערטער איז אַ סך שווערער ווי מאָלן מיט פאַרבן, ווערטער זענען אין עצם פאַרבלאָז, זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין פאַרבן דורך דעם וואָרט־קינסטלער.

און היות ווי בעריש וויינשטיין איז נאָך נישט קיין פלינקער

ווערטער־מאַניפּולאַטאָר, היות ווי ער ווייסט נאָך נישט ווי פאַר־וואַנדלען פאַרבלאָזטע ווערטער אין פאַרביקע, קומען אָפט ביי אים אַרויס פאָטאָגראַפיעס אַנשטאָט בילדער.

ער וואַרפט אָן אַ צעטל פון זאַכן, ער הויפט אָן אַ באַרג מיט קעגנשטאַנדן, אָבער קיין קאָמפּאָזיציע איז נישטאָ, עס איז נישטאָ קיין קאָמפּאָזיציאָנעלע געבונדנקייט צווישן די זאַכן, עס איז נישטאָ קיין זינען אין זייער אָנגעוואָרפנקייט.

דאָ און דאָרט גיט זיך אים איין מיט זיין אָרעם ווערטער־פאַרמעגן צו אויסמאָלן אַ פּרעכטיק בילד, דאָ און דאָרט גיט אייך אַ בליץ אין די אויגן פאַרביקייט.

אָבער זיכער איז, אַז בעריש זעט מער ווי ער באַוויייזט אַרויס־צוגעבן.

זיכער איז, אַז בעריש וויינשטיין פילט מער ווי ער באַוויייזט עס מיט ווערטער אַרויסצוברענגען.

אָבער אין זיינע שוואַכע בילדער אַפילו איז דאָ אָריגינאַליטעט, עס איז אין זיי אויך דאָ אַ היבש ביסל חידוש.

וואָרעם אונדזער ליטעראַטור איז מאָלעריש אָרעמלעך, אונ־דזער ליטעראַטור איז אַ ליטעראַטור פון געפיל, פון ווייטאָג, פון צער און פון געדאַנקען.

די הנאה פון אַ בילד, ווייל עס איז בילדלעך, איז פרעמד אַ סך אונדזערע שרייבער, אונדזער ליטעראַטור איז מוסר־השכלדיק, זאָגעריש און מאָראַליזירנדיק.

עס איז דאָ קרעפטיקייט אין בעריש וויינשטיינס לידער, עס איז דאָ בערישקייט אין זיינע לידער, אָבער עס איז אויך דאָ צאַרטקייט, ליִרישקייט און האַרציק געמיט.

ער איז נישט אין גאַנצן רוי, ער האָט אַפילו דאָ און דאָרט אינטעליגענטישע חנדלעך. אָבער ביי אים זענען זיי נישט סתם חנדלעך, ביי אים זענען זיי עפּעס ברומענדיק און וואָלפישדיק.

בעריש וויינשטיין איז, ווי מיר אַלע, אַ קינד פון צוויי וועלטן, דאָס קליין, היימיש יידיש שטעטל און די גרויסע, פרעמדע שטאָט, די דאָזיקע צוויי משונהדיקע קאָנטראַסטן זענען זיינע וועלטן.

נאָכן קליינעם שטעטל מיט זיינע היימישע מענטשן בענקט

ער, דאָס איז זײַן ראָמאַנטישער נעכטן, און די גרויסע שטאָט איז זײַן רעאַלער הײַנט.

אָט האָט איר עס אין אַ ליד, „אַ בריוול".

מאַמעשי,
בײַ דיר איז איצט פּסח־בײַנאַכט אין שטוב,
און בײַ מיר איז פּסח־בײַנאַכט אין גאַס,
כ'האָב קיין שליסל צו אַ הויז,
כ'טראָג אַפילו נישט קיין לײַטיש העמד.
און דו, אין דער היים, גייסט אַרום אין ווײַסע זאָקן
אָנגעטאָן דער באָבעס שטערן־טיכל,
און דו בענטשסט די ליכט אין זילבערנע לײַכטער.

דער רויטער ווײַן לײַטערט דײַן תּפילה,
און דו ווייסט נישט, אַז ווען כ'וואָלט איצט כאָטש ברויט געהאַט
וואָלט איך אום פּסח אויך געגעסן.

מאַמעשי...
אליהו הנביא וועט הײַנט בײַ נאַכט אַוודאי זײַן בײַ דיר.
גיס פאַר אים אָפּ דעם ווײַן אין מײַן געבלומטען כּוס,
ווײַל כ'קאָן אים נישט גיין אַנטקעגן אויפמאַכן די טיר.
כ'האָב אַליין נישט קיין טיר ווו צו עפענען,
כ'האָב נישט ווו איבערצונעכטיקן.

איך וויל דאָ גלײַך דערקלערן, אַז בעריש ווײַנשטיין האָט אַ סך בעסערע און אַ סך כאַראַקטעריסטישערע לידער אין זײַן בוך, איך האָב ציטירט דאָס דאָזיקע ליד, כּדי צו אילוסטרירן די צוויי־וועלטיקייט אין וועלכער ער לעבט.

בעריש ווײַנשטיין האָט ליב דעם עכטן ייִדישן מענטש, אָבער ער האָט קיין טענות צו די אַנדערע מענטשן אויף גאָטס וועלט.

בעריש ווײַנשטיין איז דערבײַ, אָבער בשום אופן נישט בייז, ער איז אַ ביסל גראָבלעך, אָבער בשום אופן נישט צאָרנדיק.

הכלל — בעריש ווײַנשטיין איז אַ נײַער, אַן אַנדערשדיקער דיכטער.

און אַ יישר־כח קומט דער גרופּע יונגע שרייבער, וואָס האָט אים אַנטדעקט, אַרויסגעגעבן זיין ערשטע זאַמלונג פון לידער און דערמיט אַרויסגעפירט אַ נייעם טאַלאַנט אין אונדזער ליטעראַטור.

„מאָרגן זשורנאַל״, מערץ 11, 1936.

ש. ניגער

בעריש ווײַנשטײן

לידער, לײַכטע און שווערע

„ברוכוואַרג", פאַרלאַג חברים־קאָמיטעט, ניו־יאָרק, 1936, 95 ז"ז.

בעריש ווײַנשטײן, אײנער פון דער גרופע „אַמעריקאַניש־דערצויגענע ייִדישע שרײַבער", וועט פאַרנעמען אַן אָרט אין אונדזער פּאָעזיע. נישט אומזיסט האָבן זיך זײַנע לידער שוין געדרוקט אין אַזעלכע זשורנאַלן, ווי די „צוקונפט" און „גלאָבוס"... אונדזער אָפּטימיסט האָט פאַר זיך גראָד ווײַנשטײנס אַ ליד, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין וואַרשעווער „גלאָבוס" (נאָוועמבער, 1933), האָט ער חשק צו ציטירן פאַר אונדז כאָטש עטלעכע צײַלן, כדי מען זאָל זען, ווי פרײַ און נאַטירלעך עס איז בעריש ווײַנשטײנס ייִדיש און ווי פריש און לעבעדיק עס פליסן זײַנע בילדלעכע רײד:

ס'איז אומהײמלעך פאַר נאַכט אין דערפער, ווו ס'פאָרען באַנען;
מענטשן קוקן גרויסשטעטיש פון די פענצטער.
פון שפּײַז־וואַגאָנען גײט רויש פון געשיר, קעלנער טומלען
העפלעך צווישן דאַמען מיט עלעגאַנטע עלנבויגנס,
און ס'וועקט זיך בענקשאַפט בײַ יונגע ברוין־פּיסיקע פויערטעס,
וואָס שטײען באָרוועס אויף פעלדער
און זעען רויך פון פאַרנאַכטיקע שנעלצוגער זיך לײגן אויף
שטילן שטרוי פון שפּעטע דעכער.
די קלײדער זײערע פאַרבן זיך שקיעהדיק, פויערישע שפּיצן
באַרירן הײס זײערע שטײפע קני;
אין אָוונט־גלאַנץ פון באַן־שינעס זעען זײ שטעט, ווײַנשענקען
און האָריקע ליפּן פון זעלנער.
פרישע קינדער אויף לאָנקעס פאָכען מיט שווײַגנדיקע הענטלעך.
צו באַנען ביזן לעצטן רויש אין דער ווײַט.
ווינטער אין קעלטן זיצן זײ אויף וואַרעמע פענצטער אין
אָרעמע הײמדלעך און שרײַבן אויף פראָסטיקע שויבן.
יונגע הײמישע בײמער, וואָס קאָנען נאָך נישט איבערטראָגן

קעלטן, ברעכן זיך שאַרף אין ווינט.
און מיט שנייאיקע דעכער איבער ווינטיקע פעלדער לויפן
באַנען צו ווײַטע שטעט.

✶

פון אַ היפּשן בערגל ביכער, — ביכער פול מיט לידער, לידער און נאָך לידער, — האָב איך כמעט ווי נישט איבערטראַכטנדיק אַרויסגעצויגן „דאָס ליכט אויף מײַן גאַס" פון מ. א. סול און „ברוכוואַרג" פון בעריש ווײַנשטיין.

כ'האָב נישט געוווּסט, אַז זיי זענען אַזוי פאַרשידן.

געדיכט, שווער אָנגעלאָדן, שווער אָטעמענדיק איז די שורה ביי בעריש ווײַנשטיין, קוים וואָס זי ריירט זיך פון אָרט, קוים וואָס זי דערשלעפּט זיך ביז צו אַ פּונקט:

זומערדיקע דעכער טונקלען פאַרנע, און ס'גלוטיקן לייבער אויף שוועלן.

אַז איר לייענט־דורך אַ פּערז ביי ווײַנשטיינען, איז ווי איר זאָלט האָבן דורכגעלייענט אַ גאַנצע פּאָעמע. אַנדערש איז מ. א. סול:

פאַר וועמעס גאַס
די נאַכט איז אַ ווילדע אָרגיע
פון פרויען,
ווײַן
און לידער.
פאַר מײַן גאַס
איז די נאַכט אַ ביסל רו
פאַר האָרעפּאַשנע גלידער.

מ. א. סולס לידער זענען גרינגפיסיק, און איר לויפט זיי דורך, איר דאַרפט זיי גאָרנישט לייענען. איר האָט ערשט אָנגעהויבן — איר זענט שוין ביים סוף. סולס אַ פּאָעמע איז ווי איין שורה. זענען זײַנע לידער אַזוי קורץ? ניין, זיי זענען נישט קורץ, אָבער — זיי גליטשען זיך שנעל אַראָפּ: אַזוי לײַכט זענען זיי, אַזוי גרינג.

איר שלינגט בײַ מ. א. סולן גאַנצע זײַטלעך — און ווערט נישט מיד. בײַ בעריש ווײַנשטײַנען שטרענגט איר זיך אָן דורכצוקריכן אַ שורה... איר לויפט אַראָפּ בײַ סולן, כאָטש ער שרײַבט אין אַזאַ געהויבענעם געמיט. בײַ ווײַנשטײַנען שלעפּט איר זיך באַרג אַרויף, כאָטש ס'איז בײַ אים אין די לידער אַ שווערע געפּאַלנקייט.

אָט שרײַבט מ. א. סול וועגן אַרבעטסלאָזע — און בעריש ווײַנשטײַן שרײַבט וועגן זײ. הייסט סולס ליד: „שטײ־אויף!" און ווײַנשטײַנס: „מענטשן, וואָס רעדן צו זיך". קאָן מען שוין פון די נעמען אַליין זען, ווי פאַרשידן עס זענען די לידער. לאָמיר זיך אָבער נישט באַנוגענען מיט זײערע קעפּלעך, לאָמיר זײ לייענען.

בײַ מ. א. סול הייבט זיך עס אָן אַזוי:

> רופט אים אויך מאָטל, צי דזשימי, צי דזשאָן
> און מעג ער פון שטאַם זײַן אַ ייִד, צי אַ קריסט,
> נאָר איין זאַך איז קלאָר: ס'איז אַן אַרבעטסמאַן,
> וואָס וואַלגערט זיך אום איצט, ווי אָפּפאַל אויף מיסט.

מ. א. סול אײַלט זיך אויפצוּוועקן אין אײַך אַ געפיל און צו געבן אײַך אַן אָפּשאַצונג, אַן אויסטײַטשונג פון די אומשטענדן, וועלכע ער באַשרײַבט. ער איז אויסן אויפצוּוועקן אין אײַך אַ געפיל פון פּראָטעסט; ער וויל אײַך געבן אַן אַקטיוו־רעוואָלוציאָנערע אויסטײַטשונג פון לעבן.

בעריש ווײַנשטײַן הייבט אַזוי אָן זײַן ליד וועגן די זעלביקע אַרבעטסלאָזע:

> אויפן ברעג פון טראָטואַרן גייען זײ אָפּגעזונדערט מיט נאָכגעלאָזטע בליקן
> און מיט בינטלעך אונטער די אָרעמס שמײכלען זײ צו די רינשטאָקן;
> זײ וואָגלען אום איבער הפקרדיקע הייף, און גלעטן קעץ, הינט אויפן
> מיסט.
> פּאָר ליבשאַפט קלײַבן זײ פּאָר זײ שפּײַז און רעדן צו זײ ווי צו מענטשן.

בעריש ווײַנשטײַן מאָנט נישט, טענהט נישט, פּראָטעסטירט נישט; ער באַשרײַבט, וואָס ער זעט, ווי ער זעט עס; ער מאָלט, ער קלעפּט שווערע גראָטעסקע פיגורן.

בײַ מ. א. סולן לאָזט זיך דאָס ליד וועגן אַרבעטסלאָזע אויס מיט אַ רוף צום קאַמף:

און אָט קומען ווידער פּלאַקאַטן — אַ וואַלד,
און ס'ווערט אַלץ געדיכטער דער טראַם־טראַט פֿון טריט,
און ס'רופֿט שוין אַלץ העכער דאָס הילכיק געזאַנג:
— שטיי־אויף און קום־מיט!
שטיי־אויף און קום־מיט!

ווי אַנדערש איז בײַ בעריש וויינשטיינען דער סוף פֿון די „וואָס שלאָפֿן צעלייגט אין דער אָפֿענער שטאָט".

נאָבעלע פֿאַרבײַגייער טרעטן געשווינד אָפּ דעם וועג פֿון זייער שכורן שלעף.
ס'ווייכן פֿון זיי מיידלעך, וואָס זיצן פֿאַרנאַכטיק אויף טרעפּ מיט לויז־צעקאַמטע האָר,
צענומען די פֿיס, און מיט אַ ברוסטיקן שריינט, וואָס בענקט נאָך אַ ראַנדעוווּ.
— — — — — — — — — — — — — —
אַזעלכע שטאַרבן אַמאָל אויף אַ שטאָטישער באַנק אָדער אונטערן קלאַפּ פֿון אַ שילד.

„שטיי־אויף" — בײַ איינעם; בײַ דעם אַנדערן — „שטאַרבן"...
נאָך שאַרפֿער ווי אין דעם געמיטס־צושטאַנד, איז דער אונ־טערשיד, ווי מיר האָבן געזען, אינעם ריטעם און אינעם עצם תּוך פֿון זייער ביידנס פּאָעזיע...

איך האָב נישט געטראַכט, ווען איך האָב גענומען לייענען זייערע ערשטלינג־ביכער, אַז זיי זענען אַזוינע צוויי קאָנטראַסטן. אָבער מיר פֿאַרדריסט נישט — פֿאַרקערט, איך בין צופֿרידן, — וואָס איך האָב זיי געלייענט איינעם נאָך דעם אַנדערן. איך קאָן יעדן פֿון זיי איצט בעסער אָפּשאַצן.

יעדער פֿון זיי איז אין זיין ערשטן בוך שוין אַזוי טריי צו זיך אַליין, אַז ווען מען שטעלט אים אַוועק לעבן אַ צווייטן דיכטער, דערזעט מען גלייך אַ גרענעץ, וואָס ליגט צווישן צוויי וועלטן: דאָס איז אַ מדרגה.

דערהויפּט אין אונדזער צײַט, ווען יונגע דיכטער זוכן נישט זיך אַליין, נאָר — אַ ריכטונג. אין אונדזערע טעג קאָן מען לײַכט איבערפּעקלען גאַנצע פּעק מיט לידער פון איין שרײַבער צו אַן אַנדערן — און מען זאָל עס נישט באַמערקן. ס'איז די זעלביקע „יוצרות", איז נישט שווער זיי צו פאַרבײַטן...

סול און ווײַנשטיין לאָזן זיך נישט פאַרבײַטן.

בעריש ווײַנשטיינס לידער זענען נישט קיין לידער פון אַ ריכ־טונג, נישט קיין כאָר־לידער. ער זינגט סאָלאָ... ער זינגט ? ניין, דאָס וואָרט פּאַסט זיך בעסער פּאַר זײַן אַנטיפּאָד. ווײַנשטיין זינגט זייער זעלטן. ער קנעט איין זײַן ליריזם אין געשטאַלטן; ער שניצט אים פון האָלץ, קריצט אים אין שטיין, ווי אַ סקולפּטאָר. פון ליריק ווערט ביי אים פּלאַסטיק. נישט אומזיסט איז דער פּראָלאָג אַ ליד וועגן סקולפּטור : „בעטהאָווען־ביוסט". מוזיק — אין בראָנז אויסגעגאָסן — — —

וווּנדערלעכער פון איטלעכן ווונדער און האַפּטיקער נאָך ווי פליײש.
פליײש קאָן גרינגער שטאַרבן ווי אַלץ, אַפילו ווי גיפּס, ווי בראָנדז.

וויל בעריש ווײַנשטיין פון פליײש און בלוט מאַכן גיפּס, בראָנדז. ס'איז אַ שווערע קונסט ; לאַנג, לאַנגזאַם רײַפט זי. בעריש ווײַנשטיין איז נאָך נישט פאַרטיק, ער איז נאָך האַלב־רוי. אָבער ווו־נישט־ווו אין זײַן „ברוכוואַרג" הענגט שוין זאַט אַ צײַטיק־ווערנדיקע פּרוכט. לייענט דעם אָנהייב פון זײַן ליד „אַפּאָסטאָלן" :

זיי גייען אַרום איבער שטעט און שטאַמלען רייד פון נביאים,
אָנגעגורטן מיט שטריק און מיט ווינט אין די ווילדע בערד.
די שטערנס זייערע קנייטשן זיך געל פון טונקעלער חכמה
און פון די לעפּצן רייסט זיך קלוגער תהלים דורכזיכטיק צו גאָט.

אין זייערע אויגן איז אַיעדער מויער — אַ קלויסטערוואַנט ;
איטלעכער בוים — אַ צלם אין געזיכטער מיט בערד געקרייציקטע.
אין זייערע אויערן רוישן נאָך די קלעפּ פון טשוועקעס דורך הענט, פיס,
און ס'איז נאָך פריש פאַר זיי דער צעגאָסענער שטאָך אויף יעזוס' ברוסט,
ס'ווונדיקע פּנים זיינס, וואָס האָט זיך געלאָשן אויפ'ן צלם.

לייענט די לעצטע שורות פונ׳ם בוך, וועט איר נאָך קלאָרער זען, ווי שטימונג ווערט אַריינגעגאָסן אין זאַכן, ווי אַ לעבעדיק ליריש געפיל רירט זיך האַלב־פאַרגליווערט אין פלאַסטישער בילד־לעכקייט:

אין קעלט יאָמערן קעץ מיט גריניקע הייסע אויגן און פאָרן זיך ווילד אויפן טראָטואַר;
שרעק פון אַ דורכגייער, פון אַ שילד אין ווינט, רייסט איבער זייער באַהעפטונג.
אין אַזעלכע גאַסן פאַרוואַלגערט זיך שטענדיק אַ יונג מיט אַן אָפּגעלעבטער פרוי;
זאַט פון לייב, זאַט פון ווינקעלערס גייען זיי פאַרשלעפּטע, אָפּגעזונדערט, אָן רייד.
בעזימער רירן דעם פראָסט פון פאַרטאָג און אויף די שוועלן טאָגן מילכפלעשער.

דאָס איז נישט אַלע מאָל דעם יונגען דיכטערס מעטאָד. עס זענען דאָ ביי אים לידער, וווּ ער נוצט נישט די מאָלערישע אָדער סקולפּטאָרישע געצייג, נאָר — די לירע. אַ שטייגער, דאָס ליד: „אַ בריוול״.

מאַמעשי,
ביי דיר איז פסח ביי נאַכט אין שטיב,
און ביי מיר איז פסח ביי נאַכט אין גאַס,
כ׳האָב נישט קיין שליסל צו אַ הויז,

כ׳טראָג אַפילו נישט קיין לייטיש העמד.
און דו, אין דער היים, גייסט אַרום אין ווייסע זאָקן,
אָנגעטאָן דער באָבעס שטערנטיכל,
און בענטשסט די ליכט אין זילבערנע לייכטער.

דער רויטער וויין לייטערט דיין תפילה,
און דו ווייסט נישט, אַז ווען איך וואָלט איצט כאָטש ברויט געהאַט
וואָלט איך אום פסח אויך געגעסן.

מאַמעשי...
אליהו הנביא וועט הײַנט אַוודאי זײַן בײַ דיר,
גיס פאַר אים אָפּ דעם ווײַן אין מײַן געבלומטן כוס,
ווײַל כ'קאָן אים נישט גײן אַנטקעגן אויפמאַכן די טיר.
כ'האָב אַלײן נישט קײן טיר וווּ צו עפענען,
כ'האָב נישט וווּ איבערצונעכטיקן.

דאָס איז נישט בראָנדז אָדער גיפּס, דאָס איז פלײש און בלוט. מער בראָנדז, מער פּלאַסטישקײט איז דאָ אין „גאַסנשפּילער", דאָך איז עס אויך אָפענע ליריק, פלײש־און־בלוט־ליריזם:

נאַריש אַזוי פרום זיך אַוועקצושטעלן מיט אַ פידל אויף בראָדוועי.
בראָדוועי האָט פײַנט אַזאַ טרויעריקן גאַסן־שפּילער ווי דו.
דאָ פאַלן דײַנע טענער אונטער גרינגע טריט פון זילבערנע שיך
און ווערן פאַרווישט אין זײַדענעם שאָרך פון עלעגאַנטע פרויען.

לאָז דאָס אָרט פאַר אַזעלכע, וואָס פאָרן אַרום מיט שפּיל־קאַסטנס;
זײ האָבן געלײמטע ווײַבער, וואָס דרײען געלײמט די קאַטערינקעס,
מ'קאָן ציען בײַ זײ קוויטלעך, וואָס זאָגן פאָרויס דעם מענטשנס מזל,
און ס'גײט אַרום אַ טרויעריקער ציען דעם קאַפּעליוש פאַר געוועלבן.

דו אָבער מיטן ברײטן קראַוואַט און מיט די לאַנגע האָר אין ווינט
און מיט דער צעקנײטשטער אַלטקײט אין שוואַרצן אײראָפּעישן פראַק,
אַז דו שטײסט ערנסט מיטן פידל געבויגן, דערמאָנסטו אין בעטהאָווען;
פאַר אַזעלכע פאַסט צו שטײן אין ווין ערגעץ בײַם דאָנוי
און ערשט דאָרט... וועסטו זײַן אַ וווּנדער.

דער דיכטער זאָגט, וואָס ער פילט. דאָס טרעפט זיך נישט אָפט בײַ אים. אָפטער זענען בײַ אים לידער, וווּ ער האַלט־אײַן זײַנע געפילן. לידער, וווּ ער, דער הײסער ליריקער, מאַכט דעם קאַלטן אָנשטעל פון אַ דערצײלער, פון אַ מאָלער, פון אַ סקולפּ־טאָר. לידער, וווּ די שורות זענען אַזוי ווי מיט אַ כיוון לאַנג, כדי דער שרײַבער און דער לעזער זאָלן זיך צוגעוווינען צו געלאַסנקײט... אײַלט זיך נישט, זאָגן צו אונדז אָט די לאַנג־און שווער־אָטעמדיקע פערזן, קאָכט זיך נישט. קוקט זיך בעסער צו, הערט זיך אײַן...

זיבן גלחים אין קיטלען מיט זילבערנע צלמים זינגען אין ווײַרויך
און פיר שטאַרקע הענט טראָגן יעזוסן אין בראָנדז, ווי אַ לעבעדיקן,
איבער דער גאַס.
הינטער יעזוס שפּרײַזן גלחים, פּויערים, איבער שבתדיקע רינשטאָקן
און אין די זילבערנע צלמים פֿײַניקן זיך ייִדן מיט אַ ווידוי צו גאָט.

עס שמעקט מיט אַ פּאָגראָם: נו, און אַז אַ פּאָגראָם, איז וואָס? דאַרף מען שרײַען, וויינען? פֿרעגן אונדז ווײַנשטײַנס פֿאַר־ביסן־שטילע שורות... שרײַט ניט, מאַכט נישט קײן ליאַרעם, זעט, וואָס עס טוט זיך, — הערט זיך אײַן:

ס׳פֿלאַמט־אויף אין שׂרפֿה אַלטע ספֿרים־שענק, אונטערן פֿײַער שאָרכן
אותיות.

הערט, ווי עס שאָרכן אותיות אונטערן פֿײַער... הערט און זעט:

די וואָס בלאָזן אויף פֿײַער אום שבת און רוימען לײַכטער פֿון
גערעקטע טישן,
עפֿענען דעם אָרון, טראָגן פֿאַרקערט די ספֿרים און צעוויקלען זיי
אויף טראָטואַרן,
און קינדער פֿון צלמים שפּילן זיך באָרוועס אויפֿן פֿאַרמעט און פֿאַרווישן
די אותיות.

ס׳לויפֿן־אויף פֿרענגעס אויף טאַטעס, אויף מאַמעס, קינדער שווידערן
אויף פֿאַר פּחד.
פֿון באָבעס צעריננע אויגן אין טרערן אויף בלעטער אויסגעווייקטן
תהלים.
ייִדן, וואָס קאָנען וואַנדערן מיט געהילטע ספֿר תּורהס און מיטן
נאָמען „שם״,
ליגן אויפֿ׳ן קלויז־דיל מיט צעשפּאָלטענע ליפּן און קאָנען נישט שטאַרבן.

דאָס גאָר? נײן, נאָך עפּעס:

חאָרענגעס, שקצים — אַלע האָבן זיך אין שקיעה הײַנט אַרויסגעלאָזט
נאָך רויב.
זיי גייען לאַכעדיק איבער שוועלן, און פֿון זייערע הענט פֿאַלן אָפֿענע
ריגלען.

פון צופיל רויב שטויבן די גאַסן מיט צעטראָטענעם ברוכוואַרג — נייע
סחורות.
אין שטיבער פון סטרוזשעס זענען ענג מיט וואָל־שטאָפּן, מיט אָנגע־
שלעפּטע געוואַנטן.
גוויים האָבן קאַליע געמאַכט אַזאַ טאָג מיט שטיינער און מיט שטעקנס —
שטעקנס פריש געשיילטע, וואָס האָבן ווילד אין דער לופט געפאָכעט.
— — — — — — — — — — — — — —

קוקט אויף די שטעקנס, זעט, ווי פריש געשיילט זיי זענען, וועט איר זיין געלאַסענער צו דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן „ווילד אין דער לופט געפאָכעט" און „קאַליע געמאַכט אַזאַ טאָג"...

וויינשטיין לערנט זיך זיין געלאַסן — אין אַ וועלט פון אימפּעט, אין אַ וועלט פון אומרו און פּחד. אויך לערנט ער זיך זאָגן אין אַ האַלבער שורה, וואָס אַנדערע מאַכן דערפון אַ גאַנצע פּאָעמע... ער שטעלט זיך גרויסע, גאָר גרויסע צילן, — און עס איז קיין וווּנ־דער נישט, וואָס זעלטן־ווען דערגרייכט ער זיי. דאָס רוב בלייבט ער שטיין אין מיטן וועג. צום גרעסטן טייל גיט ער אונדז טאַקע נאָר ברוכוואַרג. אָבער ס'איז ברוכוואַרג פון אַ פּאַרטאַיעטער וועלט:

ביי נאַכט ווערן די חורבות פון ברוכוואַרג אָוונטיק, ווי פעלד, ווי וואַלד.
שטיקלעך, וואָס האָבן אין זיך נאָך אַ בליאַסק, רייסן זיך קיל צו דער
לבנה.
— — — — — — — — — — — — — —
שטיבלעך פון קלייבערס שטייען פאַרשלאָגן מיט אַ געפונען ברעט, מיט
אַ פרעמדער טיר,
אויף די דעכלעך פון אָנגעקליבענעם בלעך ליגט ס'ברייטע ליכט פון
סוף־חודש־נאַכט.
אויסגעטריקנטע גופים פון דורכגענומענעם ראָסט זוכן נאַכט אויף
קאַלטער ערד...
קאַלירטע שויבן פון נאָבעלע שכנים מאַכן היימלעך זייערע אויגן,
זייערע נעכט,
און פון די ליפּן רינט אָפּ שווערע סליונע, קלעפּערדיקער שוים, און
שטילע רייד.

ווען איך האָב עס געלייענט, האָב איך געזען די חורבות אין די וועלטן פון וויינשטיינס פּאָעטישן „ברוכוואַרג". מיר האָט זיך

געדוכט, אַז זיין ברוך־פּאָעזיע איז ענלעך צו די אָוונטיקע „שטיק־לעך, וואָס האָבן אין זיך נאָר אַ בליאַסק, רייסן זיך קיל צו דער לבנה"...

און ווי אַנדערש איז אָט דער שטילער פאַנטאַסטישער „בליאַסק" פון מ. א. סולס „ליכט"! סול האָט „ווערטער זוניקע און אָפענע און פּראָסטע". אין פאַרגלייך מיט דעם שווערן, שווער־אָנגעלאָדענעם, טונקעלן, גראָטעסקן, האַלב נאָך שטאַמלדיקן בע־ריש וויינשטיינען — איז מ. א. סול באמת „זוניק און אָפן און פּראָסט". און — דערהויפּט — לייכט... ס'איז אים לייכט צו זיין — לייכט. ער טראָגט נישט וויינשטיינס לאַסט. ער האָט נישט זיין וואָגיקייט. ער שטעלט זיך נישט קיין גרויסע און נייע אויפגאַבן. ער איז אויך פריי פון די אויפגאַבן, וואָס „אַלטע" פּאָעטן האָבן זיך געשטעלט:

זיי האָבן דעם הונגער מיט פּערזן געגלעט און געצערטלט,
מיט דער נויט זיך דאָס לעבן באַצירט, ווי מיט קרעלן.
צו די שטערן געגרעדט, די לבנה געהאַלבט און געפּערטלט
און געלערנט זיך פריי, ווי אַ פייגעלע, טרעלן.

ער וויל נישט טרעלן ווי אַ „פייגעלע". ער האַלט, אַז „ליטע־ראַטור היינט צו טאָג איז מלחמה — און אַ דיכטער דאַרף זיין אַ געניטער און בראַווער סאָלדאַט".

ער איז אפשר נאָך נישט אַזוי געניט. אָבער בראַוו איז ער, בראַוו און אויפריכטיק. ער האָט זיין זעלנער־מונדיר נישט גענומען אויף פּראָקאַט. זיין קעמפערישקייט מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אינטים־לירישער איבערלעבונג, און מיט זיין גאַנצער באַנאַלי־טעט און אויבנאויפיקייט איז ער אונדז סימפּאַטיש. עס שמעקט נישט מיט „פּראָגראַם", — עס פילט זיך נאַיווע איבערצייגטקייט אין זיינע רייד, ווען ער זאָגט:

ווער קאָן אָנטאָן פאַר אַ העמד די זון פון מאַי?
און מיט רויזנדופט דעם הונגער ווער קאָן שטילן?
און אַז מען האָגלט אויף דיין לייב מיט טויט און בליי,
ווי וועסטו פרילינג־ווינטעלע דערפילן?

וואָס איז פרילינג, זומער, האַרבסט אוןווינטער,
צי דער גורל פון אַן איינציק לעבן,
ווען מען גראָבט פאַר אַלטער וועלט אַ צווינטער
און סע קומט אַ נייע וועלט צום לעבן ?

זאָלן בירגערלעכע דיכטער זינגען לידער
צום פרילינג און צום ווינטעלע דעם צאַרטן,
ווען סע קעמפן אין מיליאָנען מיינע ברידער,
זינג איך פונעם קאַמף דעם איינגעשפּאַרטן.

ער זינגט מיט האַרץ. מאַכט נישט אויס, וואָס מיר האָבן עס שוין אַ סך מאָל געהערט. מאַכט נישט אויס, וואָס מען דאַרף אפשר נישט אָוועקשענקען דעם בירגערטום (און די „בירגערלעכע דיכ־טער״) „דעם פרילינג און דאָס ווינטעלע דאָס צאַרטע.״ (דער פּראָ־לעטאַריאַט האָט אויך אין זיי אַ חלק און ער מעג אויך „רויזנ־דופט״ געניסן ; נישט נאָר די פּאַרפיומען, וואָס ער אַליין פאַברי־צירט, אויך נאַטירלעכער „רויזנדופט״ איז נישט דער בורזשואַזיעס פּריוואַט־אייגנטום). דאָס אַלץ מאַכט נישט אויס. ס'איז, סוף כל סוף, אמת, אַז —

ווען ס'גריזשעט דער הונגער די וועגטלעך פון ליידיקן מאָגן,
און דיין היים איז אַ שטאָטישער פּאַרק צי אַ באַנק אויף דער בריק —
זענען קויטיקע פליאַמעס די גאָלדענע פרילינג־פּאַרטאָגן,
און עס סקריפּעט אין אויער די דינסטע סימפאָניע־מוזיק.

און, ווען „ס'גריזשעט דער הונגער״, זענען מ.א. סולס קאַמפּס־לידער אויך נישט אַזאַ מאכל, וואָס מען זאָל קאָנען דערמיט אָנ־פילן אַ ליידיקן מאָגן, און אויב עס רעדט זיך נישט וועגן שטילן דעם הונגער מיט לידער, נאָר וועגן באַקעמפן דעם קלאַס, וואָס „באַזאָרגט נישט אַפילו מיט שיך און מיט ברויט זיינע שקלאַפן״ און „האָט נישט קיין צייט זיך פּאַטשקען מיט קונסט און מיט דיכטער״, — אויב עס רעדט זיך וועגן אָט דעם גרויסן היסטאָרישן באַפרייונגס־קאַמף, האָט „דינסטע סימפאָניע־מוזיק״ און פּאָעזיע פון „גאָלדענע פרילינג־פּאַרטאָגן״ אפשר אַ גרעסערע שייכות צו

אים, ווי די לידער פון דריט־קלאַסיקע „פראָלעטאַרישע" דיכטער. אָבער איך וויל זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין ווייטע דרכים. איך וויל נאָר זאָגן, אַז לויט דעם איינדרוק, וואָס איך האָב פון מ. א. סולס לידער, געהערט ער צו די געציילטע פראָלעטאַרישע פּאָעטן, וועלכע זענען פּאָעטיש, נישט נאָר פראָלעטאַריש. די פּאָעטישקייט איז פון אַ לייכטן און איינפאַכן סאָרט. זי וועקט נישט אַזוינע ספקות און גיט נישט אַזוינע האָפענונגען, ווי דאָס עקספּערימענטירנדיקע ליד פון בעריש וויינשטיין, אָבער זי האָט די מעלה, וואָס זי איז פריש און נישט געקינצלט.

בריוו פון ה. לייוויק צו בעריש ווײַנשטיין

19 יאַנואַר 1936

ליבער ב. ווײַנשטיין [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible] [redacted] [illegible]

[illegible]

[illegible] [redacted]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible] Wadsworth 7-1239

[illegible]

ה. לייוויק

30 מײַ 1947

מײַן טײַערער בעריש װײַנשטײן.

האָב זיך [illegible] אײַך [illegible] שרײַבן [illegible]
[illegible] װען [illegible] און [illegible]
[illegible] צו [illegible] אַהײם.

[illegible] פֿאַר דער מתּנה.

[illegible] װיסן פֿון מײַן [illegible]
[illegible] װאָס איך האָב [illegible]
[illegible]. װאָס [illegible]
מײַן [illegible] װאָלט איך ניט [illegible]
[illegible] פֿון [illegible]
[illegible] פֿאַר איך װײס [illegible] פֿאַר [illegible]
[illegible]. [illegible]
די [illegible]
[illegible].

[illegible]
[illegible].

[illegible] גרוס [illegible].

אײַער ה. לייװיק

6 אַפּריל 1949.

מײַן טײַערע [illegible].

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible]-
[illegible] [illegible], [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible],
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible], [illegible] 3/2
[illegible] [illegible] [illegible]. [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]:
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] — [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible]. [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]-
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] — [illegible], [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] — [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] — [illegible]
[illegible]. [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].

דײַן ה. לייוויק

19 יאַנואַר, 1936

ליבער ב. וויינשטיין,

אַ דאַנק פאַר אייער בוך „ברוכוואַרג״. האָב שטאַרק הנאה פון אים. עס פרייט מיך צו זען אין אייך אַן אמתן פּאָעט, האָב אַ סך אייך צו זאָגן, אָבער אין דער מינוט מאַך איך עס קורץ. איך וואָלט וועלן אייך זען צוליב אַ וויכטיקן ענין: אַפּאַטאַשו און איך גרייטן זיך אַרויסצוגעבן עטלעכע זאַמלביכער, נוץ איך אויס די געלעגנהייט צו איינלאַדן אייך איר זאָלט אונדז געבן אַ סעריע לידער.

שרייבט מיר גלייך אָן, ווי אַזוי איך קען זיך זען מיט אייך. איך לאַד איין צו זיך אין שטוב אויף אַן אָוונט. איך בעט אייך קלינגט מיר אָן גלייך אויפן טעלעפאָן, און מיר וועלן זיך צונויפרעדן. מיין טעלעפאָן איז: Wodsworth 7–1239

מיט די בעסטע ווונטשן און ברכות

ה. ל ײ װ י ק

30 מערץ, 1947

מיין טייערער בעריש וויינשטיין,

האָב זיך געקליבן אַלץ צו שרייבן אייך אַ פּאָר ווערטער וועגן אייער בוך און אַלץ ניט אויסגעקליבן זיך ביז היינט.

קודם כל אַ דאַנק אייך פאַר דער מתנה. איר ווייסט געוויס אַליין פון מיין הויכער מיינונג וואָס איך האָב בכלל וועגן אייער שרייבן. וואָס שייך אייער איצ־טיקן בוך איז מיין מיינוג וועגן אייך נאָך העכער געשטיגן.

ס'איז אַ בוך פון וויכטיקער דערגרייכונג, סיי פאַר אייך אַליין סיי פאַר אונדזער ליטעראַטור. איר האָט געגעבן אייער ר ײ ש ע אַ פיינעם דיכטערישן תקון.

אייער ווערק וועט געוויס אָפּגעשאַצט ווערן ווי עס פאַרדינט.

נעמט צו מיינע בעסטע ווונטשן

אייער ה. ל ײ װ י ק

6 אַפּריל, 1949

מיין טייערער א. טאַבאַטשניק,*

ס'טוט מיר באמת לייד וואָס איך וועל, צוליב פּערזענלעכע מניעות, ניט קאָנען, ווי איך וואָלט געוואָלט, באַטייליקן זיך אינעם אָוונט, דעם 9טן, לכבוד אונדזער בעריש וויינשטיין. איך בעט אייך דעריבער אויפנעמען און איבערגעבן מיינע עטלעכע באַגריסונגס־ווערטער מיט דער זעלביקער וואַרעמקייט ווי איך שרייב זיי צו אייך, אַז איר זאָלט זיין דער גוטער שליח זייערער צו ברענגען זיי צום אָוונט — מיינע האַרציקע ברכות בעריש וויינשטיינען. איך האָב נאָכגעפאָלגט וויינשטיינען פון זיין אָנהייב אָן, און ס'איז אַ גרויסע באַפרידיקונג צו זען ווי ער איז געוואַקסן און וואַקסט און ווערט גאַנצער און רייפער — אַ קענטיקער, אייגנאַרטיקער דיכטער מיט אַן אייגענעם אויסגעשפּראָכענעם וועג און דערהויפּט — מיט אַן אייגענער וועלט.

זיין ליד איז אָנגעלאָדן, מאַלעריש, דערצו טיף יידיש. וויינשטיין ווייזט אויך אַרויס די גרויסע מעלה וואָס ער פילט ווי גרויס און ווי ערנסט עס איז דער באַרוף צו זיין אַ גרויסער דיכטער.

איך ווינטש אים אַ סך הצלחה אין זיין ווייטערדיקן לעבן און שאַפן.

אייער ה. ל ײ װ י ק

---

* באַגריסונג צום אָוונט צום דערשיינען פון „לידער און פּאָעמעס״.



14 נאָוו. 1955

מיין ליבער בעריש וויינשטיין —

איך האָב שבת באַקומען אייער ניי בוך „אַמעריקע". איך דאַנק אייך האַרציק פאַר דער מתנה. איך בין זייער צופרידן וואָס די פּאָעמע אייערע „אַמעריקע" איז שוין אין אַ בוך. איר זענט איינער פון די ווינציקע פּאָעטן אונדזערע, ביי וועמען אַמעריקע פאַרנעמט אַ הויפּטאָרט אין זיין שעפערישקייט.

דאָס איז אַ וויכטיקע דערשיינונג. איך וועל מיט אַ באַזונדערן אינטערעס לייענען אייער ניי בוך.

דערווייל נעמט צו מיין האַרציקע באַגריסונג.

אַלדאָס גוטס

אייער ה. לייוויק

באַגריסונג פון מאַני לייב צום דערשיינען פון „ריישע"

מאַי, 1947

דאַוויד ווײַנשטיין, פּראָזאַיִקער און פּובליציסט,

די ייִדישע פּאָעזיע איז אין איר גאַנצן אומפֿאַנג – אַ לירישע.
זי איז רײַך מיט דער צאָל דיכטער און מיט דער צאָל ווערק.
עפּישע ווערק און דיכטער עפּיקער – זײַנען דאָ זייער ווייניק,
און צו די ווייניקע דאַרף מען צורעכענען דאַוויד ווײַנשטיינען.
בײַ ייִדן פֿאָלק האָט זיך אין די פּאָעזיע מיט עפּאָס, די
[illegible] קומט שפּעטער, ווען אין פֿאָלק וואַקסט אויס דער קולט
פֿון דער פּערזענלעכקייט און דער יחיד. דעמאָלט קומט עפּאָס דער באַוואוסטזיניקער
יחיד געשטאַלט

ווען מיר זאָלן רעכענען דעם אָנהייב פֿון אונדזער פּאָעזיע
פֿון דעם בבֿא-בוך, איז דאָס אונדז געווען אַזוי ווי ביז די גרינגע
און ווי ביז אַלע אונדזער נײַער פּעריאָד.
דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אָבער דורכגעמאַכט אַ באַזונדערע
געשיכטע: גלות וואַנדערונגען פֿון לאַנד צו לאַנד, אויסגעריסן
[illegible] שפּראַכן א.אַ.וו. אָבער ווען מיר נעמען די געשיכטע
פֿון אונדזער פּאָעזיע אין אַמעריקע, וואָס הייבט זיך אָן אין זײַן 14
טן יאָרהונדערט, איז אַפֿילו דאָ זעען מיר דעם זעלבן כּלל:
די לירישע פּאָעזיע אויף אַמעריקע, די אַזוי גערופֿענע, די
[illegible], וואָס זענען אין ביזן 20טן יאָרהונדערט, האָט
זיך אָנגעהויבן מיט עפּישער פּאָעזיע?

דאָס "דבֿורה־בוך", דאָס "שמואל־בוך", "גלות־ליד", די "משה" פֿון
עניגע אָרטן, און אַנדערע יידישע ווערק.

בעריש ווײַנשטיינס פּאָעמע "רײשע" דאַרפֿן מיר . פֿאַרצייכענען פֿאַר אַן
עפּאָפּעיע, צווישן אַזעלכע "אַבֿרהמס־יונגן", ווי י. י. שוואַרצס "קענטאָקי",
ה. לייוויקס "אין הייל", מאַני לייבס "דער גייער". אַמעריקאַנער ווערק
ניט פֿאַרגעסן. און "רײשע" זײַנע פֿאַרגאַן באַלאַדעס וואָס
פֿאַרבונדן מיט זײַנע פּאָעמעס, לידער, גלײַכגילטיקע גשטאַלטן,
פֿאַרוואָרצלטן שטאַרקער און שטאַרקער געשטאַלט,
פֿול, יאָרגאַנג און גײַסט זיך אין זײַן אַנדערע ניט־ראָמאַנטיש
ראָמאַנטיש און טראַגיש דער פֿאַרגאַנגען ווײַנשטיינס חן.
אויך באַזונדערס ווערט דער בעריש ווײַנשטיין צו דער פֿאַרשטייונג
פֿון זײַן בוך "רײשע", ווי צו ווײַטער קלאַרקייט צו אונזער
ניט אַזוינע יידישער עפּישער פּאָעזיע.
דאָס בוך איז אויסגעצייכנט זײַער שיין, פֿאַרגעהאַלטן אויף
אויסגעצייכנטע ליטעראַטור. פֿאַר פֿאַרגלייך פֿאַרבונדן צו דעם.

מאַני לייב

מאַי, 1947

בעריש ווײַנשטיין, פּאָרזיצער און פּאַרזאַמלטע,

די יידישע פּאָעזיע איז אין איר גאַנצן אַרומנעם — אַ לירישע. זי איז רייך מיט דער צאָל דיכטער און מיט דער צאָל ווערק. עפּישע ווערק און דיכטער־עפּיקער — זיינען דאָ זייער ווייניק, און צו די ווייניקע דאַרף מען צורעכענען בעריש ווײַנשטיינען.

ביי יעדן פּאָלק הייבט זיך אָן די פּאָעזיע מיט עפּאָס. די ליריק קומט שפּעטער,

ווען אין פאָלק וואַקסט אויס דער קולט פון דער פערזענלעכקייט און דעם יחיד. דעמאָלט קומט ערשט דער באַוווסטזיניקער יחיד־קינסטלער.

ווען מיר זאָלן רעכענען דעם אָנהייב פון אונדזער פּאָעזיע פון דער ביבל־צייט, איז ביי אונדז געווען אַזוי ווי ביי די גריכן און ווי ביי אַלע אַנדערע נייע פעלקער.

דאָס יידישע פאָלק האָט אָבער דורכגעמאַכט אַ באַזונדערע געשיכטע: גלות, וואַנדערונגען פון לאַנד צו לאַנד, איבערנעמען פרעמדע שפּראַכן א.א.וו. אָבער ווען מיר נעמען די געשיכטע פון אונדזער פּאָעזיע אין י י ד י ש, וואָס הייבט זיך אָן אין 14טן יאָרהונדערט, איז אַפילו דאָ זעען מיר דעם זעלבן כלל: אַז אויך די יידישע פּאָעזיע אויף י י ד י ש, די אַזוי גערופענע, די אַלטע, די קלאַסישע עפּאָכע, וואָס ציט זיך ביזן 18טן יאָרהונדערט, האָט זיך אָנגעהויבן מיט עפּישער פּאָעזיע:

„דאָס בבא־בוך", „דאָס שמואל־בוך", „מגלת־וינץ", די מעשה פון קיניג אַרטיש, און אַנדערע עפּישע ווערק.

בעריש וויינשטיינס פּאָעמע „ריישע" דאַרפן מיר פאַררעכענען פאַר אַן „עפּאָפּעע", צווישן אַזעלכע „עפּאָפּעען", ווי י.י. שוואַרצס „קענטאַקי", יחיאל לערערס „מיין היים", מנחמס „דער גייער". מער אַזעלכע ווערק קען איך ניט דערמאָנען. אין „ריישע" זענען פאַראַן בלעטער וואָס פאַרכאַפּן מיט זייער פּשטות, ליריש־געצייכנטע געשטאַלטן, פאַרוואָרצלטן שטייגער און שטעטלשע נאַטור. זיין שפּראַך איז פול, יאָדערדיק, און גיסט זיך אין אַ באַזונדערער ניט ריטמישער ריטמישקייט און טראָגט דעם באַזונדערן וויינשטיינס חן.

איך באַגריס אונדזער חבר בעריש וויינשטיין צו דער דערשיינונג פון זיין בוך „ריישע", ווי אַ וויכטיקן צוטראָג צו אונדזער ניט רייכער יידישער עפּישער פּאָעזיע.

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן זייער שיין, פאַר וואָס דער איגנאַטאָוו־ליטעראַטור־פאָנד פאַרלאַג פאַרדינט אַ דאַנק.

מ אַ נ י ל י י ב

י. י. סיגאַל

בעריש וויינשטיין

אין דער זאַמלונג „לידער און פּאָעמעס" האָט דער טאַלאַנט־פולער דיכטער בעריש וויינשטיין צונויפגענומען אַלע אָדער כמעט אַלע (אַחוץ זיין עפּיש ווערק „ריישע") לידער פון זיינע צוואַנציק יאָר שאַפן. דאָ גייען שוין אויך אַריין די לידער פון זיין ערשט־דערשינענעם בוך „ברוכוואַרג" וואָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם ביי זיין דערשיינען, און אונדזער ליטעראַטור האָט זיך באַגריסט מיט נאָך אַ נייעם, אַן אייגנאַרטיקן פּאָעט וואָס איז געקומען זאָגן זיין וואָרט, זינגען זיין ליד און אַריינטראָגן זיין אייגן געמיט און זיין אייגענע דיכטערישע אַטמאָספער אין דער יידישער דיכטונג. ביי די עכטע און באַדייטנדיקע דיכטער פון אונדזער ליטעראַטור איז אַן אמתער יום טוב, אַ גליקלעכער מאָמענט, ווען עס קומט אָן אַ נייער, אַ ווערטפולער שעפערישער מענטש אין זייער סביבה. יעדער אמתער פּאָעט קומט אַריין אין דער ליטעראַטור ווי אַן אייגענער, אַ משפּחהדיקער, פון איין און דערזעלביקער גזע און יחוס. אין דער אייגענער צייט קומט ער אָבער ווי פון זייער ווייט, און אין דעם באַשטייט זיין עכטקייט, זיין נייקייט און זיין פרישקייט. וואָס מער די דאָזיקע ווייטקייטנייקייט איז אין און אויף אים אָנזיכטיק, אַלץ אייגענער, אַלץ נענטער, אַלץ אינטימער און אַן אַלץ אָנגעלייגטער „גאַסט" איז ער ביי די וואָס פּאָעזיע איז ביי זיי נישט קיין קוריאָז נאָר תוכדיקער עלעמענט פון זייער לעבן און פון גרויסן וועלט־לעבן בכלל.

אַן עכטער נייער פּאָעט באַנייט, נישט נאָר די סביבה אין דער ליטעראַטור, נאָר אויך די סביבה פון גאַנצן אינטעלעקטועלן שיכט אין פאָלק וואָס רופט זיך אינטעליגענץ. אויב דער נייער פּאָעט באַגעגנט נישט קיין הערלעכן „ברוך הבא" פון דער אינטעליגענץ אין פאָלק, איז דאָס זייער אַ שלעכטער סימן פאַר איר און עס טרעפט, עס זאָל אַזוי נישט טרעפן, אַז די דאָזיקע אינטע־

ליגענץ ווערט אַ מאָל געשלאָגן מיט עם הארצות, מיט גייסטיקער טעמפּקייט און דעמאָלט איז זי זייער ווייניק קריטיש צו זיך און האָפערדיק אַנטקעגן אַנדערע. דאָס צו־גרינגע כאַפּן זיך צום „איך פאַרשטיי נישט״, איז דער ערשטער סימן פון אַזאַ אָפּגע־שטאַנענקייט. דער עכטער אינטעליגענטער לייענער, ווען ער דער־וועגט זיך שוין זאָגן אַ מאָל: „איך פאַרשטיי נישט״, טוט ער דאָס מיט פיינער, איידעלער העפלעכקייט און ער שטרייכט אונ־טער מיט עניוות דעם „זיך״ — איך פאַרשטיי נישט. פאַראַן אַ געוויסע זעלבסטבאַשולדיקונג און ער גיט אונדז אָנצוהערן, אַז ער האָט אפשר עפּעס פאַרפעלט אָדער פאַרגעסן אָדער פאַרנאַכלע־סיקט און ער וויל מען זאָל אים דערקלערן און אָנווייזן אויפן פאַרפעלטן.

מיר האָבן נישט קיין אוניווערסיטעטן ווו עס פאַרוואַלגערן זיך דאָ און דאָרט אַ פּאָר עכטע און טיפע לערער, וואָס פאַר־שטייען די ווונדערלעכע קרעאַטיווע וועלט פון קינסטלערישן וואָרטשאַפן. אונדזער באַרופענע קריטיק קאָן זיך אייביק נישט אָפּגעבן מיט לערנען און איבערלערנען די תוכן און תמציתן פון שיין־ליטעראַרישן שאַפן. איר עובדא און איר שליחות איז מיט־צושאַפן, שעפעריש מיטאַרבעטן מיט אַנדערע קינסטלער און דערמיט באַרייכערן אי זיך, אי די ליטעראַטור; ווירקען און באַ־ווירקט ווערן. דער גרויסער ווערט, וואָס סטודענטן פון ליטע־ראַטור האָבן אויף דער פאָלקס־אינטעליגענץ, איז גאָר נישט אָפּ־צושאַצן. אויף פאַרשיידענע אופנים דריקט זיך אויס די דאָזיקע השפעה. נישט דאָ איז דאָס אָרט דערפון צו רעדן. איך האָב די פּאָר באַמערקונגען געמאַכט ווי אַן אַריינפיר צו ווײַנשטיינס בוך „לידער און פּאָעמעס״ און וויל דערמיט מכוון זיין דעם לייענער צו גאָר אַן ערנסטער באַציונג ביי זיין אַריבערטרעטן די שוועל פון זיין בוך, ווייל מיר האָבן פאַר זיך אַ דיכטער נישט נאָר מיט שטאַרק־אָנגעשטרענגטע חושים, נאָר אויך מיט אַ שטאַרק־אָנגע־שטרענגט געמיט אויפצולעבן פאַר אונדז בילדער און זעונגען וואָס ווערן אונדז אַנטקעגנגעטראָגן פון זייער ווייט דורך אַ מין דיכטע־רישער טעלעוויזיע.

בעריש ווײַנשטיין זוכט אין זײַן ליד אַרויסצוברענגען פֿאַר אונדז דאָס עקזאָטישע פֿון דעם געוויינלעכן און דאָס געוויינלעכע פֿון דעם עקזאָטישן. ער האָט זײַער געלונגענע עטלעכע נעגערישע פּאָרטרעטן און „לאַנדשאַפֿטן". דאָס איז נישט קיין „ליטעראַ־טור" וועגן מענטשן און ערטער ווי דאָס פֿאַנטאַסטיש־אויס־געטראַכטע שאַפֿט זיך איר אייגענע רעאַליטעט, קאָמבינירט, קלאַפּט־צוזאַמען איר אייגענעם אומגעווענלעכן „רעאַליזם". בע־ריש ווײַנשטיין האָט נישט נאָר „עפּעס דערזען" אין נעגערישן פּנים, אין נעגערישן גאַנג. ער האָט טאַקע אַ סך געזען און זיך אײַנגעקוקט און שטודירט דאָס שוואַרצע פּנים און דאָס שוואַרצע לשון און די שוואַרצע תּנועות און פֿון דאָרט אַרויס געזען עפּעס אַזוינס, וואָס איז זײַער מענטשלעך־ליכטיק נישט בלויז אין אַ סאָציאַלער אינטערפּרעטאַציע, נאָר אין קינסטלערישער, חושים־פֿולער אינדיווידואַליטעט.

שורות נאָך שורות אין זײַנע נעגער־לידער שנײַדן זיך אַרײַן אין אונדזער געדעכעניש מיט זײַער טיפֿער קויל־גליאיקער שאַרפֿ־קייט, אַז מיר קאָנען זיי שוין קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן. ווי אין אַ קוילן־שאַכט לאָזט ער זיך אַרונטער אָפּט אין תּהום פֿון אַ נעגעריש געשטאַלט און וואַרפֿט מיט זײַן דיכטערישן פּראָזשעק־טאָר אויף אַלע זײַטן און דעקט אויף פֿאַר אונדז קנייטשן און קנייטשלעך, וואָס זענען פֿריער געווען פֿאַרהוילן פֿון אונדזער אויג. ער דעקט אָפּ אונדזער אויג פֿון שלײַערן און פֿאָרהאַנגען, וואָס וואַקסט אָן פֿון אַ „נאַטירלעך" אײַביק שאַבלאָנעם קוקן און זען; ווײַנשטיין שלײַפֿט אונדזער ראיה מיט זײַנע לידער און מיר זעען דאָס, וואָס מיר זענען מסוגל בלויז מיובל ליובל צו דערזען. בדרך־כּלל האָט ער ליב אָנהויפּענען בילדער אויף בילדער, ער פֿאַרמאָגט אָבער די אינסטינקטיווע אײַגנשאַפֿט אָפּצוהיטן און אויסהיטן, אַז איין בילד זאָל נישט פֿאַרשטעלן דאָס צווייטע; זיי פּאַסן זיך אַרײַן, זיי ערטערן־זיך־אויס אַזוי, אַז זיי ווערן פֿאַראייניקט און פֿאַרגלידערט אין אַ מאָזאַישער גאַנצקייט. און אין פֿאַלן ווען ווײַנשטיין פֿאַרזעט און פֿאַרהיט נישט און די בילדער־געדיכטקייט פֿאַרטונקלט און מאַכט מטושטש אַ ביסל

דאָס גאַנצע ליד, איז עפּעס טיף־מאָלעריש־דיכטערישס פֿאַראַן אין די זיך טוישנדיקע פֿאַרבן און קאָלירן. אין דער אַריבערגעלאָפּענער קאָלירן־מאַסע איבערן גרענעץ פֿון דעם לידער־ראַם, געשטאַל־טיקט זיך אָפּט פֿאַר אונדזער בליק אַן אויסטערליש געווילד, וואָס מיר זעען אַ מאָל זיך „אויספֿאָרמירען" אין מערב־האָריזאָנט אין פֿייערלעכע ווונדערלעכע זונפֿאַרגאַנגען וואָס צוטומלען אונדזער אויג מיט זייער „רויער" שיינקייט.

און נישט נאָר בילדער אַליין מאָלט פֿאַר אונדז ווײַנשטיין, ער דערציילט אונדז אָפּט, דורך די בילדער, גאַנץ טשיקאַווע גע־שיכטעס און געשעענישען. ער „שעפּט נישט אויס" קיין טעמע; ער הייבט נישט אָן פֿון קיין „ויהי" און אַנטוויקלט נישט קיין סיפּור־המעשה. ער צייכנט פֿאַר אונדז אויף דאָס בילד פֿון אַ נעגער־דאָרף און ווייזט אונדז אָן אויף דעם און דעם פֿאַרשוין, אויף דער און דער „כאַטע' און גיט אונדז אָנצוהערן דורך אַ וואָרט דעם סיפּור און די מעשה זייערע. די אָנצוהערענישן זענען אַזעלכע רעליפֿע, אַזעלכע באַזונדער־שאַרפֿע, אַז זיי וואַרפֿן אַ ווייט ליכט אין אַ שטיק וועלט־עבר. ער דערמאָנט נישט דאָס וואָרט פּרעהיסטאָריש, מיר הערען עס אַרויס פֿון די ווערטער, פֿון צווישן די שורות. דאָס פּרעהיסטאָרישע ליגט אין איר אור־לאַנדשאַפֿט פֿאַר אונדזערע אויגן. ווײַנשטיין דעפֿאָרמירט דאָס מאָדערן־איינגעשטעלטע און פֿאַרפּיקסירטע. ער צעוואַרפֿט פֿאַר אונדזערע אויגן שטיקער בנין פֿון דער ציוויליזאַציע און לאָזט אונדז זען דאָס נאַקעטע לייב פֿון לעבן. דאָס איז נישט קיין פּשטות, נישט קיין פּראָצעס פֿון פֿאַרפּשטותן און פֿאַרגעוויינ־לעכן, נאָר — אַן אַוועקנעמען ווענט און שיינע טייערע, „פּאַלאַצן און היכלות" וואָס פֿאַרשטעלן אַ נאָך־טונקעלן און פּינצטערן פּרימיטיוו. ווײַנשטיין איז כלומרשט אָביעקטיוו. ער מישט זיך נישט אַריין אין די רייד פֿון די בילדער און געשטאַלטן און דאָרט ווו ער בינדט די ווערטער אַזוי, אַז עס שאַרפֿט זיך יאָ אַרויס אַ שפּור, אַ שפּאַרע, אַ רמז־אָנצוהערעניש, איז דאָס אויך געטאָן אַזוי שטיל, אַזוי „קיל", אַז עס פֿאַלט אונדז אין דער ערשטער מינוט נישט איין, אַז ער מיינט דערמיט עפּעס, אַז ער ווינקט אונדז

אויף אַ קרומער זאַך, אַן עוולה, אַן עטיש בייז.

ערשט שפּעטער דערמאָנען מיר זיך, כאַפּן זיך און קערן זיך אום צום ליד נאָך אַ מאָל און מיר זוכן אין די פּערזן דאָס אָרט וואָס האָט אונדז אַזוי שווער באַרירט. אין דעם ליד „נעגעריש דאָרף" (ז. 84) לייענען מיר זיך אַוועק ביז אַזאַ פּערז, ביי וועלכן מיר בלייבן שטיין און לייענען אים איבער אָבער־אַמאָל און נאָכ־אַמאָל:

ס'דאָרף טרויערט דורך שיכרות, דורך פּאַרכט און דורך מילדער שטאַמלונג,
ס'טראָגט אויף קיינעם נישט קיין קללה, אויף אַלעמענס ליפּען שטילע גריסונג.
אַ נר־תמיד אויפן קייזער־וועג לייטערט לינקאָלנס געזיכט אין ליכטיקן טרויער,
און ס'קוקן זיינע אויגן אַראָפּ מיט אַזוי פיל באַשערמונג צום נעגערישען דאָרף.

(נעגעריש דאָרף, ז. 84)

אין דעם „פאַקט", ווי ווײַנשטיין זעט ווי אַזוי און מיט וואָס דאָס פאָלק פאַרטוט־זיך אין זיין טרויער, ווערט אונדז פאַר־שטענדלעך, ווי דער דיכטער נעמט אויף סאָציאַל די דערווייליקע תרופה צו די קראַנקע איבלען פון דעם וועלטס איצטיקן מצב. איך וויל נישט זאָגן אַז ווײַנשטיינען געפעלט דאָס פאַרשיכורן זיך, פאַרנאַרקאָטירן דעם טרויער, אָבער קינסטלעריש איז דאָס אים יאָ פאַרשטענדלעך און ער זעט אין דעם נישט דאָס סאַמע לעצטע בייז. עס איז פון יענעם מין „עסקייפּיזם", וואָס איז נישט מער ווי אַ סטאַנציע, אַן איבערוואַרטן, און דער צינז, וואָס מען צאָלט פאַר דעם, איז ווייניקער בלוטיק, ווי אַנדערע צינזן. ער גיט אונדז אַן אָנצוהערעניש וועגן דער רעלאַטיוויטעט פון כל־ערליי שיכרותן און אויך די שיכרות פון אידען גייט מסתמא אַריין אין צעטל. נישט אין דעם אָבער גייט עס אין תוך. נישט אין דער אידעישער אינטערפּרעטאַציע, נאָר אין דעם אויפוויקלען דאָס ברייטע לייוונט פון דעם נעגערשן דאָרף און אין דעם שאַרפן דיכטע־

רישן פינגער־ווייזער, וואָס טייטלט אויף די קלענסטע און גרע־סטע דעטאַלן פון דעם דאָרפסלעבן. אויפן ערשטן בליק פאַר־נעמען מיר די מאָלערישע עפּיק פון די פּערזאָן. ווײַנשטיין דער־ציילט אונדז דורך בילדער די מעשה פון דעם דאָרפסלעבן און דאָס בילדערישע האַלט געשפּאַנט אונדזער אויג אַזוי, אַז מיר פאַרגעסן גאָר דעם נאַראַטאָר. מיט אַ מאָל דערהערן מיר זײַן קול — עס איז אַ שטיל און אַפילו מאָנאָטאָן קול אָבער אַ קרעפטיקס; עס איז אַ באַסאָווע שטים, וואָס האַלט זיך ביי דער ערדישער נידער און רייסט זיך נישט אין די הויכען. זי איז אָבער היימיש־אָנגענעם און געשמאַק און מיר האָבן פון איר הנאה מיט אַ נאַ־טירלעכער זעטיקייט.

פאַראַן אַ פולקייט און ברייטקייט אין בעריש ווײַנשטיינס דיכטעריש קול און אין דעם ליגט זײַן באַזונדערע אייגנטימ־לעכקייט. דאָס איז די מעלאָדישע מאָנאָטאָנקייט פון דעם דיכ־טעריש־מאָלערישן דערציילער, וואָס וויל טאַקע ראשית מיר זאָלן דערזען דאָס דערציילערישע, אָבער די אינטאָנאַציע, וואָס זײַן שטים גיט־צו צו די בילדער, טאָר און קאָן בשום אופן נישט פאַרהערט ווערן.

ווײַנשטיין שטעלט זיך נישט אָפּ אויף קיין באַזונדערקייטן, טיילט נישט אויס איין בילד און הייבט עס נישט אַרויס פון די אַנדערע. ער צעוויקלט אַ ברייטן שטח פון דעם דאָרף, פון דער וועלט־לאַנדשאַפט און ער טוט עס מיט אַזאַ ערנסט, אַז יעדע קלייניקייט איז וויכטיק, יעדער דעטאַל איז אָנגעהעפט אין דעם גרויסן, גאַנצן און טראָגט אויף זיך דעם צייכן פון גרויס באַזונ־דערקייט. ער באַלייכט אַזוי די גרויסע וועלט־לאַנדשאַפט, אַז אַ סך אַלטקייטן, אָפּגעבלייכטקייטן און אַפילו באַנאַלקייטן בלייבן פאַר אונדז שטיין אין זייער אָנהייב־ערשטקייט און עכט־קייט. אָן אָט־דער באַלייכטונג וואָלט געפעלט זײַן דיכטערישער, כאָטש אַ ביסל פאַרנעפּלטער, גלאַנץ און אַ מאַטער שאָטן וואָלט זיך געלייגט איבער די ברייטע שטרעקעס בילדערישע עפּיק. דער אינעווייניקסטער לירישער ציטער, וואָס ברעכט זיך אַריין אין די שורות און סטראָפן, באַלעבט זיי מוזיקאַליש און מיר הערן דאָס

באַזונדערע לשון מיט וועלכע ווײַנשטיינס בילדער דערציילן זייערע מעשׂות.

און ווײַנשטיינס לידער דערציילן זייער אַ סך פֿון דער נײַ־אָריגינעלער, אייגנאַרטיק־אויפֿגעשטעלטער און וווּנדערלעך־צעוואַקסענער אַמעריקע־וועלט. זײַנע שטאָט־בילדער זענען אָנגעהויפֿנט מיט דער פּלאַסטישער געדיכטקייט פֿון אַ ניו־יאָרקער שווער־באַלעבטער און מויערן־פֿאַרקלעפּטער גאַס. דאָס בילד אַמעריקע האָט געוואַלטיק פֿאַרכאַפּט ווײַנשטיינס אויג און געמיט אין אַן אומגעהויערער לוסט איבערצוגעבן אַלץ, אַלץ וואָס שפּאַרט אים אין אויג, לאָזט אים נישט אָפּ; ער וויל אַרײַנקלעמען אין אַ ליד גאַנצע שטיקער ניו־יאָרק, גאַנצע שטחים האַרלעם, גאַנצע שטרעקעס שיפּסהער בעי און אַ מאָל דאַכט זיך אייך, אַז ער איז נישט אַזוי אויסן דאָס בילד, ווי דעם גראַנדיעזן אײַנדרוק פֿון דעם אָנגעהויפֿטן, פֿון דעם אײַזן און בעטאָן־געקאָוועטן ווירוואַר. אַזוי האָט ער זיך אויך דאָרשטיק אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן גאַנצן בעטהאָווענען און כאָטש מיר דערהערן גאַנץ שטאַרק די שווערע טראַגיק פֿון דעם גרעסטן מוזיקאַלישן גאון, וואַלט ווײַנשטיין, אַזוי דאַכט זיך מיר, זיך קינסטלעריש מער באַפֿרידיקט ווען ער ברענגט אַרויס באַזונדערע, מענטשלעך־אינטימערע מאָמענטן פֿון בעטהאָווענס לעבן און שאַפֿן. איך האָב דאָס געפֿיל אַז ווײַנשטיין מוז, אין זײַן מדרגהדיק דיכטן, קומען צום קינסטלערישן באַוווּסטזײַן אײַנצוהאַמעווען, אײַנצוראַמעווען זײַן צעשטרעקטע, צופֿיל צעוואָרפֿענע רחבֿות און דאָס דערציילערישע זאָל נאָכגעבן דעם לידערישן, דעם לירישן. אין אַ סך לידער פֿון דעם בוך „לידער און פּאָעמעס" לאָזט אונדז ווײַנשטיין פֿילן און דערהערן, אַז ער דערנענטערט זיך צו דער דאָזיקער דערגרייכונג נאָך די ביזאַיצטיקע דערגרייכטע מדרגות פֿון זײַן ערלעך און עכט דיכטערישן שאַפֿן.

„קענעדער אָדלער", 9 מאַי, 1949.

י. קיסין

ווײנשטײנס פּאָעמע „בעטהאָווען"

(פראַגמענט)

װעגן בעטהאָװענס לעבן איז לײכט צו דערצײלן פון אָנהײב ביזן סוף אין װײפל װערטער איר װילט. אין דער ריזיקער ליטע־ראַטור װעגן דעם גרױסן קאָמפּאָזיטאָר קאָנט איר לײכט געפינען אין אַ לערנביכל פאַר קינדער אַ פײנע דערצײלונג װעגן זײן לעבן אין עטלעכע זײטלעך; און ראָמען ראָלאַן האָט אויף דער זעל־ביקער טעמע, — בעטהאָװענס לעבן, — אָנגעשריבן ביכער. פאַר דעם פּאָעט איז אַזאַ טעמע זײער שװער.

בעטהאָװען איז געװען אײנער פון יענע גרױסע מענטשן, װעמען דער גורל האָט דורך זײער גאַנץ לעבן כסדר געשטעלט פאַר תוך־פראַגן פון דעם מענטשלעכן זײן אויף דער ערד. בעט־האָװענס לעבנס־גאַנג איז פּשוט, זײן גײסטיקע גבורה איז זײער גרױס, אָבער פאַרשטענדלעך. און אויב דער פּאָעט װיל אין אַ ביאָגראַפיע פון בעטהאָװען זיך האַלטן בײ די פּשוטע רעאַלע פאַקטן פון אָט דעם גרױסן לעבן, מוז ער דאָס טאָן אויף אַ דורכ־װיס אײגענעם װעג. דאָס האָט געטאָן בעריש װײנשטײן אין דער פּאָעמע „בעטהאָװען".

דורך גרױסן טרויער צו גרױסער פרײד — בעטהאָװען איז פאַר אונדז אַ קלאַסישער בײשפּיל פון דעם געניאַלן מענטש, װע־מעס לעבן און לעבנס־אַרבעט זענען אַן אומאונטערבראָכענע פונ־אַנדערװיקלונג פון אָט דער פאָרמולע: פרײד דורך טרויער.

בעריש װײנשטײן האָט אויפגעבויט אַ פּאָעמע פון בעטהאָ־װענס לעבן. װײנשטײן איז נישט קײן מוזיקער. מיר װײסן אַלע, װי טויט עס קאָן אָפט מאָל זײן מוזיק פאַר דעם פּראָפעסיאָנאַל, און װי פריש און װירקנדיק זי קאָן זײן פאַר דעם נישט־מוזיקער. נאַטירלעך, װײנשטײן האָט זיך נישט פאַרנומען איבערצוגעבן אויף אויף אַ װעלכן עס איז אופן בעטהאָװענס מוזיק, — אַ זאַך, װאָס מען קאָן דאָך נישט איבערזעצן אין קײן שום אַנדערן לשון.

נאָר פילנדיק טיף די מעכטיקע מוזיק פון בעטהאָווען, האָט וויינ־שטיין זיך פאַרנומען צו איבערזעצן אין פּאָעטישע שורות דאָס, וואָס קאָן אין פּאָעזיע ווידערגעשאַפן ווערן — לעבן. וויינשטיין האָט זיך פאַרנומען איבערצוגעבן אין פּאָעזיע דאָס לעבן פון דעם געניאַלן מוזיקער גופא. וויינשטיינס פּאָעמע איז אַ פּאָעטישע ביאָ־גראַפיע פון דעם גרויסן קאָמפּאָזיטאָר, און זי איז אים דורכויס געראָטן.

פון דער ערשטער שורה אָן ביזן סוף פון דער פּאָעמע פילט איר, אַז בעטהאָווענס לעבן איז פאַר וויינשטיינען נישט קיין צופע־ליקע טעמע: עס איז אים אייגן, און דעריבער האָט ער זיך פאַר אַזאַ טעמע געמוזט נעמען. און זיין גאַנצער קרעפטיקער און פאַר־ביקער סטיל איז פאַר אַזאַ טעמע זייער גוט צוגעפּאַסט. ער האָט פאַר דעם די מיטלען, און ער האָט זיי גוט אויסגענוצט. די פּאָעמע איז עפּיש־גלייך אין אַ געהויבענעם טאָן. יעדע שורה איז נייטיק, און זייער אָפט ווערט איר פון באַזונדערע שורות דערפרייט אָדער אויפגעטרייסלט. נאָר עטלעכע מאָל מאַכט ער פון זיך אַליין באַ־מערקונגען, — קורצע, אויף איין שורה. פאַראַן ביי אים דער אויסרוף „אָ", אָבער ער באַנוצט דאָס אויף זיין אייגענעם אופן, אַלע מאָל מיט אַזאַ נייקייט און פרישקייט, אַז דאָס איז אַ פרייד פאַרן געהער.

וויינשטיינס קונסט איז אויסגעהאַלטן־ריין אין די טראָפּן, אין די ווענדונגען, אין דעם שווערן לשון און סינטאַקסיס, וואָס וואָלטן אין פּשוטע פּראָזע געווען אַ חסרון, אָבער וואָס מאַכן דאָ, אין דער באַזונדערער בעטהאָווען־פּאָעמע, די שורות פול אָנגעלאָדן מיט פרישן בילד און עכטער עמאָציע.

וויינשטיינס סטיל פּאַסט זיך דאָ אַזוי גוט מיט דעם, וואָס דאָס איז אַ שטענדיקע דערמאָנונג דורך דער גאַנצער פּאָעמע אין דעם געטלעכן מאַן, פאַר וועמען זיין קונסט איז געווען די העכסטע עבודה, און וועמעס מאָטאָ איז געווען „גאָט איבער אַלעס"; אין דעם פּראָמעטעוס פון מאָדערנעם מענטשלעכן גייסט, וואָס איז געווען דורכגעווייקט אין דער עסענץ פון פּאָעזיע.

י. קיסין / „ליד און עסיי", ניו־יאָרק 1953

רחל ה. קאָרן

דער יונגער, שלאַנקער פּרינץ

צו בעריש ווײַנשטײנס זעכציק יאָר

דער יונגער, שלאַנקער פּרינץ,
וואָס איז פון מעשה־בוך אַרויס,
האָט געקושט מיט זײַן ברייטן, באַפעדערטן הוט
דעם שטויב פון דער שוועל ביי מײַן מאַמעס הויז.

זײַנע טיף־בלאָע אויגן אַזוי טרויעריק און שיין,
ווי צעפּרילינגטער חלום ביים ראַנד פון פאַרגיין —
אין זײַן בליק איז געווען באַפעל און געבעט:
„קום מיט מיר און נישט צעגער, נאָר קום,
ווײַל שפּעטער — עס קען זײַן צו שפּעט.“

פון יענער זייט פּלויט האָט אויף אונדז שוין געוואַרט
דאָס געזאָטלטע פערד, צוגעבונדן צום בוים,
אַ מילך־ווײַסער אָגער, וואָס קען זיך פאַרמעסטן
מיט ווינט און מיט בליץ אויפן וועג צו דעם טרוים.

די קאָפּיטעס שאַרן דאָס גראָז און די ערד,
עס מאַרשטשעט דער אומרו זײַן זײַדענע פעל,
ווי ס׳וואָלט זיך געיאָגט אויף פאַרנאַכטיקן טײַך
מיט זילבערנעם ציטער אַ וועל נאָך אַ וועל.

די לופט איז געווען אַזוי דושנע און שווער
פון ליפּעס צעצווײַגטע באַלאָדן מיט צוויט,
אַ חופּה פון ריחות איבער אונדזערע קעפּ —
און דער הימל מיט שטערן צעבליט.

און אָט איז דער פלויט, אונדזער היימישער פלויט
אויסגעפלאָכטן פון יונגע, צעבויגענע צווייגן —
ער שטייט אויף דער וואַך, ווי אַ היטער געטרייער
אין זיין האַרטן, פאַרעקשנטן שווייגן.

פון פלויט הענגט אַראָפּ די גרינלעכע שלעפּ
פון בלאַסער לבנה פאַרטשעפּעט ביים לויף —
דאָ האָט מיך דעריאָגט דאָס קול פון מיין מאַמען:
„ווו ביסטו עס רוכטשע? די טיר איז נאָך אויף!"

און אַזוי האָט אונדז ביידע פאַרהאַלטן דער פלויט —
די לבנה מיט גרינלעך־צעלאָזענעם שלייער
און מיך — איך זאָל סילוקן, געבן
דער נאַכט מיין בענקשאַפט צושטייער.

אָ, ווען נישט דער פלויט, יענער וואַכזאַמער פלויט,
וואָלט איך היינט שוין געוווינט אין פּאַלאַץ פון קרישטאָל,
פאַרגעסן דעם טרויער, דאָס מענטשלעכע לייד
און געהיטן די מעשה פון ווייטסטן אַמאָל.

און ס׳קען זיין, מיר וואָלטן געבלאָנדזשעט צוזאַמען,
דער פּרינץ אין זיין הוט, איך מיט באַרוועסע פיס
אויף דעם רוקן פון פלינקן, פון שניי־ווייסן פערד,
ביז ס׳וואָלט אונדז אַקעגן געקומען אַ מלאך,
וואָס האָט זיך דערטרוימט צו דער פּשוטער ערד.

יעקב גלאַטשטיין

באַשערטע לידער

מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק האָט בעריש ווײַנשטיין אַרויס־געגעבן זײַן ערשט בוך לידער — „ברוכוואַרג״, און ס׳איז גלײַך קלאָר געוואָרן, אַז ס׳איז צוגעקומען אַן אייגנאַרטיקער פּאָעט. ווײַנשטיין איז געקומען קיין אַמעריקע פֿון דעם שטעטל רײַשע, גאַליציע, אָבער ער איז געווען אַן אַנדערשדיקער גאַליציאַנער דיכ־טער, ווי די פֿריערדיקע פּאַר אים, אין וועמענס לידער מיר האָבן געהערט אָפּקלאַנגען פֿון דער דײַטשער פּאָעזיע און געשפּירט, אַז אין תּוך רינט אין זייער ליד הײַנעס לירישער חוזק און שאַרף געלעכטער, וואָס זיי האָבן פֿאַרוואַנדלט אין גוטע, האַרבע ייִדישע פֿערזן, ווי זיי וואָלטן הײַנען צוריק מגייר געווען און אָפּגעוואָרפֿן דעם דײַטש פֿון זײַנע ייִדישע לידער. אין תּוך איז הײַנעס השפּעה געווען גרעסער אין ייִדיש און אויף דער ייִדישער פּאָעזיע, ווי אויף דײַטש און אויף פּאָעטן אין אַנדערע לשונות.

בעריש ווײַנשטיין איז געקומען פֿון גאַליציע, אָבער אָן דעם מינדעסטן שפּור פֿון יענער קאַנטיקער האַרבקייט און שאַרפֿקייט, וואָס צו איר זענען מיר געווען געוווינט. דורך דעם צענדליק יאָר, וואָס ווײַנשטיין האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע לידער, ביז עס איז דערשינען זײַן ערשט בוך, „ברוכוואַרג״, האָט מען גלײַך געזען אַ יונגן גאַליציאַנער, וואָס איז צוגעפֿאַלן מיט אָפֿענע אויגן און איבעראַשנדיקן נײַגער צו אַמעריקע און מיט אַ וויטמאַנישן אָטעם פֿון ברייטע שורות, וואָס האָבן געמאָלן און גערעדט און דעררעדט זיך תּמיד צו אַ געמיט פֿון אַ פֿאַרלוירענעם, אָפּגעזוכטן און געפֿור־נענעם. זײַנע לידער זענען כּמעט שטענדיק געווען באַזונדערע דראַ־מעס פֿון אַ פֿרעמדן ייִדישן יונגעמאַן, וואָס האָט בכיוון אַרײַנגע־בלאָנדזשעט אין פֿרעמדע געגנטן און זיך אין זיי געמאַכט היימי־שער, נאָך דעם ווי ער האָט אונדז געגעבן דעם געשפּיר פֿון דער לופֿט אין דער פּאָעטיש־אײַנגעהיימישטער פֿרעמדקייט.

אין זיין ערשט בוך, „ברוכוואַרג", זעט מען בפירוש די לאַבאָראַטאָריע פון דעם יונגן און נייעם פּאָעט, ווי ער נעמט די שטיקער און שאַפט פון זיי גאַנצקייט. אָבער ווי די מייסטע נייע פּאָעטן, וואָס ברענגען מיט זיך אַן אינדיווידועלן טאָן, איז אים לכתחילה געווען שווער אויפצונעמען. זיינע טריט אין די פרעמדע גאַסן פון מאַנהאַטן זענען געווען פּאָרזיכטיקע, ווי ער וואָלט זיך גוט אַרומגעקוקט ווו ער שפּאַנט, און אַרומקוקנדיק זיך, האָט ער פאַר אונדז פאַנאַנדערגעוויקלט, אין ברייטע באַריידעוודיקע שורות, דעם פּראָצעס פון זיין יידישער אַמעריקאַניזאַציע. מייסטע יידישע פּאָעטן, וואָס זענען געקומען פאַר אים קיין אַמעריקע און האָבן באַזונגען אַמעריקע, האָבן דאָס נייע לאַנד אָנגענומען ווי אַן אַנטדעקט לאַנד, וואָס איז שוין דאָ. בעריש ווײַנשטיין האָט עס ערשט באַדאַרפט איינגעמען. ער האָט קודם געוואָלט פאַר זיך אַנטדעקן זיין ניו־יאָרק, די לופט פון ניו־יאָרק, דעם הימל, די מענטשלעכע פּנימער. שפּעטער האָט ער זיינע ברייטע שורות וועגן ניו־יאָרק אויסגעברייטערט אויף אַמעריקע און זיך מיט יעדן ליד מער באַזעצט.

פאַר ווײַנשטיינען איז אַמעריקע נישט נאָר דאָס לאַנד, נאָר אַמעריקע איז פאַר ווײַנשטיינען אַפילו אַ באַזונדער גאַס, ווו דער לייענער פון ליד וועט אפשר קיין מאָל נישט זיין. אָבער ווײַנשטיינען אַרט נישט די דאָזיקע אויבנאויפיקע קליין־געאָגראַפיע. ער געפינט נאָך אַלץ זיין אַמעריקע אומעטום. אין יעדן ווינקעל, ווו זיינע פיס טרעטן און ווו זיין אויג וואַנדערט. די דראַמע פון זיינע לידער, דער קאָנפליקט באַשטייט אין דעם, וואָס בעת ער זוכט אַמעריקע, זוכט ער אויך זיך. ער וווּנדערט זיך תמיד, וואָס טוט ער — דאָס יינגל פון ריישע — דאָ־אָ ; דאָס יינגל פון ריישע באַגלייט אים אויף טריט און שריט, און בעת ער, דער דערוואַקסענער, מאָלט דעם דאָ־הי, האַלט דער ריישער בחור אים אין איין דערמאָנען די היים, די קרובים, משפּחה, שטעטלשע יידן, ווי ער וואָלט כסדר געפּעדעמט זיין עלטערן זיך מיט פעדעם פון יונגשאַפט.

אַזוי איז צו אונדז געקומען דער פּאָעט בעריש ווײַנשטיין,

גלייך מיט זיינע ערשטע לידער, און דורך זיינע ביכער, וואָס ער האָט ביז איצטער אַרויסגעגעבן. נאָך „ברוכוואַרג" איז דערשינען זיין בוך — „ריישע", וואָס איז געווען אַ באַוווסטזיניקער פאַר־האַלט אין דעם שטעטל פון זיין דערמאָנונג, ווי ער וואָלט געוואָלט נאָך מער אָפּפרישן אין זכרון אַלץ, וואָס באַגלייט אים סיי ווי, אויף טריט און שריט. נאָך זיין „ריישע" האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג „לידער און פּאָעמעס", און פון 1949, ווען די דאָזיקע זאַמלונג איז דערשינען, האָט דער דיכטער נישט אַרויסגעגעבן קיין בוך. ער האָט זיין שעפערישקייט צעשפּרייט אין די שענסטע און בעסטע יידישע זשורנאַלן אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

און איצט, צו זיין זעכציקסטן געבוירנטאָג, איז דערשינען זיין ניי בוך — „באַשערטע לידער", אַ זאַמלונג פון די לידער, וואָס ער האָט געשריבן פון 1949 אָן. אין דעם בוך איז דעם פּאָעטס באַקאַנט געשטאַלט נאָך היימישער, ווי אין זיינע פריערדיקע בי־כער, כאָטש ער באַנוצט זיך מיט אַלץ, וואָס אים איז אויך פריער „באַשערט" געווען. אין דעם בוך, אָבער, האָט שוין וויינשטיין „איינגענומען" אַמעריקע און זיך באַזעצט מיט זיין גאַנץ הויז־געזינט. ער באַזעצט דאָ אַלע זיינע חלומות און דערמאָנונגען פון זיין היים, ער בענקט דאָ נאָך דעם חומש־לאַנד. ער דאַרף שוין פאַר אונדז און פאַר זיך מער נישט צו פיל אַרומריידן זיינע נייע דער־אָבערטע ווינקלען און געגנטן. ער קאָן שוין בלויז מיט אַ ווונק פון אַ שורה־צווייַ שאַפן די לופט פון אַלץ, וואָס ער וויל אונדז ווייזן.

דערפאַר האָט ער מער אָרט אין זיין ליד פאַר לירישן ציטער, וואָס האָט נישט תמיד געקאָנט דערהערט ווערן אין דער עקשנות פון זיין שילדערן.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז דאָס וואָרט „ליד" ווערט אין דעם בוך „באַשערטע לידער" דערמאָנט הונדערט מאָל, און אפשר נאָך מער. ער זינגט וועגן ליד, ער זוכט דאָס ליד. ער שפּירט פריער פון אַלץ דעם אויפציטער פון אַ ליד אין יעדער זאַך. די טעמע איז קודם — דאָס ליד; דערגרייכן דאָס ליד, פאַרוואַנדלען אַלע איינ־דרוקן — אין ליד:

כ׳בין צוריקגעקומען צום ליד,
פון גרינעם הויף, פון אַלטן גראָז.

אָדער:

פאַר דיר, ליד,
האָב איך איבערגעלאָזט דעם אינדערפרי.

און ווייטער מיט צענדליקער זייטן:

איך בין עס געווען דער,
וואָס איז געבוירן מיט די לידער.

און נאָך ווייטער און טיפער אין בוך:

צי אַזוי אָנטרעפן אַ פרישן ייד,
אַן ענלעכן אויף מיינס אַ ליד.

און ווידער מיט צענדליקער זייטן נאָך ווייטער:

לאָז מיך מיט די זאַכן וואָס באַשאַפן דאָס ליד.

ווײַנשטיין האָט אַ מאָל געזוכט צו שאַפן פון זאַכן און מענטשן — לידער. איצטער האָט ער שוין אַן אָנונג ווי אַזוי ס׳דאַרף אויסזען זיין ליד און פון וואָסערע זאַכן ער וויל זיין ליד שאַפן. ער זעט און שפירט פריער די גאַנצקייט פון זיין ליד און ער וויל, אַז דער פרישער, געפונענער ייד זאָל זיין ענלעך אויף זיין ליד.

פאַר דעם פּאָעט איז בעריש ווײַנשטיינס שפירן דאָס ליד, נאָך איידער ס׳ווערט באַשאַפן, זייער אַן אינטימע און באַקאַנטע איבערלעבעניש. מען שפירט דאָס ליד, די פולקייט, די גאַנצקייט און די פאַרבענקטע דערגרייכטקייט אין די ביינער, אין געמיט, ממש אין די פינגער. דער ציל איז די פערפעקציע פון דעם געשפירטן ליד, נאָך איידער ס׳איז געבוירן געוואָרן. ס׳איז אַ באַשעפעניש פאַר זיך, ס׳בעט זיך געבוירן צו ווערן. ס׳איז אין אונדזער מעכאַנישער צייט אַ בושה אויסצוזאָגן, אָבער דאָס איז דער זין פון — אינספּיראַציע.

אין דעם נייעם בוך זעט דער פּאָעט בעריש ווײַנשטיין פֿאַר זיך די וויזיע פֿון פּאַרטיקן ליד, און ער זוכט עס אין זײַן געפֿור־נענער אַמעריקע; ער זוכט זיך אין ליד, וואָס קומט צו אים און מאָנט פֿון אים, אַז ער זאָל עס געשטאַלטיקן און עס שאַפֿן. דערפֿאַר זענען אין דעם נייעם בוך „באַשערטע לידער" פֿאַראַן מער ריינע נאַטור־לידער, ווי אין זײַנע פֿריערדיקע ביכער. כ'זאָג — ריינע אין דעם זין, וואָס ווײַנשטיין וויל גאָרנישט צוגעבן, נאָר צוזאַמענשטעלן די „זאַכן" פֿון ליד. אין דעם נייעם בוך איז שוין ווײַנשטיינס אַמעריקע, ווי פֿריער געזאָגט, אַן אָפּגעזוכטע. ער גיט אונדז שוין די גאַסן, די געגנטן, די שטעט און שטעטלעך, די גערט־נער, די בערג, אַפֿילו די מענטשן — ווי אָפּגעזוכטע, אָבער זיך אַליין זוכט ער נאָך אַלץ אַרום מיט דער פֿאַרוווּנדערטער בענקשאַפֿט פֿון ריישער ייִנגל.

ס'האָט אַן אַמעריקאַנער מאָלער אַ מאָל געזאָגט, אַז ווען אַ קינסטלער מאָלט כסדר אַ פֿערד און ער מאָלט עס אַלע מאָל בעסער און בעסער, שענער און אַנדערשדיקער, קאָן ער אַפֿילו אויף דעם איינציקן פֿערד אַריינרייטן אין דער אומשטערבלעכ־קייט. ווײַנשטיין האָט זיכער נישט אַזאַ באַגרענעצטע טעמאַטיק, פֿאַרקערט — זײַן טעמאַטיק איז אַ ברייטע, אָבער אַזאַ, וואָס ער אַליין האָט אונדז ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל מיט איר באַ־קאַנט געמאַכט. אין דעם בוך „באַשערטע לידער" פֿירט פֿאַר אונדז ווײַנשטיין אַדורך זײַן באַליבטע טעמאַטיק — זײַן שטאָט, זײַן דאָרף, זײַנע קרובים, זײַן בענקשאַפֿט, זײַנע רויע פֿאַרשוינען — זײַנע — ווײַל אַלץ איז דורכגענומען מיט זײַן געמיט. אָבער אים גייט דאָ פֿאָרויס די בענקשאַפֿט נאָכן ליד, ער זוכט אַפֿילו די שטימונג:

> ווי אין יענעם גרויסן חלום פֿאַרן ערשטן ליד.

אָט דאָס גיין מיט אַלע שורות צום ליד — שאַפֿט אין נייעם בוך אַ נייע דעראָבערונג, ווי אַ באַוווּסטזיניקייט, וואָס פֿאַרפֿעלט אַ מאָל דאָס ליד און דערגייט נישט דערצו:

מיין נישט,
אַז מיט דער זון אין דער פרי איז נישט די זעלבע זאַך,
ווי מיט דער זון אין פאַרנאַכט,
ביידע — גייען־אויף, גייען־אונטער גרויס און רויט.

אָבער זוכנדיק דאָס ליד, אַרט אויך נישט בעריש ווײַנשטיי־נען, אויב ער וועט איינמידן דעם לייענער פון ליד און אים מיט־נעמען אויף זיין עקסקורסיע. זיינע נאַטור־לידער ווערן דערפאַר אַ מאָל צו־דעטאַלירט, אָבער ווײַנשטיין קויפט זיך אויס ביים לייענער מיט טרעפלעכע בילדער און מען געטרויט אים און מען זוכט מיט אים צוזאַמען — דאָס ליד:

מ׳בעט אויף רעגן פאַר זיי, פאַר׳ן גאַנצן דאָרף,
אויף אַ לעכץ וואַסער אויף אָפּגעפרישטן ווינט.
פון היץ און פון בראַנד שפּאַלטן זיך די אויסגעווועפּטע טייכן.
מ׳האָט מורא פאַר פייער, פאַרן גאַנצן וואַלד.
שוועבל איז אין דער לופט,
און פייגל שטאַרבן פון דאָרשט.
דו אַליין גייסט אַרום מיט שווערע אויגן,
אַלע שטייענדיקע תבואות בייגן זיך ווי בליי.
די קעפּ פון די אומגייענדיקע קי און פערד
הענגען אַראָפּ געליימט צו דער ערד.

כ׳בין נישט זיכער, צי ס׳געלינגט ווײַנשטיינען צו פאַראינ־טערעסירן אונדז אין אַלע זיינע געדענקטע היים־געשטאַלטן. מיט זייער גאַנצער משפּחהדיקער פאַרבינדשאַפט. ווײַנשטיין איז אַריינ־געטאָן אין זיינע זכרונות, אָבער אויך אין די ענגסטע, אינטימסטע און לענגסטע פון זיי באַלוינט ער מיט אויפגעבליצטע אייגענע בילדער און שורות. און איבערן גאַנצן בוך נעפּלט זיך אַן אומעט. אַלץ גיט פון זיך אַרויס אומעט — די לאָמפּען, די גאַסן, די באַנען, די שיפן, די שיכורע פאַרגעניגנס פון די „איבעריקע" מענטשן. דאָס זענען די „זאַכן" פון ווײַנשטיינס ליד:

כ׳פאַרמאָג נישט מער ווי די שפּראַך וואָס כ׳רעד צו דיר אין לידער.
אין לידער דערצייל איך פון זאַכן וואָס כ׳זאָג נישט קיינעם אין דרויסן.

ער זוכט דאָס ליד מיט דעם לשון פון זיינע לידער, וואָס איז דאָס לשון פון פשטות, אָפט פון נישט־מוזיקאַלישער פשטות, אָבער בעריש וויינשטיין שלאָגט־אויס פון זיין לשון דאָס געמיט און דעם טרויער, וואָס איז דער ערלעכער עכאָ פון זיין ליד:

און ווידער אַ מאָל זיך אומקערן צום ווערן פון ליד,
צום טרויער פון מענטש, צום עלנט פון ווינט;
צום האָפער, צום אומעט פון וואָכעדיקן געמיט;
צו דער גאַנצער ערד פון באַשאַפענעם ליד.

מ. גראָס־צימערמאַן

בעריש וויינשטיין

(אַ פּאַשפּעטיקטער יובל־גרוס)

אַ מין חסידיש־פּויעריש פּאַרטראַכטקייט ליגט אין בעריש וויינשטיינס איינגעשפּאַרטער שטילקייט. ס'איז ווייכע איינגע־שפּאַרטקייט — ווי ס'חלומט זיך איינעם, אַז ער שווייגט אין חלום. זעלטן רירט זיך אַ שמייכל אויף די צונויפגעפּרעסטע ליפּן. צו אַזאַ שווייגן וואָלט זיך אפשר געפּאַסט דער בורנוס פון אַ נזיר, קאָן זיין אַ פּויעריש פּעלצל מיט אַ קרייקע, מסתמא אַ זשיפּיצע און אַ ליולקע־ציבעך מיט אַ צעביסענעם מושטיק, וואָס „ציט מוחות" דורך רויך, אויפן ראָפּטשיצער שטייגער, צי נוסח בלאָ־זשעוו. בעריש וויינשטיינס בליק איז פאַרחידושט — ס'אַ חידוש? קאָן זיין, ער איז נישט זיכער מיט דער וועלט, צי גייט זי אים נישט אָפּנאַרן — אַוודאי, גייט זי.

עטלעכע מאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט בעריש וויינשטיינען אין תל־אביב, אין שטוב און אין בלוילעכן סמאָגט פון רעשיקן אַרטיסטן־קאַפע, וווּ עס רעדן די ווענט. דאָס איז געווען בעת דעם דיכטערס צניעותדיקן יובל הששים. יאָרן רעכנט מען אויף לשון קודש, עלעהיי נדן, אויף אַ יום־טובדיקע זאַך: ח'י רייניש... ק'ין קערבלעך — פאַרהוילענע חסידישע אַריטמעטיק.

מיר ביידע האָבן אָפּגעשוויגן ביידע אין איינעם אַ שעה — מער האָבן מיר נישט געהאַט. האָב איך אַזוי אַ טראַכט געטון: דאָס קאָן אַמעריקע. נעמט אַ מענטש און טראָגט מיט זיך אַ געהיימען מיניאַטור־הילכער פאַר שרייבערישער געצאַמטקייט — און ס'איז שטיל אויף אַן אמת.

איך האָב שוין לאַנג נישט אַריינגעקוקט אין אַזאַ קלאָרן אָפּגעטונקלטן דיכטער־שפּיגל, וואָס רעפלעקטירט לעבעדיקע פאַר־זונקענע וועלטן ווי ביים לייענען נאָך אַ מאָל בעריש וויינשטיינס געזאַנג פון פאַרבלאָנדזשעטן „גרינעם יינגל", וואָס איז מגולגל

געוואָרן אין אַ פרעמדער ווילדער וועלט, ווו „אַלץ איז קאַפּויער״, שוין לאַנג האָב איך נישט געווייקט אַזוי געמיטלעך אין דער אויטענטישן גאַליציאַנערטום, אין דער מעלאַנכאָליע פון יענער לאַנדשאַפט, אין דער חכמה פון לשונס דינע קאַפּריזן, אין ראָ־מאַנטישער שטימונג און רעאַליסטישן שטייגער, סענטימענט און שעמעוודיקע איראָניע, וואָס שלייערט זיך ווי הכנעה.

עס גערענקען זיך טיף די וואַרעמע וואָרצלדיקע שטיקער בעלעטריסטיק אין די ביכער „ריישע״ און „אַמעריקע״, וואָס ווייזן מיר אויס צו זיין דער תמצית פון בעריש ווײַנשטיינס פּאָע־טישן שאַפן — כאָטש עס טרעפט, אַז ער צעגיסט זיך אַ מאָל און לאָזט זיך מיטרייסן מיט פאַרכלינעטער פּייטנות פון אַנטי־תמצית. זיין לירישע פּראָזע איז אויסגעשטעלט אין ברייטע בילדערישע שורות, וואָס זאָגן זיך ווי דער מידער רעטשיטאַטיוו פון יום־טובדיקן פּייט אין טאַטנס לעדערנע שלוש רגלים־מחזורים. נישט זעלטן אין בעריש ווײַנשטיינס ווערק קערן מיר זיך אום צו דעם אייגענעם וואַריאַנט פון אַ פּסוק און חזרן איבער אַ מאָטיוו, אַ מחשבה — ווי אַ ייד אין דער פרי, וואָס האָט נישט גענוג צוטרוי צום אָפּגעכאַפּטן „פון פאָרנט״, אויף דער ניכטערער נשמה, לויפט צוריק, אין מיטן געדראַנג פון די פּסוקים, וואָס זענען אַליין פאַר־יאָגט, כאַפּט־אויף דעם קנויל פון „פּיטום הקטורת״, וואָס האָט אַ נאַטירלעכע שוואַכקייט, זיך צו פּלאָנטערן און נעמט אים וויק־לען פון דאָס ניי, אַהין און קריק, כדי צו דערגיין צו שלום מיט זיך אַליין.

ס׳איז בעריש ווײַנשטיינס קאָנטינענט ריישע, וואָס האָט גע־געבן דעם דיכטער די וועלט צו זען און צו ליידן פון אירע וואונדי־רים : ריישע מיט די גאַליציאַנער קרוין־קאָלאָניעס ווין און אַמע־ריקע, מיט דעם דונאַי און דעם האָדסאָן, וואָס טראָגן זיך האָפער־דיק, אָן אַ טאָלק, ווי גוישע געאָגראַפיע — און מיט דער שטילער שטעטלדיקער ריקע אין גאַרליץ צי אין דזשיקעוו, וואָס טריקנט אַ גאַנצן זומער מאָלעריש, הינטערן מרחץ און וואָס האָט די הויפּט־מעלה, אַז ביי אַזאַ „טייך״ מעג מען, על פּי שולחן ערוך, מסדר זיין אַ גט.

ס'איז די עפּאָפּעע פון אָנגעהויבענעם יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך געסטראָיעט מיט „האָריזאָנטן", וואָס האָבן פון דער פרעמד אַ פינקל געטאָן מיט פאַרפירערישע פאַרבן אַזש ביז קיין ריישע — נעמט ער, דער אומרו, צעטרייסלט די איינגעזעסנקייט און טוט אַ שליידער מיט דעם „גרינעם ייִנגל" העט ווייט אַרויס, אין וועלטישן טומל אַרויס, גלייך אַהין, צו דעם באַרבאַרישן טרוים־מאַנסטער ניו־יאָרק, וואָס איז, אַז איר ווילט, מאַקסי־מאַל־ריישע, געטאָפּלט מיט 48 סטייטס פון יענע יאָרן: אַ „גרויסע נאַרישע שטאָט", וואָס פּריטשמעליעט מיט איר צעוואָלגערטקייט, מיט איר וואָלקנהויכקייט, מיט דעם געבראַזג פון איר אימפּעט: — אַמעריקאַנער וואָר, וואָס האָט אָפּגעמעקט דעם חלום ריישע.

אָט איז דער היימישער שטייגער: קראָמען, סטראַגאַנעס, פּרעסט, לומדות און בריתן, עגונות און דין תורהס, מצוות און תאוות. ס'אַ וואַרעמער געדרודער פון סאַנדזער אייניקלעך און הײַ־ליקע זיידעס, סאַמע געפּאַקטע רוחניותן, וואָס פרייכן אין צע־כראַסטעטן אַטלאַס, אַרומגעבונדן מיט גראָבע געפלאָכטענע גאַרט־לען. אַרום זיי הורטאָווניקעס, וואָס זאָגן אַ שיעור אין בית מדרש, בוררים, יורדים, וואָס אין גוטע צייטן האָט מען זיך „געקווייַלט", און „געמיינע יידן", וואָס זייערע זשיפּיצעס זענען בהלהדיק פאַר־מעליקט אָן אַ פאַרוואָס. דרייען זיך געהויבענע געפאַלענע, וואָס ס'נישט פאַר זיי צו זיין אָרעמע לייט, און אָנזעצערס, וואָס האָבן דאַרויף אַ ווערטל: יונגע לייט לייענען בסוד שילער, קענען מענ־דעלזאָהן, קוויקן זיך מיט דעם לידל פון ריישער שטאָט־פּאָעט, נחום שטערנהיים: „אין וועלדל, ווו ס'איז וויסט", און צו די בחורים ניוכען יידן מיט טעכטער. יענע קענען אַלע „דייטש־און־פּויליש": איין מילדער גאַליציאַנער אידיאָם, וואָס אויף זיינע ווייכע קנייטשן ליגט דער חותם פון פראַנץ יאָזעפס חסד.

דאָס ייִנגל קאָן נישט פאַרגעסן דעם גאַליציאַנער קייזער אין זיינע נאָסטאַלגישע יאָרן — כאָטש „אַמעריקע ווערט געגרויסט און געלויבט" — פּונקט אַזוי ווי דאָס האַרץ צאַפּלט צו דער מאַמען, צום שבת, צו די לייכטער אויפן טאַטנס מאָגערן טיש, דעם מזבח. די יידן ביי בעריש ווײַנשטיינען האָבן כמעט אַלע

רעגיאָנאַלע נעמען פון „מקורבים": לאָזער, ברוך, שבתי, שכנא — און די ווײַבער, מער־ווײניקער, ראַצע און יאַכעטל: אַלע טעטיק ווי מומעס. זומער נאָך מנחה־מעריב קאָכן זיי אויף וועטשערע הירזש מיט האָניק — בערך. ווײַנשטיין לאָזט נישט אָפּ קיין איין טראָפּ, קיין איין פּרט, וואָס גיט צו מעלאָדיק און קאָליר צו דעם גרויען לעבן — און אין סאַמע מיטן לירישער שטימונג איז אים אַן עבירה צו פאַרגעסן, אַז „אין די בוזימס פון די שיקסעס האָבן געגליט שווערע האָריקע הענט". גאַליציאַנער בילד־ווערטער, ווי די יאָדרעס, וואָס שמעקן מיט פייכטער ערד פון האַרבסטיקע ימים־טובים.

דאָס איז דעם „גרינעם יינגלס" פאַרלוירענע אידיליע, וואָס זינגט זיך מיט אַ סך בעלעטריסטישער פּראָזע אין דער ליריק דורך דעם רוב לידער פון בעריש ווײַנשטיין. און אָט איז מען שוין מעבר לים און „גאַנץ ריישע" איז דאָרט: קעסל־גאַרדן און ריווינגטאָן־סטריט, פּעדלערס, פּושקאַרטס און שוויץ־שעפּ, באָרדערס מיט ברוינע מעלאָניקעס און גילדענע זייגערס מיט קייטן פון דער נייער וועלט. טומלען „לאַנדסלייט" און „אָלדטאַימערס", שלי־מזלניקעס און „פּרעזידענטן", סאָסייעטיס, מנחה־מעריב און שיפסקאַרטן אויף אויסצאָל, אתה הראית ביי אנשי ברוקלין און אפשר פּעטש. ס'איז ווידער ריישע פון קאָלומבוסעס מדינה — און פּעסטע טאַנטעס, וואָס הייסן רעבעקאַ, געשנורעוועט מיט פּיש־ביין, פּירן דאָס יינגל אין טריאַטער. טענהט טאַקע ר' הערש, אַז „דאָס גאַנצע איז נישט פאַר אים" — כאָטש נישט איינער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און „אַזאַ גאָרנישט" פאָרט נאָך דער מלחמה קיין יוראָפּ ווי אַ דעלעגאַט פון דזשאָינט.

נישט ווייט פון דעם אַלעמען דומעט די הייסע טונקלע וועלט פון האַרלעמס זונטיקדיקע נעגערס, וואָס שטייען וואַקלדיק לענג־אויס די מויערן אָדער ליגן גבורהדיק אין די רינשטאָקן און כראַ־פּען — אַ גאַלעריע געפאַלענע ריזן: גאָטס פאַרגעסענע קינדער. בעריש ווײַנשטיין האָט אויסגעזונגען מיט דיכטערישער דערבאַ־רעמדיקייט די פאַרלאָזנקייט פון די געפאַלענע ריזן דזשאָן און דזשים, ביל און פּיט, דער שיכורער פּאָעט. גרילצן די קאָנטראַסטן

פון דעם קאָנטינענט און עס וויינען אַריין אין דער גויישער שיכרות די ליבהאַרציקע גרייזן, וואָס צאַפּלען מיט יידישע אותיות, קרומלעכע, געבויגענע, אויף די שמאָלע, געווירעטע בייגעלעך פּאַפּיר פון ריישע : אַזאַ כרך, אַזאַ פּרעמד, אַזאַ בענקעניש...

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

ביים גרינעם בוים

בעריש ווײַנשטיין צו זײַנע זעכציק יאָר — אַ מתּנה

איך בין געשטאַנען לעם אַ גרינעם בוים,
געשוויגן פּונקט ווי ער,
און ווי ער אַ פאַרטראַכטע,
עס האָט זיך מיר געדאַכט —
כ׳בין הויך, איך גרייך שוין צו זײַן קרוין
נאָר כ׳קען נישט אָנרופן דעם וווּקס
צוליב די ליפּן די פאַרמאַכטע.

ס׳איז געווען די שעה צווישן נאַכט און טאָג.
איך האָב דערהערט פון בוים די שטומע שפּראַך,
ער האָט פאַרפירט מיט מיר אַ דיאַלאָג:
בלי ווי איך,
גרין ווי איך,
עס איז קיין האַרבסט נישטאָ,
קיין ווינטער נישט פאַראַנען.
עס פאַלט אַ בלאַט און ס׳כאַפּט זי אויף דער ווינט —

טראָגט ער זי צו שמחות פון די וואַקסנדיקע שטאַמען.
אַ שטורעם גיט אַ צווייג אַ בראָך,
איר קאָרע פּלאַצט, די בלעטער שימלען —
וויקלט זיך די ערד אין ווייכן מאָך
און זינגט מיט איר בראשיתדיקע הימנען.

דעם בוים געוואָלט כ׳האָב ענטפערן,
נאָר כ׳האָב זײַן שטומען לשון נישט געקענט,

ס׳האָט בלויז אַ טרער פֿאַרגרעסערט מײַנע ברעמען.
כ׳בין קלײן געוואָרן,
קוים זײַן נידעריקסטע צווײַג געגענט.
איך האָב געזען די בלעטער זײַנע פֿאַלן
און אין רויטקײט ברענען.

י. ל. טעלער

זכרונות וועגן בעריש ווײַנשטיין

כ'געדענק נישט ווו מיר האָבן זיך באַגעגנט, אָבער ס'לעבט נאָך אַלץ אין מיר דער ריטעם און דער קלאַנגען־און־פאַרבן וויר־וואַר פון יענע יאָרן ווען די איסט־סייד איז געווען גאָר די וועלט אַרום אונדז און דער אַקס פון דער דאָזיקער וועלט איז געווען דאָס יידישע ליד, און אויף דער דאָזיקער אַקס האָבן מיר זיך געדרייט אַרום אַנדערע פלאַנעטן, לידער און פּאָעטן אויף אַנדערע לשונות. די אוידיטאָריע פאַרן יידישן ליד איז נאָך געווען גרויס לויט אונדזער באַגריף — אַ פאַרלעזונג פון אַ צוויי־דריי ערשט פון איי־אַרויסגעשפּראָצטע פּאָעטן האָט, מיט אַ בלויזער נאָטיץ אין צייטונג, צונויפגעבראַכט אַ פּאָר הונדערט צוהערער, וואָס האָבן געצאָלט פופציק סענט אַ בילעט און אַזוי אַרום איז צונויפגעשלאָגן געוואָרן גענוג אויף אַ נומער פון אַ נייעם זשורנאַל.

מיר זענען געווען דריי — בעריש ווײַנשטיין, שאול מאַלץ און איך — און ס'האָט זיך אונדז גלייך פאַרגלוסט אַ זשורנאַל „ליים און ציגל". ערשט אָפּגעדרוקט עטלעכע לידער און שוין רעדאַק־טאָרן־אַרויסגעבער. די סיבה — „די צוקונפט" איז געווען פאַר־וואָרפן מיט לידער, און ווער האָט עס געוואָלט וואַרטן אין ריי? „די וואָך" וואָס האָט צעפּראַלט די טירן פאַר נייע דיכטער איז שנעל אונטערגעגאַנגען. „דער אינזיך" האָט געהאַט אַ שטרענגען פאַסאָן. אַנדערע זשורנאַלן זענען אונדז נישט אָנגעשטאַנען, הגם אָנערקענטע פּאָעטן האָבן זיי רעדאַקטירט און אין זיי זיך גע־דרוקט, אָבער מיר זענען געווען בונטאַרעס — נישט אין ליד, נאָר אין געמיט.

מיר זענען נישט געווען גענוי פון איין עלטער, און אַפילו נישט גענוי פון דער זעלבער סביבה. שאול מאַלץ איז אפילו נישט געווען קיין גאַליציאַנער. מיר פלעגן זיך טרעפן — ס'האָט געדוי־ערט אַ פּאָר יאָר — עפּעס אָן אויפהער און כ'הויב נישט אָן צו

פאַרשטיין פון וואַנען מיר האָבן גענומען די צייט. וויינשטיין האָט געאַרבעט גאַנצע טעג אין אַ ביסקוויטן־פאַבריקביים האָדסאָן צווישן גויישע אַרבעטער. דאָס זענען נישט געווען די גאַליצישע רוטענער אָדער פּאָליאַקן, אָבער פון דעסטוועגן דורכויס גויים — לויטן יידיש־אַמעריקאַנער באַגריף פון די דרייסיקער יאָרן, וועלכער איז געווען דער זעלבער, וואָס פון מזרח־אייראָפּעישן שטעטל. אין דער פרי פלעגט וויינשטיין אַרויספאָרן אין גלות ביים האָדסאָן, פאַר נאַכט פלעגט ער צוריק „עולה־רגל" זיין אין דער ירושלים של מטה, אויף די יידישע גאַסן ביים איסט־ריווער. שאול מאַלץ, בלאָנד און שעמעוודיק, האָט געאַרבעט אין אַ היטל־פאַבריק דוכט זיך, אַ דורכויס יידישע אינדוסטריע אין יענע יאָרן, אַ מין אָפּדאַך פון דער קליידער־אינדוסטריע. מיר דוכט, אַז ער איז דעמאָלט געגאַנגען אויף אָוונט־קורסן, און האָט אָפּגעשלאָגן די שוועלן אין דער „פאָרווערטס־געביידע", ווי מיר אַלע, מיט לידער פאַר דער „צוקונפט", וואָס דאָרט איז געווען איר רעדאַקציע, און אויך ווייל ער האָט שוין דעמאָלט געזוכט לערעריי, און „דער אַרבעטער־רינג" איז אַלע יאָרן געווען קוואַרטירט דאָרט. איך בין דריי־פערטל טאָג געווען פאַרנומען מיט די קלאַסן אין סיטי־קאָלעדזש — מיינע אָנהייב סטודענטן־יאָרן — און פאַר נאַכט, אויפן וועג פון קאָלעדזש, פלעג איך זיך אָפּשטעלן ביי אַן ענגלישער רעדאַקציע אין מיט שטאָט און אָפּנעמען פאָטאָגראַפיע־מאַטריצן פאַרן 'מאָרגן זשורנאַל" ווו איך בין געווען אָנגעשטעלט אין אָוונט אַלס אַ מין געזעלן אין רעדאַקציע — כ'פלעג אַראָפּלויפן אין גאַס ברענגען ענגלישע צייטונגען, פלעג אויסשניידן די וויכטיקסטע נייעס און זיי אַוועקלייגן אויפן רעדאַקטאָרס טיש, און אויך אַרויפברענגען קאַווע פאַר די שרייבער.

געדענק איך טאַקע נישט ווו מיר האָבן גענומען צייט פאַר אַזוי פיל קאָנטאַקט, גלייך ווי איך געדענק נישט גענוי ווו מיר האָבן זיך באַגעגנט. און אפשר איז דער קאָנטאַקט נישט געווען אַזוי אָפט (כאָטש ס'דוכט זיך אַז יעדן אָוונט), נאָר איז געווען אַזוי אינטענסיוו, אַז ער געדענקט זיך שטאַרק און איינגעבאַקן.

כ'געדענק נאָר, אַז איין שיינעם טאָג האָבן מיר באַשלאָסן —

מ׳דאַרף אַרויסגעבן אַ זשורנאַל. אויף אַ זשורנאַל דאַרף מען געלט — און דעמאָלט איז געווען אַ דעפּרעסיע — אָבער אונדזער אויג איז געפאַלן אויף „גבירים״, מיטאַרבעטער אין דער יידישער פּרע־סע. דאָס ערשטע צענערל, אַ גרויסע סומע לויט די פאַרדינסטן יענע יאָרן, האָבן מיר, דוכט זיך, באַקומען ביי לעיעלעסן. ער האָט געהאַט אַ שטרענגען פּאַסאָן, וואָלט די זעלבע לידער אין „אינזיך״ ניט געדרוקט, אָבער דערמוטיקן יונגע יידישע פּאָעטן אַרויסגעבן אַ זשורנאַל — אַדרבא. מסתם זענען געווען אויך אַנדערע בייטרע־גער. אָפּגעדרוקט דעם ערשטן נומער (אַרויס זענען דריי), האָבן מיר דעם דרוקער דערווייל נישט אין גאַנצן באַצאָלט און פאַרן געלט געדונגען אַ זאַל פאַר אַ פאָרלעזונג, וואָס האָט באַדאַרפט אַריינברענגען געלט פאַר די ווייטערדיקע נומערן.

צוציען דעם אמתן גרויסן עולם האָט זיך געפאָדערט עפּעס מער ווי דריי נייע אומבאַקאַנטע פּאָעטן. אַלע דריי זענען מיר געווען שעמעוודיק, און פון דעסטוועגן האָבן מיר זיך באַוואָפנט מיט חוצפה, און זענען אין קאַפע ראָיאַל צוגעגאַנגען צו משה לייב האַלפּערן: אַ ביסל אַ שטרענגער, און דאָך אַ צוגעלאָזענער, מיט אַ בליק געמישט פון חוזק, קוריאָזיטעט און צערטלעכקייט. מיר האָבן אים געלאַדן — און ער האָט אויפן אָרט מסכים געווען — אויפצוטרעטן אויף אונדזער אָוונט. „אָבער טוטס מיר אַ טובה, בלייבטס שטענדיק שקצים״, האָט ער מיט אונדז אויסגענומען. דערנאָך האָבן מסכים געווען דער שווייגנדיקער, מיט ברעם־און־אויג רעדנדיקער ה. לייוויק, און מנחם באָריישאָ, צעגאָסן מיט גוטמוט ווי אַן אַרבוז. דער זאַל איז געווען געפּאַקט. נאָך אַ נומער איז געווען געזיכערט.

חוץ אונדז דריי האָבן זיך באַטייליקט צוויי יונגע אַמעריקאַ־נער געבוירענע פּאָעטעסעס, וואָס זענען דערנאָך ממש נעלם גע־וואָרן. אַ שאָד, סענסיטיווע דיכטערינס אויסגעוויזן. עס האָט זיך אויך באַטייליקט מיין פרוי מיט אַן אָפּשאַצונג פון אַ באַלעט־מייסטערין. פון „ליים און ציגל״ האָט זיך אויסגערייפט בעריש ווײַנשטיין. דאָס איז געווען די צייט ווען די לידער פון זיין בוך „ברוכוואַרג״ האָבן זיך געשאָטן פון אים ממש ווי בליטן. פאַר

מיר, יעדנפאַלס, איז עס געווען אַן אַנטפּלעקונג. גאַליציע פאַר מיר איז געווען אַ ווייטע נעפּלדיקע געדענקעניש. אַבא שטאָלצענבערגס גאַליציע, און זיין גאַליציש לשון, זענען שוין געווען דורכפילטרירט פון מאָדערנעם דייטשן ליד און די שול פון „די יונגע״. וויינשטיינס ליד און אידיאָם זענען געווען ממש ראַשטאָף. מיר האָבן געפירט לאַנגע שמועסן, ביז קריגן זיך, איבער יעדן ליד, יעדער שורה. כ׳האָב געוואָלט, אַז ער זאָל אַ ביסל צאַמען די אורקראַפט, ער האָט וויניק געפאָלגט; ער זאָל הובלען — ער האָט ווייניק מסכים געווען; ער זאָל זיך האַלטן ביי זיין פאָלק־טעמאַטיק און נישט אָפּווייכן צו טעמעס פון אַן ערודיטישן כאַראַקטער. וויינשטיין איז געבליבן טריי זיין אייגענעם נוסח. מיינע אַמאָליקע אויסזע־צונגען בלייבן, אָבער זיין אור־כוח בלייבט אויך.

בעת די חברישע קריגערייען האָבן מיר אויסגעשפּאַנט ווי נאָר אַן איסט־סאַידער גאַס. ער האָט פאַר מיר, סיי מיט זיין ליד, סיי מיט זיין מאַניר פון רעדן — דאָס קול, דאָס לשון, די קאָמ־בינאַציע פון צוטרוי־און־חשד, נייגיר־און־פּאַרזיכט — אויפגעלעבט אַ גאַליצישע וועלט, פון וועלכער כ׳בין פרי אָפּגעגאַפּלט געוואָרן. אַפילו אין טאַטע־מאַמעס שטוב האָב איך אַזאַ יידיש לשון נישט געהערט. ס׳איז ביי זיי זשאַרגאָניזירט געוואָרן. און כ׳האָב געלעבט אַ מין סכיזאָפרעניש לעבן — מיין אינטים ליד איז געווען דאָס ליד פון די מאָדערנע ענגלישע פּאָעטן, דער עיקר די אימאַזש־מייסטער, און פּאָעטן פון זעלבן שניט אויף יידיש (אויף העברעיש זענען זיי נאָך נישט געווען בנמצא). וויינשטיין האָט אויך געבליצט מיט איבערראַשנדיקע אימאַזשן, זייער קאָנקרעטיזירטע, כמעט נאַ־טוראַליסטישע, אָבער פון אַן אַנדער אורשפרונג און, פון צייט צו צייט, געמישטע מעטאַפאָרן, אין וועלכע ס׳איז געווען בולט זיין אומבאַקאַנטשאַפט מיט דער דיכטערישער וועלט, וואָס איז מיר געווען אַמנאָענטסטן.

אָבער כ׳בין אַן עדות, אַז וויינשטיין האָט אויפגעכאַפּט דעם האָדסאָן, דעם איסט־ריווער, און שפּעטער — ווען ער האָט זיך אַהין איבערגעצויגן — שיפּסהעד בעי, מיט אויסערגעוויינלעכער פּינקטלעכקייט — די ריחות, פאַרבן, אָבער דער געמיט און פער־

סאָנאַזש זענען געבליבן גאַליציש, זיינע אַמעריקאַנער גויים זענען געבליבן די גאַליצישע גויים איבערגעפלאַנצט קיין אַמעריקע. אַזוי אַרום איז ער דער לעצטער און סאַמע עכטסטער פּאָעט פון פאַר־גאַנגענעם שטעטל און פון דער איסט־סאַיד ווען זי איז געווען שטעטל, און אפילו אין זיינע ישראל־לידער איז בולט דאָס שטע־טל. דאָס איז דער מענטש, דאָס איז זיין ליד. עס זענען דאָ, נישט פיל, אין אַלע ליטעראַטורן, ראַיאָנעלע פּאָעטן וואָס זענען אַזוי טיף געוואָרצלט אין זייער פּראָווינץ, אַז זיי צווינגען זי אַרויף אויף אייך כמעט ווי אַ וועלט, ווי אַ וועלט־אָנשויונג.

און מלכה וויינשטיין ע״ה איז אויך געווען אַ טייל פון דער דאָזיקער וועלט. אין איר איז שוין געווען אַן אָפּשיין פון ווין, פון דייטשער באַלעזנקייט, און זי איז געווען אַ מין פּאַרמיטלערין אין אונדזערע סכסוכים איבער שורות, אָבער אַזאַ פּאַרמיטלערין אַז בעריש האָט קוים עפּעס נאָכגעגעבן און איז שטענדיק געבליבן גערעכט.

מיר זענען נישט געווען עגאָצענטריקער, אָבער דאָך האָט זיך אונדז געדאַכט — ווייל מען האָט נאָך געקענט צונויפשלאָגן אַן עולם איינס און צוויי, און ווייל די לייענערשאַפט איז נאָך געווען היפּש קאָנצענטרירט אויף דער איסט־סאַיד — אַז גאַנץ יידיש אַמעריקע וואַרט אונדז צו אַנטפּלעקן, אַז די התגלות וועט קומען היינט־מאָרגן.

וויינשטיין איז אפשר דער איינציקער פון אונדז, וואָס איז פון יענע יאָרן נישט פאַרוואָגלט געוואָרן אין גלות. זיינע לידער זענען נאָך אַלץ פאַרוואָרצלט אין זיין אייגענעם מאָרג פעלד. ער האָט עס נישט פאַרבויעט, פאַרשטאָטעוועט. ס׳איז נאָך אַלץ אַ סאָד.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

ווערטער און ווערטן

(בעריש ווײַנשטײַנס ווערן אַ בן־שישים)

אין דער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע איז דער נאָמען בעריש ווײַנשטיין פאַרבונדן מיט אַ גרויסער דערגרייכונג אויפן געביט פון נייעם אויסדרוק פאַר דעם פּאָעטישן וואָרט.

שוין זיינע לידער אין לייוויק און אָפּאַטאָשוס „זאַמלביכער" האָבן אָנגעזאָגט, נישט נאָר דעם אויפשטייג פון אַ נייער, אָרי־גינעלער דיכטערישער קראַפט, נאָר אויך דעם אויפגאַנג פון אַ נייער, לאַנג־דערוואַרטער קוואַליטעט אין דער יידיש־אַמעריקאַ־נישער דיכטונג. זיין התחלה איז געווען דער אָנהייב פון אַ נייעם דרך אין דער פּאָעזיע, וואָס איר סימן און סינאָנים איז פאַרבליבן: בעריש ווײַנשטיין.

וויל מען הנאה האָבן און עמאָציאָנעל באַווירקט ווערן פון אַ קינסטלערישער שאַפונג איז גענוג צו לייענען בעריש ווײַנשטיינס לידער, אָדער קאַפּיטלען פון זיין „ריישע". דעמאָלט ווערט פאַר אונדז, אויך אָן שום קאָמענטאַר, זיך אַנטפּלעקן דער באַצווינ־גענדיקער כוח פון אַן אייגנאַרטיקן דיכטער. וויל מען אָבער וויסן און פאַרשטיין אין וואָס עס באַשטייט די אייגנאַרטיקייט פון דעם דאָזיקן דיכטער, די נייקייט פון זיין דרך און, דער עיקר, אין וואָס עס ליגט זיין גרויסער ווערט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם יידיש־פּאָעטישן וואָרט אין אַמעריקע, איז שוין נישט גענוג בלויז צו לייענען ווײַנשטיינען גופא, נאָר מען דאַרף אויך אויפלעבן פאַר זיך די אַלע פּראָבלעמען, וואָס זענען, אַ צייט־לאַנג, געשטאַנען אויפן שפּעטערישן סדר היום פון דער יידיש־אַמעריקאַ־נער ליטעראַטור. דעמאָלט וועלן מיר ערשט דערזען און באַנעמען די פּאָזיציע: בעריש ווײַנשטיין, נישט נאָר ווי אַ באַדייטנדיקן מיטגליד אין דער יידיש־אַמעריקאַנער ליריק, נאָר אויך ווי איינער פון די אַנטדעקער פון דער נייער פּאָעטישער ערד, וואָס הייסט: יידישע דיכטונג אין אַמעריקע.

אַז דאָס לעבן אין דער נייער וועלט האָט געמוזט ברענגען נייע, דורכויס נייע, פאָרמען און אינהאַלטן אין דער ליטעראַטור איז פאַר קיינעם קיין שום ספק נישט געווען. דערויף האָט עדות געזאָגט די נייע אַמעריקאַנער שאַפונג אויף ענגליש, וואָס האָט שוין מיט יאָרן פריער אַוועקגעשטעלט דאָס אַמעריקאַנישע פינטל אויף דער לאַנדקאַרטע פון דער וועלט־ליטעראַטור. דער אויפקום פון אַ נייער וויזיע פון דער וועלט און מענטש־דערקענטעניש, וואָס כדי זי שעפעריש צו אַנטפּלעקן מוזן געפאָרעמט ווערן די אייגנ־טימלעכע אויסדרוק־מיטלען פון אַ נייער פּאָעטישער געשטאַלטונג.

וואָרעם „ניי" און „אַלט" איז אין דער קונסט נישט קיין קאַפּריז פון דער לוסט צו בייטן מאָדעס, דאָס זענען נויטווענדי־קייטן, וואָס פליסן אַרויס פון דער כסדרדיקער פאַרענדערלעכ־קייט פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש וואָס איז, פון איר זייט, אָפּהענגיק פון די אופנים פון מענטשלעכן לעבן.

די ערשטע קוואַליטעט פון דער קונסט איז עכטקייט, עס פעלט אָבער אַ גרויסער חשד אויף דער עכטקייט פון דעם קינסט־לער, וואָס רעדט אין אַ טראָפּישן קלימאַט מיט דער שפּראַך, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער וויזיע פון אייביקער קעלט, אָדער וואָס זינגט אין דעם צעפּיבערטן רויש פון גרויס־שטאָט, מיט דעם ריטעם פון פאַרשלעפּערנדיקן מדבר־זאַמד. דאָס לעבן שאַפט פאָרמען און עס קומט צום אויסדרוק אין פאָרעם. דאָס נייע אַמעריקאַנער לעבן האָט געמוזט קומען צום אויסדרוק אין דער ליטעראַטור, נישט נאָר טעמאַטיש, נאָר אויך פאָרעמלעך, דורך דעם לשון און אויסדרוק וועלכן ס'האָבן געשאַפן די נייע פאַרהעלטעניש, ווייל אויב נישט, וואָלט געפאַלן אַ חשד, אַז די קינסטלער רעדן מיט אַ געבאָרגטער שפּראַך און דאָס וואָלט קודם כל באַצווייפלט זייער עכטקייט.

דאָס וואָס איז אָבער געווען נאַטירלעך און פּשוט פאַר אַלע אַנדערע פּאָעטן אויף דער אַמעריקאַנער ערד איז כלל נישט געווען אַזוי נאַטירלעך און פּשוט פאַר די פּאָעטן פון יידישן פאָלק אין אַמעריקע. די אויסנעמלעכקייט פון יידישן כאַראַקטער, ווי אַ פּועל־יוצא פון יידישן גורל, האָט אויך דאָ אַרויסגעוויזן איר באַ־

שיימפערלעכע השפעה. ווארעם קלאָר איז, אַז דאָס נייע אַמערי־קאַנישע אין דער ליטעראַטור אויף ענגליש איז דערגרייכט געוואָרן אויפן יסוד פון אַ פולשטענדיקן אויפלייז פון דער פריערדיקער נאַציאָנאַלער צוגעהעריקייט אין שמעלצטאָפּ פון דער ניי־געשאַ־פענער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. (דאָס הייסט נישט, אַז אין דער נייער אַמעריקאַנער ליטעראַטור זענען נישט אַריינגעטראָגן גע־וואָרן קיין נאַציאָנאַלע כאַראַקטער־שטריכן פון פאַרשידענע פעל־קער). פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע איז אָבער די אויפגאַבע געווען אַ פיל שווערערע: זי האָט געדאַרפט ווערן אַמעריקאַניש און דערביי בלייבן יידיש, די אייביקע צרה מיט דער „טאָפּלטער לאָיאַליטעט", וואָס זעט אונדז, אין פלוג, אויס ווי אַ קללה און איז אָבער, אין דער אמתן, די ברכה פאַר דעם עכטן ווערטפולן גייסטיקן שאַפן.

לאַנג האָבן יידישע פּאָעטן אין אַמעריקע זיך געראַנגלט פאַר דעם נייעם אַמעריקאַנישן אויסדרוק פון יידישן לעבן. אַ סך האָט מען געזוכט און עקספּערימענטירט, פיל מאָל איז מען דורכגע־פאַלן. דער יידישער אינהאַלט איז אָפט פאַרלוירן געגאַנגען אין דער אַמעריקאַנישער פאָרעם, און דאַן האָט מען זיך ווידער אַמאָל אומגעקערט צום פאַרטיקן אינהאַלט און אויסדרוק פון דער „אַל־טער היים". אָבער די זוכענישן און וואַקלענישן זענען פאָרט נישט געווען אומזיסט, ווארעם זיי האָבן סוף כל סוף געבראַכט דעם ניצחון פון דער נייער יידישער ליטעראַטור אין קאָלומבישן לאַנד.

איינער פון די פאָנען־טרעגער אין דעם דאָזיקן ניצחון איז געווען און געבליבן דער דיכטער בעריש וויינשטיין.

*

בעריש וויינשטיין איז נישט קיין עקספּערימענטאַטאָר, וואָס קומט צו זיינע נייע דערפינדונגען דורך לאַבאָראַטאָרישע זוכענישן און טעאָרעטישע הנחות. ער איז בכלל נישט קיין דערפינדער, ער איז אַן אַנטדעקער, וואָס קומט צו זיין אַנטדעקונג מחמת אומרו און וואַנדער־לוסט, געטריבן פון אינערלעכן דראַנג און דער אייגנ־שאַפט צו דערזען אַלץ אויף דער וועלט מיט זיינע אייגענע אויגן.

די אייגנשאַפטן פון זיין פּאָעטישער אינדיווידואַליטעט, פון

זיין קינסטלערישער אייגנאַרטיקייט, האָבן אים אָן מוח־אָנ־שטרענגונג געבראַכט צו ווערן דער געשטאַלטיקער פון יידישן געמיט אין אַמעריקע, דער חוזה פון דער יידישער וויזיע אין אַמעריקע.

שמשון הגבורס כוח איז געלעגן אין זיינע האָר. וויינשטיינס כוח ליגט אין זיינע אויגן. וכל העם רואים את הקולות — איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר וויינשטיינס שעפערישער אייגנאַר־טיקייט. ער זעט די קלאַנגען אין בילדער, ער פאַרוואַנדלט טענער אין ליניעס, ער זעט און מאַכט זען אַפילו דאָס, וואָס איז פאַרן מענטשלעכן אויג פאַרהוילן און קאָן באַנומען ווערן נאָר מיט דעם געשאַנק פון טיפער אינטויציע.

וויינשטיין האָט אַריינגעבראַכט אין זיין ליד דאָס אַמערי־קאַנער לעבן, אָבער דערביי איז דאָס טיפע יידישע עלעגישע געמיט געבליבן דער ים אויף וועלכן עס שווימט די שיף פון זיין גאַנצן פאָעטישן שאַפן.

אין דער אָפשפיגלונג פון יידישן געמיטס־ים האָבן די ליניעס און פאַרבן פון אַמעריקאַנער לעבן באַקומען אַן אייגענע געשטאַל־טיקונג, דאָס געזאַנג פון דער האַפן־שטאָט — אַן אייגענעם קאָ־לאָריט, די מוזיק פון בעטהאָווען אויפן פאָן פון דער וויליאַמס־בריק — אַן אייגענעם, עכט־יידישן אויסקלאַנג.

וויינשטיינס ליד איז דאָס ליד פון דער אַלטער יידישער גייס־טיקייט, וואָס דער סימן־מובהק פון איר ווערט ליגט אין דעם כוח זיך צו באַנייען.

*

כידוע איז יעדער פאָעט אין דער בחינה פון „מבשרי אחזה״ און ער אַנטפלעקט — די וועלט וואָס אַנטפלעקט זיך פאַר אים.

דירעקט און אומדירעקט שרייבט יעדער פאָעט — אין לידער און אין פאָעמעס — זיין אויטאָביאָגראַפיע.

בעריש וויינשטיין איז אָבער איינער פון די סאַמע, סאַמע אויטאָביאָגראַפישע דיכטער אונדזערע און מען מעג אַפילו זאָגן, אַז די זעקס ביכער לידער וואָס ער האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן זענען נישט קיין זעקס באַזונדערע לידער־זאַמלונגען, נאָר זעקס

קאַפּיטלען פון איין גרויסן פּאָעטיש אויסגעזונגענעם לעבנס־ראָמאַן, וואָס זיין הויפּטהעלד איז דער פּאָעט אַליין. דער דאָזיקער הויפּטהעלד האָט, אגב, אין אַלע לידער־ביכער פון וויינשטייננען נאָך אַ נאָמען, דאָס יינגל.

„גאָט ווי עס קלאַפּט דאָס האַרץ פון אַ י י נ ג ל,
ווען ער גייט פון חדר אין די ווינאַכטן אַהיים
און זעט אויף זיין וועג די דזשעווקעס ברענען!"

דאָס איז דער ערשטער אויפטריט פון זיין יינגל־העלד אויף דער בינע פון לעבן — אין ריישע. שפּעטער ציט זיך זיין וועג קיין אַמעריקע.

„צוליב וואָס, נאַריש י י נ ג ל,
האָסטו די היים, די משפחות, די חברים פאַרלאָזט
און איבער גרענעצן פון גויים זיך געלאָזט שוואַרצן;
גומל געבענטשט וואָס ביסט דעם געפאַר בשלום אַדורך,
וואָס ביסט פון אַ קויל נישט געוואָרן דערשאָסן,
צו טראָגן אַמעריקע אין האַרץ פאַרשלאָסן!"

נאָך שפּעטער, אַן איינגעוואָרצלטער אין אַמעריקע, לאָזט זיך דאָס יינגל אַרויס אין זיין חלום־נסיעה איבער די גיטער פון דוד המלך און דער פּאָעט דערציילט אונדז:

„ווי גאָט וואָלט אים אָנגענומען ביי דער האַנט,
איז ס'י י נ ג ל אַריין אין דער באָבע חנהלעס לאַנד."

יאָרן פאַרגייען און אַז דער פּאָעט דערגרייכט צו דעם סך הכלדיקן עלטער ווערט אים ערשט קלאָר, אַז:

„איצט קום איך
צו דיר — ליד, מיט דער לעצטער ווייסקייט
פון די ווינטערס, ווען כ'האָב נישט פאַרשטאַנען
פאַר וואָס כ'האָב, אַ י י נ ג ל אויף דער איסט־סאַיד,
געבענקט נאָכן שניי פון דער שטעטלדיקער ווייט."

אין זיין אַריינפיר צו דער פּאָעמע „אין דוד המלכס גיטער" זאָגט אונדז, אגב, בעריש וויינשטיין זייער קלאָר:

„מיט דער פּאָעמע... שליסט זיך די עפּאָפּעע פון ד ע ם י י נ ג ל וואָס האָט געוואַנדערט דורך „ריישע" דורך „אַמעריקע" צום לאַנד פון אברהם אבינוס „לך לך", צום לאַנד פון עקדת יצחק און יעקבס חלום ווו ער האָט דערקענט די וואָר פון דוד המלכס גיטער".

וויינשטיין האָט, בכן, נישט בלויז געזונגען וועגן זיין יינגל־איך און נישט בלויז פאַרפּיקסירט אין ליד די פאַרשידנסטע מאָ־מענטן פון זיין לעבן, נאָר ער האָט ממש אויפגעבויט אין פּאָע־טישן געזאַנג זיין ביאָגראַפיע און זי געסדרט לויט דער כראָנאָ־לאָגיע פון זיין לעבן, פאַרבינדנדיק זי מיט דריי ערטער: ריישע, אַמעריקע און ארץ־ישראל.

און דאָס מערקווירדיקסטע! אין אַלע דריי ערטער זעט דער פּאָעט ז י ך דורך דער פּריזמע פון יינגל און דערפאַר אפשר זענען די דאָזיקע דריי ערטער נישט קיין סינאָנימען פון דריי תקופות אין זיין לעבן, נאָר זענען איין עפּאָפּעע פון וואַנדערונג אַהין און צוריק, אַהין און צוריק און דאָך כסדר דיכטעריש — פּאָרויס און פּאָרויס צו נייע דערגרייכונגען, צו נייע דערפאַרונגען.

*

אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע פאַרנעמט בעריש וויינ־שטיין אַ חשובע פּאָזיציע מיט זיין אַנדערשקייט און מיט זיין אייגנאַרטיקייט וואָס טיילט אים אויס מיט עפּעס אַ באַזונדער־קייט צווישן דער סטאַיע פון די זינגער און שליסט אים דאָך איין ווי אַ ליבלינג־סאָליסט אין זייער כאָר.

הגם ריישע און ארץ־ישראל פאַרנעמען אַ גרויס אָרט אין זיין ביאָגראַפיע איז ער אָבער דורכויס אַן אַמעריקאַנישער דיכטער.

און אַמעריקאַניש איז ער נישט דערפאַר ווייל נאָך גאָר יונג, ווי „אַ גרינער", האָט ער ביים באַטרעטן די ערד פון אַמעריקע שוין דערפילט:

„זאָל מען ביים ייִנגל די קליידער אַראָפּרייסן
און אים אין אײַן העמד לאָזן,
וועט ער ס'לאַנד נישט פֿאַרלאָזן!
גאָרנישט קען אים פֿאַרביטערן
אַז ער זאָל זיך צוריק אַהיים אומקערן.
צי אין האָפּער,
צי אין טרויער,
וועט ס'ייִנגל שוין דאָ מסתמא פֿאַרבלייבן".

דער אמת איז אפשר, אַז בעריש ווײַנשטיין האָט זיך כסדר און כסדר פּאָעטיש אומגעקערט אַהיים, און איז פּאָקטיש אין זײַן גענאַנג פון ריישע קיין מאָל נישט אַוועק. פּאָרט איז ער דורכויס אַן אַמעריקאַנער פּאָעט אַפילו דעמאָלט ווען ער זינגט וועגן דער אַלטער היים. און אַמעריקאַניש איז ער נישט בלויז דערפּאַר ווייל זײַן ליד פֿאַרמאָגט דעם פרייען רחבותדיקן אָטעם וואָס איז דער פּאָעזיע פון יענער זייט ים געוועז אומבאַקאַנט, נאָר בעיקר צוליב דעם, ווייל ער האָט, צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע פּאָעטן, זיך שעפעריש איינגעביסן אין דעם שטיינערנעם ריז פון דעם מאָדער־נעם אורבאַניסטישן מיטאָס און ראַנגלענדיק זיך מיט אים, ווי יעקב מיטן מלאך, אים בייגעקומען מיט זײַן געזאַנג, און וואָס נאָך וויכטיקער — אים ליב געקריגן אין דעם געראַנגל.

„אויף דײַן ערד איז מיר באַשערט צו זינגען דאָס געזאַנג פון דײַן לאַנד.
כ'האָב אַזוי פיל מענטשן, אַזוי פיל שיפן אין דײַנע ברייטע האַפנס געזען
און ביי דײַנע פעלקער פון לשונות זיך געלערנט זײַן אין דער פרעמד,
און אַנגעהויבן פאַרשטיין, אַז כאָטש ריישע, גאַליציע, איז מײַן היים,
איז מײַן שטאָט ניו־יאָרק — מײַנע גאַסן: דילענסי, רידזש און פּיט,
און היימישער נאָך ביסטו מיר פון יענעם טרויעריקן טאָג אָן געוואָרן,
ווען כ'האָב אויף דײַן ערד, אַמעריקע, געזען מײַן טאַטע־מאַמע שטאַרבן".

פון ריישע איז דער דיכטער אַוועק, אַ ייִנגל נאָך, קיין אַמע־ריקע. אין דער בענקשאַפט נאָך די ייִנגל־יאָרן איז ער פיל מאָל צוריק אַוועק אין זײַן ליד קיין ריישע און האָט דערביי אויפ־געהיטן די טיפע צוגעבונדנקייט צום חומש־לאַנד. דער גאַנג פון דער באַשערטקייט ברענגט אים אָבער צוריק קיין אַמעריקע, צום

לאַנד ווי ער האָט געזען טאַטע־מאַמע פאַרגיין און ווי עס איז אויפגעגאַנגען אַ נייער דור פון זיינע לענדן; צום לאַנד וואָס, אַז מען זאָל אים אַפילו אין איין העמד לאָזן, וועט ער שוין דאָ פאַר־בלייבן, סיידן...

„אויב איך וועל דיך פאַרלאָזן, אַמעריקע,
וועט עס זיין פאַרן קלינגענדיקן חומש;
פאַרן געזאַנג פון „ואני", און פון „האזינו";
פאַר די סדרות „משפטים", „ואתחנן" און נאָך;
פאַר דעם גאַנצן ייִנגל פון חדרדיקן יאָך —
איך וויל די שטערן פון ארם נהרים."

*

בעריש וויינשטיינס וואָגיקע פּאָעטישע שורה איז אין איר אויסשטעל נישט פון קיין גרינגער און קלינגענדיקער ריטמיש־קייט. דאָך פאַרמאָגט זי אַן אינערלעכע מוזיקאַלישקייט וואָס איר דערפילט זי תיכף. זי זינגט זיך אין אייך אַריין מיט איר רעטשיטאַטיווער זאָגערישקייט וואָס לאָזט דעם ניגון נישט פאַר־הילכן דאָס וואָרט, נאָר עס אַרויסברענגען מיט דער פולקייט פון עכאָ, פון שאָטן און פון דער אַרומיקער אַטמאָספער.

פאַראַן אין זיין פרייען פערז אי אַ באַרעדעוודיקייט, אי אַ וואָרט־געצוימקייט. אַז ער גיט אייך זיינס אַן איבערלעבונג ברענגט ער זי אַרויס פול און גאַנץ, אָבער מיט ווערטער און מיט בילדער וואָס הינטער זייער קאָנקרעטן מיין באַהאַלט זיך נאָך עפּעס, עפּעס וואָס מען קען עס נישט דערזאָגן און דאָך פילט מען עס אַזוי רעאַל, אַזוי נאָענט.

„פאַר דיר ליד, ליד,
האָב איך איבערגעלאָזט דעם אינדערפרי
און בין אַראָפּ צו דער ליידיקער נאַכט.

די גאַסן שטייען שטיל, די ליכטער אויך;
זיי לויכטן, נאָר זיי האָבן נישט צו וואָס."

„פאַר דיר ליד, ליד,
האָב איך זיך אויסגעמישט מיט גאַסן, לעבנס ;
מיט לבנות, מיט ימען, מיט לידער ;
די וואָכן פאַרשווענדט אויף אומעטיקע יאָכן ;
אויף ליכטיקע וואָרן —
פאַר דיר ליד, עד סוף כל היאָרן.״

די שטימונג אינעם ליד, די ווערטער, די בילדער זענען קאָנ־קרעט, רעאַל, און דאָך איז הינטער דער רעאַליטעט פאַראַן אַ מיסטישע נישט־דערזאָגטקייט. הינטער דעם פּאָעטישן ניגלה — אַ טיפער סימבאָלישער נסתר.

אָפּט מאָל וואָרט־סקולפּטאָריש אין דער שילדערונג פון דער גרויסשטאָט, פון אירע האַפן־געסלעך, פון דער גבורהדיקער נאַ־טור, איז אָבער איבער זיין רעאַליזם פאַראַן אַ הויך פון נישט־דאָיקייט, אַ שיין פון יענער־וועלטישקייט, אַ רמז אויף דער סודותדיקייט אין וועלכן עס איז איינגעהילט דער גאַנצער באַשאַף.

בעריש וויינשטיינס ליד — אַ ליד מיט אַ העלן קלאַנג און אין דער זעלביקער צייט — מיט אַ טונקעלן, סודותדיקן נאָכ־קלאַנג, וואָס בלייבט לאַנג, לאַנג ציטערן אין אייך.

*

אויף דער שוועל פון זיינע זעכציק יאָר האָט בעריש וויינ־שטיין געזונגען וועגן זיין באַשערטקייט אין דער יידישער ליריק :

„אַז כ׳בין אַליין,
נעם איך צו הילף עפּעס פון באַשאַף ;
וואָס עס זאָל נישט זיין,
אַבי ס׳איז אין מיין געמיט —
כ׳קוק שעהען אויפן ים,
ביז ער פאַלט אַריין אין טונקלונג
און ווערט עמיצנס אַ הימל,
דאָס מאָל — מיינער.
ר׳איז צו פוסנס,
ר׳שטויסט די שטיינער
און שפּריצט מיט שרייענדיקן האָגל
ביז אויף מיר אַרויף.

כ׳פיל די טראָפּנס פון אויפגעלייזטן ים —
און גאָט איז נאָנט,
כ׳האָב אים אָנגערירט מיט ביידע הענט;
בין אויף אַ רגע געוואָרן פאַרברענט.״

אָט די דיכטערישע פאַרברענונג ביים דערפילן גאָטס נאָענט־קייט, דאָס אַריינברענגען זיך אין אַ טראַנס אין וועלכן מען דער־פילט ווי עס ענדערן זיך די מעשי בראשית, איז דער סוד פון עכטער דיכטערישער יצירה און זי איז אויך דער סוד פאַרוואָס דער גרויסער דיכטער בעריש וויינשטיין דערזינגט זיך צו יענעם עכטן געזאַנג וואָס איז אַן אָנזאָג פון דעם מענטשנס שותפות צו דעם געטלעכן באַשאַף.

מיט די דאָזיקע שורות בין איך נישט אויסן אָפּצושאַצן דעם פולן, אַלזייטיקן שעפערישן וועג פון בעריש וויינשטיין. דאָס קאָן געטאָן ווערן נאָר דורך אַ גרויסער און גרינטלעכער אַרבעט, מיט אַ סך ישוב הדעת און אָן בחיפזונדיקייט. בלויז זיין פּאָעמע „ריי־שע״ פאַרדינט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט און אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג. איך האָב דאָ נאָר געוואָלט אָנוואַרפן אייניקע שטריכן וועגן דעם גרויסן ווערט פון בעריש וויינשטיין פאַר אונ־דזער ליטעראַטור, פאַר אונדזער שאַפן.

י. אָקרוטני

צו בעריש ווײַנשטײנס זעכציק יאָר

ווײַזט אויס, טאַקע מחמת דער פּאָטענציעלער מעכטיקייט פון דער פּיל־פעלקערישער אַמעריקע, איז מעגלעך געוואָרן אַז אין אָט־דעם גרויסן, רײַכן לאַנד וואָס שימלט אויך מיט גוואַלטיקן עלנט פאָרן מענטש, זאָלן דאָס גלייכן אויפשפּראָצן באַדייטנדיקע דיכטערס און טרוימערס. מיר מיינען נישט נאָר אַ וואָלט וויטמאַן צי אַן עדגאַר אַלאַן פּאָ; אויך יידישע דיכטערס זענען הויך אויפ־געשטיגן אויף דעם דאָזיקן שטייניקן באָדן, וואָס איז באַפּרוכ־פּערט געוואָרן מיטן בלוט און שווייס פון הונגעריקע און געררו־דפטע מענטשן־קינדער פון אַלע עקן־וועלט. די יידישע שטימעס הערן זיך שאַרף אַרויס פון צווישן די אייזן־בעטאָנענע וואָלקנ־קראַצערס, פונעם משוגענעם רויש, וואָס דער כרך ניו־יאָרק האָט שפּיציק צעטורעמט אונטער די נשתוממדיקע הימלען. יאָ, קיין שום כוח איז נישט אומשטאַנד צו איבערגעוועלטיקן דאָס געצי־קלטע פּאָעטישע קול מיט אַלע זיינע צאַרטקייטן און אומגע־ריכטקייטן. ראיות האָבן מיר צו מאָל אין אונדזער גבול. איבער דורות קלינגט אָפּ די אייגנאַרטיקע פּאָעטישע סטיכיע פון יענע שטראָמען יידישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויפן צפון־אַמעריקאַנער ברעג און אויפן מאַנהעטן־אינדזל פאַרפלאַנצט די בענקשאַפט און דעם אומאָפּמעקלעכן וויי פונעם גלות רוס־לאַנד, פוילן, רומעניע, בעסאַראַביע. נו, עס איז נישט שכיח ביי אונדז צו טראַכטן וועגן דעם בבל ניו־יאָרק, אַז עס זאָל זיך נישט אַריינפלאָנטערן די פיינפולע סטראָפע פון מאָריס ראָזענפעלד, וואָס מישט זיך ערגעצוו אויס מיט דער הייסער גאַמע פון אַ דוד עדלשטאַט. דאָס געהערט שוין אמת, צו אַ פאַרהילכטן יידישן דור אין אַמעריקע. וואָס שייך דער מאָדערנער, מער געלייטערטער יידישער פּאָעזיע טיילט זיך אויס — אין דער ראַם פון דער אַמע־ריקאַנער לאַנדשאַפט — דאָס ליד פון גאַליציאַנער שבט. אַזאַ

משה לייב האַלפּערן, אַזאַ משה נאַדיר וכדומם זענען באַזונדערס אייגן מיט זייער אַמעריקאַנער צעזונגענקייט אין דער אַלוועלט־לעכער יידישער פּאָעזיע. זיי און אַמעריקע זענען אומצעטיילבאַר אַזוי צו זאָגן, אַ שטריך וואָס רעדט צום לויב פון זייער קרעפּ־טיקער יידישער חנעוודיקייט.

איינער פון די אָנגעזענסטע יידיש־זינגערס פון שבט־גאַליציע אין ניו־יאָרק איז בעריש וויינשטיין. ווערן די דאָזיקע שורות אָפּ־געגעבן וויינשטייינען דעם צעזונגענעם, דעם תמיד פאַרבענקטן גאַליציאַנער ייד אויפן ניו־יאָרקער ברוק. און תמיד דעמערט עס מחמת דעם אין דער וועלט פונם דיכטער. פון זינט זיינע יינגל־יאָרן בלאָנקעט ער אַרום אין ניו־יאָרקער רעש, אָבער אין געמיט איז ער געבליבן טיף פאַרוואָרצלט אין זיין געבוירנשטאָט רייישע. מיטן גוף, מיטן געדאַנק געמוזט זיך אונטערגעבן דעם געבראַזג פון דער זשעדנער וועלטשטאָט, נאָר נשמהדיק איז ער געבליבן די בליענ־דיקע פלאַנץ, וואָס לעבט, געדייעט אין דעם קלימאַט פון גאַלי־צישן רייישע. אַפילו אין איר יידישקייט־פּייזאַזש איז ער געבליבן שטיין פאַרחידושט, פאַרליבט, כאָטש דער אַרום, דער פּוילישער, דער גויישער איז געווען אַ פיינטלעכער, אַן אָפּשטויסנדיקער מחמת דער בלוטיקער שנאה צום ייד.

אַזאַ זעען מיר בעריש וויינשטיינען דעם פיינפילנדיקן יידישן פּאָעט אויפן גאַנצן שטח פון זיין דיכטעריש ווערק, פון „ברוק־וואַרג" (ניו־יאָרק, 1936), ביז די „באַשערטע לידער" (1965). ער איז אַן אַמעריקאַנער יידישער פּאָעט, בעריש וויינשטיין, אָבער מיט זיין גאַנצן מהות שטייט ער אין מיטן פון דורות יידישע רייישע, וואָס שפּייזן זיין מוזע, טרינקען זי אַן מיט אומגעשטילטע בענקשאַפטן צו קערנדיק, זאַפטיק יידיש לעבן וואָס אַמעריקע איז (קענטיק) פאַר אים נישט קיין געבענטשט פעלד.

אָ, ווי עס קלאָגט אין דעם פּאָעט די גלות־יידישקייט אין אַמעריקאַנער פרעמד, כאָטש בעל כרחו שוין אויפגעבראַכט אויף איר שויס אייגענע דורות!

ווייל פילאָזאָפישער יידישער קוק רוט אינעם בליק פון דעם דיכטער, וואָס באַזיניקט יידישן זיין אינעם אומגעוויינטלעכן

האַרמידער פון אַ וועלט, וואָס אין איר אַלטעגלעכקייט וואַרפט זי אָפּ מיט ביטול איעדע באַזינונג. אַבי די חיי־שעה איז שמאַלציק, דאָס ליכט — האָפּעדיק.

פול איז בעריש וויינשטיינס געזאַנג מיט צניעותדיקן יידישן טרויער, ווייל אָפּט ווענדט ער זיך צום אַמאָל פון טאַטע־מאַמע, פון די זיידעס און באָבעס, אַזוי אויך צו זיינע קינדער און איי־ניקלעך, געהאָדעוועטע אין דער „נייער וועלט", אָבער דערוויי־טערטע פון דעם ליכט, וואָס באַשטראַלט עד היום דעם אומ־פריילעכן ווער פונעם ריישער ייד מיטן ליד אין האַרצן. און עס האָט די גרויסע מעלה, בעריש וויינשטיינס סובטעל געזאַנג, וואָס עס איז עפּיש רויק און דערציילעריש קלאָר מיט לירישן אויס־קלאַנג. עס גיט זיך מיט דער לייכטקייט פון ליר און מיט דער פאַרטרוילעכקייט פון אַן אינטימער כראָניק.

פון ריישע ביז ניו־יאָרק איז ביים דיכטער אַ תחום שבת אין פאַרוואָכעדיקטער היים.

מיינע אייניקלעך וועלן נישט וויסן פון זייערע זיידעס — נישט די געגאָלטע,
וואָס האָבן דעם טלית־תפילין ווי אַ בינט־שליסל פאַרוואָרפן —
נאָר די, וואָס זענען נאָך די מודה אני'ס צו גאָט געגאַנגען
אין די הייסע קלויזן ביז שפּעט נאָך קריאת־שמע ביי נאַכט,
און חסידיש זיך געגרויסט, געלויבט מיט יחוס סאַנדז —
זיי וועלן נישט וויסן פון דערהויבענעם משה יאַנקל עלוי;
פון זייער פרומען דרך וואָס קלינגט ווי אַ לעגענדע בערך.
זייער אַטלאַס, זייד, דער היציקער גאַנג איבער דער ערד;
די סויבלנע שטריימלעך, טולעפּעס, ס'פייער אין די בערד —
זיי וועלן נישט וויסן, אַז נישט זיי — מיר איז געווען באַשערט
צו טראָגן די ירושה פון זייערע ווינטיקע וואָכן און יאָכן;
אויפצושרייבן בכתב אין אַ באַלאַדע פון יידישע אותיות
ס'לעצטע טרויעריקע בלעטל פון זייערע ליכטיקע דורות.

דער דיכטער, ס'אייניקל פון דורות צניעותדיקע, יידיש־גע־פרוווטע יידן אין גאַליציע, פון ריישע, פון גאָרליץ, פון טוטשין, פון דזשיקאָוו און ראָזוואַדאָוו, באַדויערט נישט זיך, נאָר די איי־ניקלעך זיינע פון אַמעריקע הלמאי זיי קענען נישט פאַרשטיין

און זיי וועלן נישט וויסן אַז אָט אַזאַ זיידע „האָט לשם שמים געקענט אַוועק קיין ארץ־ישׂראל... ר׳האָט נישט געקענט פֿאַר־טראָגן די טומאה, דעם זאַטן גלח; ס׳האָט אים געשטאָכן דער צלם מיטן טרייפֿענעם הילוך״.

ער גיט זיך אָפּ, אין אויפֿריכטיקער פּאַרצאָגטקייט, אַ חשבון אויף דער אָפּגעפֿרעמדקייט פֿון יידישקייט ביי די דורות, וואָס זענען אַרויסגעקומען פֿון אים, אַרום אים אויף אומהיימישער ערד. און בכתב, מיט זיין איידעלער יידישער פּאָעזיע, שטעלט ער אויף, דער פּאָעט וויינשטיין, די שיינע פּיראַמידע פֿון גוט־יידיש־קייט און פֿון המונישער פֿאָלקישקייט, אַ פּיראַמידע וואָס זאָל אַריינלייכטן אין די קומענדיקע דורות. לפּחות אַריינלייכטן פֿאַר די וואָס וועלן להבא אַרויסווייזן אַ תשוקה צו דערקענען די יידיש־קייט, וואָס פֿאַרבלאַסט אין אונדזערע טעג.

*

פֿאַר זיינע אייניקלעך, וואָס וואַקסן אויף די אַמעריקאַנער רחבותן, האָט דער דיכטער אויפֿגעשריבן די עלעגישע באַלאַדע פֿון די ליכטיקע זיידעס און פֿאַרן אייגענעם געדעכעניש ווי פֿאַר דעם וויטערן ש פּ ע ט ע ר, האָט ער מחבר געווען אַלע זיינע ביכער, די פּאָעמעס, די באַלאַדעס און לירישע, אינטימע פֿאַרצייכענונגען פֿון דער פֿאַרביקער ריישע, וועלכע ער גיט אונדז אין אַלע אירע דימענסיעס; די געבוירנשטאָט באַגלייט אים זיין גאַנצן לעבנסגאַנג איבער אַמעריקע, צו מאָל אויף זיינע נסיעות אין אייראָפּעישע שטעט פּונקט ווי קיין ארץ־ישׂראל. ריישע איז דער קאַמערטאָן, אויך דער לייטמאָדעס, צוגלייך די האַרפֿע, אויף וועלכער דער דיכ־טער שפּילט אויס זיין באַגערט ליד. יאָ, ריישע די שטאָט פֿון „גוטע יידן״, פֿון שיינע יידישע הייזער און ריישע וואָס חלומט פֿון דער וויטער וועלט ווי די וואָס ראַנגלט זיך, אין דראַנג פֿון די נייע צייטן, פֿאַר איבערגעאַנדערשטע באַגריפֿן פֿון סאָציאַלן יושר. און די נייע השגה פֿונם קינסטלער־שילדערער איז נישט פֿרעמד דעם דיכטער פֿון ריישע. מיקאַשקע, וואָליע און אַנדערע שטאָט־געגנטן און זייערע טיפּן, זייער אייגנאַרט איז דער קעגנשטאַנד פֿון דעם דיכטערס ז ע ע ן און פֿ אַ ר פּ י ק ס י ר ן מיט קרעפֿטיקע מיטלען.

די פרום־ליכטיקע באָבע חנהלע, די זיידעס, די פעטערס, די פײַערדיקע לערנערס און גרויסע חסידים לעבן אויף, אין רעליעפע פאַרבן, אונטער דער פּאַלעטע פונעם שילדערער. דאָס זעלביקע די ליכטיקע געשטאַלטן פון די זעלטענע יידן, די צדיקים, וואָס פאַרשטראַלן די פּייזאַזשן, וואָס בעריש ווײַנשטיין צעוואַרפט מיט שיינער פזרנות איבער די בלעטער פון זײַנע ווערק. און אויף אַלע די אָפּנהאַרציקע איבישקייט זײַנע צוגלייך מיט דער פאַרשפּילט־קייט מיט די אַלע עלעמענטן, וואָס האָבן פון אים געמאַכט דעם פײַנעם יידישן דיכטער, צו וועלכן מיר גענענען מיט דער ליבלעכ־קייט ווי צו אַ לייבלעכן ברודער, וואָס ווייס צו דערציילן דאָס וווּנדערלעכע פון ג ע װ ע ן ווי פונעם ה י י נ ט.

אויף דער געטרייקייט צו זײַן אייגענעם דרך אין דער פּאָע־טישער מלאכה, וואָס ער טוט שוין עטלעכע יאָרצענדליק, זאָגן אגב עדות די מאָטיוון אין אַלע ווײַנשטייןישע ביכער. אַזוי דאָס ליד צו דער באָבע, אַזוי די שילדערונג פון דער ווילטונגערישער חברה און אַזוי די אוממיטלבאַרקייט פון געמיט־אַנטפּלעקונג, אַזוינס וואָס לאָזט זיך בשום אופן נישט פעלשן, נישט צעוואַסערן. עס וועט גענוגן דאָס צו אילוסטרירן מיט אַ ליד פון דעם נאָך יונגן בעריש ווײַנשטיין אינעם ניו־יאָרקער האַרמידער, אין דער הוילער פרעמד, אָפּגעריסן פון דער לייבלעכער היים. עס איז זײַנס „אַ בריוול" אינעם ערשטלינג־בוך ב ר ו כ װ אַ ר ג :

מ אַ מ ע ש י,
ביי דיר איז איצט פּסח־בײַנאַכט אין שטוב
און ביי מיר איז פּסח־בײַנאַכט אין גאַס.
כ'האָב נישט קיין שליסל צו אַ הויז.
כ'טראָג אַפילו נישט קיין לייטיש העמד.
און דו, אין דער היים, גייסט אַרום אין ווײַסע זאָקן,
אָנגעטאָן דער באָבעס שטערנטיכל
און בענטשסט די ליכט אין זילבערנע לייכטער.

דער רויטער ווײַן לײַטערט דײַן תּפילה.
און דו ווייסט נישט אַז ווען כ'וואָלט איצט ברויט געהאַט
וואָלט איך אין פּסח אויך געגעסן.

מאַמעשי...
אליהו הנביא וועט הײַנט בײַנאַכט אַוודאי זײַן בײַ דיר
גיס פּאַר אים אָפּ דעם ווײַן אין מײַן געבלומטן כוס,
ווײַל כ'קאָן אים נישט גײן אַנטקעגן אויפמאַכן די טיר.
כ'האָב אַליין נישט קײן טיר ווו צו עפענען,
כ'האָב נישט ווו איבערצונעכטיקן.

אָט אַזוי שרײַבט בעריש ווײַנשטײן דער פּאָעט, דער פּאַר־וואָגלטער ייִד, זײַן ביאָגראַפיע. דאָס בריוול צו דער מאַמעשי איז נאָר אַ קורצער כליפּ פון זײַן ייִנגלשן עלנט אין דער גרויסער, פרעמדער ניו־יאָרק. די וואָגיקסטע בלעטער פון אָט דער ביאָגראַ־פיע זענען צעוואָרפן איבער זײַנע גרויסע פּאָעמעס „רײשע" (1947) און „אַמעריקע" (1955) ווי אויך אין זײַן רײפקײט־בוך — רײפ־קײט מײנט דאָ אין יאָרן — „באַשערטע לידער" (1965).

*

עס איז נישט קײן נײַס, אַז אַ דיכטער שרײַבט לאַנג, ביכער־מעסיק זײַן ביאָגראַפיע. אַ מאָל נישט דווקא בלשון „איך". בעריש ווײַנשטײן איז דאָ דורכויס אוממיטלבאַר. רײשע גײט אים נאָך אומעטום, זײַן כשרע באָבע חנהלע, זײַן מאַמע, דער טאַטע, די פעטערס, זײערע כאַראַקטעריסטיקעס שוימען אַריבער די בלעטער פון זײַנע גרויסע און קלענערע שריפטן. אַפילו אין דער פּאַרנע־מיקער פּאָעמע „אַמעריקע", וועלכע איז אגב אינהאַלטלעך אַ די־רעקטער המשך פון דעם בוך „רײשע", איז פול מיט דער בענק־שאַפט און מיט דיגרעסיעס, אין וועלכע עס שפּאַרן זיך דורך די אנומלטיקע געשטאַלטן פון דעם דיכטערס געבוירנשטאָט און איר סביבה.

אַוודאי דאַרף מען זײַן פאַרליבט אין דער שטאָט פון דער אײגענער קינדערוויג אַז מ'זאָל מיט אַזוי פיל אײפער פונאַנדער־וויקלען די קאַנווע פון אַזאַ ראָמאַן, ווי עס איז בעריש ווײַנשטײנס „רײשע". און טאַקע זי מיטנעמען, די בענקשאַפט, אין דער וועלט אַרײַן:

אַלץ וואָס איז באַשערט אויף גאַליציעס ערד
איז אין דיר, הײמשטאָט רײשע, פאַראַן.

און ווײַל ייִדן מאַכן אַ ברכה איבער דײַן לבנה,
בלויז דערפֿאַר אַנדערש דײַן הימל בײַ נאַכט.
עס גייט אויף דאָס ליכט פֿון גאַסן־צינדער;
פֿאַרבענקט ווערן ווינטער די חדר־קינדער.
אַ טבע האָבן מלמדים צו לערנען טריב
מיט ייִנגלעך קלוגע, מיט ייִנגלעך ווילדע.

...די שטאָט איז אַלט, דער בית החיים איז גרויס.
ר׳ הערש־יעקב זאָגט קדיש מיט יתומים אין קלויז.
ער צינדט ליכט נאָך טויטע וואָס שטאַרבן עלנט,
וואָס האָבן קיינעם אויף דער וועלט נישט געלאָזט.
אַזוי היט ער אַלע יאָרצײַטן בײַ טאָג או בײַ נאַכט,
און מיט אַלע וואָכעדיקע מנינים דאַוונט ער מיט,
ער זאָל עמעצנס אַ קדיש חלילה נישט פֿאַרפֿעלן.

ער הייבט אָן די פּרשה רײַשע מיט מלמדים, מיט ר׳ הערש־יעקב דעם איש תמים, מיטן חסיד ר׳ מאָטיש, מיטן גרויסן טשו־דאַק שבתאי, מיט די לײַט פֿון מיקאָשקע, פֿון טאַרגאָוויצע, פֿונעם המון ביז דעם אמתן „זייד און אַטלאַס״, מיט וועלכע עס איז שטאַרק באַפֿעלקערט דעם דיכטערס ווערק. ניין, נישט בלויז „רײַ־שע״. אַפֿילו די פּאָעמע „אַמעריקע״, דאָס גלײַכן דער גרויסער באַנד לידער און פּאָעמעס, וואָס נעמען אַרײַן בעריש ווײַנשטיינס שפּעטערדיקע שאַפֿונגען, אַנטהאַלטן מאָטיוון פֿון דעם דיכטערס אויסגערונענער היים. און מ׳מוז מיט גענוגטואונג זאָגן, אַז עס ליכטיקן אָט די לידער, די „רײַשער״ און די „אַמעריקאַנער״, מיט די זאַפֿטן און ריחות פֿון בינה און תפֿארת, שײַנקייט מתוך דיכ־טערישער גבורה. אָן יאָגעניש נאָך גראַמען צי געקינצלטע מעטאַ־פֿאָרן, טראָגט זיך אַ לויטערע מוזיק פֿון די פּאָעטישע בלעטער. מיטן בוך „באַשערטע לידער״ האָט דער דיכטער, הייסט עס, צע־עפֿנט דעם שייער אין אָנגעהאָרעוועטן פֿעלד אַרײַן און ער שפּײַכ־לערט אַרײַן די פּרוכט פֿון זײַן גײַסטיקער מי פֿאַר די יאָרן פֿון קילער מחשבה. געוויס וואַרפֿט דער דיכטער ווידער זײַן בליק אויף צוריק — ווי דען אַנדערש? — ער ציט אונטער אַ חשבון הנפֿשדיקן סך־הכּל. נו, אַן אָפּגעניכטערטער אויף אַ ווײַל זעט ער

זיך פון ס'ניי אין דער ליאַרעמדיקער, דער מאַטעריאַליזירטער אַמעריקע, אָבער געפינען געפינט ער זיך פון דעסטוועגן נאָך אַלץ דעם ייִד פון ריישע. און ער זיפצט אָפּ ייִדישלעך, אומבאַהאָלפן:

ס'איז נישט פאַר אַ מענטשנס כוח
דיך אַרומצונעמען, ניו־יאָרק, אין דײַן טרויער.
ס'איז נישט פאַר אַ מענטשנס אויג
דיך אַרײַנצונעמען מיט דײַנע פעלקער און לשונות.
עס האָבן זיך אין דיר אײַנגעזאַמלט
אַלע אָפּגעפלײצטע וואַסערן פון גאָטס מבול —
עס האָבן זיך אין דיר אָנגעקליבן
אַ וועלט מיט לענדער, שטעט און געטער,
וואָס בלויז ס'פאַרגײַענדיקע פייער פון פאַרנאַכט
קען אַזעלכעס אײַננעמען.

דאָס איז נאָר איין פעדערשטריך פון בעריש ווײַנשטײַנס ניו־יאָרק פּײזאַזש, וואָס האָט אים אָנגעטרונקען מיט אַ וועלט פון מענטשן־טרויער, וואָס ער האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך אויף יוניאָן סקווער, אין דזשעקסאָן־פּאַרק, אויף ריווינגטאָן־סטריט ווי אין די וואַלד־פאַרוואַקסענע שטעטלעך ביי קעמפּסטער „וווּ עס זענען וויסט די שבתים, די זונטיקס, די וואָכן".

*

ברייט־אָטעמדיקע, ריטמיש־פּאַראַקערטע עפּיק פון אַ וועלט, וואָס איז כולה ייִדיש אין מיטן אַ צעשטורעמטן גוישן מידבר, איז דער קענצייכן פון דעם אייגנאַרטיקן ייִדישן פּאָעט בעריש ווײַנשטיין. ריישע איז געווען אַ שטאָט מיט ייִדן אונטער אַ הימל וואָס איז אָפּטלעך פאַרכמאַרעט געוואָרן פון פּוילישער רשעות. דאָך האָבן די אויסגעשפּרייטקייטן איבער ריישע אויפגענומען די טענער פון חסידישער שירה, פון צניעות און דבקות. ייִדישע מעשהדיקייט מתוך האַרטער וואָר דאָמינירט אין דער שיינער נאַראַציע פונעם פּאָעט, וואָס זינגט ממעמקים, אינטים, און ער פאַרשווימט צו אונדז פון די סאַמע קוואַלן, וואָס האָבן אים אַרויסגעבראַכט אויף דער אויבערפלאַך פון ייִדישער געפרוווט־קייט. רעאַליסטישער פּאָעמאַטישער שטראָם שלאָגט זיך דורך ביי

ווײַנשטיינען צו די רײַכקײַטן פֿון באַגײַסטערטער שילדערונג פֿונעם לעבן, וואָס איז אײגן נאָר דער געלײַטערטער ייִדישקײט. דערפֿון דער אויפֿפלאַם פֿון דעם דיכטערס השתפּכות הנפשדיקע אויס־רופֿן:

— „ווער געגריסט, גאָט, פֿון אונדז, מאַמעס, בײַ די ברכי נפשידיקע שויבן, אמן!‟ אָדער: — „האָב רחמנות, גאָט, אויף די שאָף און רינדער וואָס פֿאַלן לעבעדיק אין זײערע הענט אַרײַן‟ (וועגן די פּראָסטאַצקע ייִדישע לײַט פֿון רײשע).

אויף דער פּאָעטישער פּאַליטרע באַגעגענען זיך הײמישלעך אויך די וואַסערפֿאַרב פֿון דער שאָרסטקער רעאַליטעט צוגלײַך מיט אַ ניצוץ פֿון ייִדישער מיסטיק און דער געפֿלאַטער פֿון לע־גענדע. די אײדעלע סינטעזע דערפֿון באַקומט זיך אין בעריש ווײַנ־שטײַנס דינער פּאָעזיע.

ש. ד. זינגער

בעריש וויינשטיין

בעריש וויינשטיין אַ בן שישים? ווי לאַנג איז עס ווען מיר האָבן אים, אַ יונג בחורל, באַגעגנט אויף דער צווייטער עוועניו, אין ניו־יאָרק?

ווי היינט, געדענק איך, אַ שבת־פאַרנאַכט, ערגעץ ביים אַריינ־גאַנג פון אַ יידישן טעאַטער אויף סעקאַנד־עוועניו. די ערשטע באַגעגעניש מיט בעריש וויינשטיין. ער איז פאַררעכנט ביי אונדז צווישן די גאָר יינגסטע, און מיר האָבן זיך טאַקע געפרייט מיט זיין קומען, מיט זיין ליד. וויינשטיין האָט אַרויסגערופן אין אונדז אַ סך חידוש, דווקא מיט דער פשטות, און מיט דעם האַלטן זיך ביי דער טראַדיציע פון היימיש־יידישע מאָטיוון.

ער איז דאַן געשטאַנען אַ שטילער, אַ באַשיידענער אַזא, און פאַרשעמט געשמייכלט, ווען מיר האָבן אים קאָמפּלימענטירט פאַר זיינע לידער, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט אין זיין ערשטן בוך „ברוכוואַרג". וויינשטיין איז בטבע (באַזונדערס איז ער עס געווען אין יענע יאָרן) אַ קנאַפּער דברן. און ווען נאָר מען פלעגט זיך באַגעגענען מיט אים, פלעגט ער מער הערן — ווי רעדן. און דאָס איז נישט ווייל ער האָט נישט וואָס צו זאָגן. גיכער קומט עס סיי פונעם טיף־אחריותדיקן געפיל זיינעם פאַרן וואָרט, סיי פון זיין טיפן געפיל פאַר פשטות און באַשיידנקייט אויך אין טאָג־טעגלעכן לעבן. דאָס האָט אים אויסגעטיילט פון ס'רוב דיכטער פון זיין דור. אָנשטאָט רעדן און היצן זיך, ווי ס'רוב חברים, וועגן שרייבער עלטערע און יינגערע, פלעגט וויינשטיין גאָר אָפט פאַרברענגען זיין פרייע צייט אין דרויסן, אין די גאַסן און געסלעך אָפט פון אַלט־ברוקלין און אַלט־ניו־יאָרק. מ'פלעגט אים טרעפן אין אויסטער־לישע פלעצער, אַ שטייגער, ביי די ניו־יאָרקער האַפנס, וווּ די שיפן אַנקערן, און וווּ מאַטראָסן פאַרברענגען זייערע אָוונטן ביים ברעג פון ים.

אין ווײַנשטײנס דיכטונג, באַזונדערס אין זײַן בוך „רײשע" — קומען זיך צונויף די אַמאָליקע ייִדישע שטעט, די איצט חרובֿע, מיט די ייִדישע שטײגער־בילדער פֿון די שוין אײַנגעזעסענע תּושבֿים אין ניו־יאָרק. די שטיל־שלוהדיקע טריט פֿונעם ייִד, מיטן ייִדיש־חסידישן טראַכט — די גאַליציאַנער בעקעשע — וואָס ווײַנשטײן האָט דאָ דערזען. דער דאָזיקער ייִד איז שוין אַ גאָר ווײַטער קרובֿ פֿון די אַמאָליקע דערשראָקענע „גרינע ייִדן" וואָס אַ ליבין אָדער אַ קאַברין האָבן געשילדערט אין זײערע ווערק.

די ערשטע לידער ווײַנשטײנס זענען, אויבנאויף, כּלומרשט פֿרײ פֿון ספּעציפֿיש ייִדישן אינהאַלט. דער דיכטער איז אַלײן פֿאַר־חידושט פֿון די בילדער גופֿא, וואָס ער זעט, מיטן געמיש פֿון זכרו־נות וואָס די ייִדישע נישט־ייִדישע ניו־יאָרק רופֿט אַרויס אין אים. די אָרעמקײט פֿון די ייִדישע איסט־סײַדער געסלעך דער־מאָנען אים אין דער שטאָט רײשע פֿון וואַנען ער איז ייִנגלווײַז אַוועק. ער געדענקט דאָס הײמישע שעכטהויז „וואָס שמעקט מיט פֿרישן בלוט", די „יאַטקעס און רויע פֿלײשן", און עכט זענען די הײמישע מאָטיוון בײַם יונגן דיכטער, ווי ער וואָלט זײ, די שטעטל־בילדער, ממש דער ערשטער אַנטדעקט...

ווײַנשטײן איז דערצײלעריש אין זײַנע ברײטע לידער־שורות, וואָס פֿאַרמאָגט אַ ריטעם, אַ דורכויס אײגענעם. ווי ער וואָלט זיך דאַן געוואָלט באַפֿרײַען פֿונעם קנויל שטײגער־בילדער, וואָס האָבן געזוכט בײַ אים אַן אויסדרוק, כּדי מיט יאָרן שפּעטער זאָל ער האָבן צו וואָס זיך אומצוקערן, שוין ווי אַ רײַפֿערער פּאָעט, וואָס האָט שוין דעם כּוח צו געבן די שטעטלשע שטײגער־בילדער פֿון גאַסן, געגנשטאַנדן און מענטשן, — זײַן אײגענעם דיכטערישן פּי־רוש, ווי ער האָט עס טאַקע באַוויזן אין זײַן פּאָעמע „רײשע", — אַ בוך פֿון אַריבער דרײַ הונדערט זײַטן. די ערשטע לידער וועגן מאַטראָזן, פֿישער־יונגען, וואַגאַבונדן, גאַסנשפּילער און באַן־גנבֿים זענען געווען אַ מין פּאָעטישע הקדמה צום עכט־ייִדישן גע־זאַנג וועגן אַ גאַנצער ייִדישער שטאָט, אין וועלכער די פֿרומע און גאָטפֿאָרכטיקע ייִדן זענען די הויפּטהעלדן.

שוין אין דער פּאָעמע „בעטהאָווען" (פֿאַרעפֿנטלעכט אַפֿריער

אין די דרײַסיקער יאָרן אין זאַמלבוך „המשך" האָט ווײַנשטײן געוויזן אַז ער ווײסט נישט שטענדיק בלײַבן בײַ די קלײנע נאַראַטיווע לידער; אַז ער פאַרמאָגט דעם טאַלאַנט פון אויפבויען, דורך לידער־ציקלען, אַ שלמותדיקע זאַך, פון עפּישן פאַרנעם. די פּאָעטישע ביאָגראַפיע פונעם גניאַלן מוזיקער געהער צו ווײַנשטײנס יוגנטלעכע רעמיניסענצן, די יאָרן וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ווין, אינעם אַמאָליקן דעמאָקראַטיש־פרײַען ווין, וואָס האָט נישט אײן אײנגעוואַנדערט ייִדיש ייִנגל באַגײַסטערט און גײַסטיק משפּיע געווען. ס'איז בעטהאָווען ווי מיר קענען אים פון די פּילצאָליקע ביאָגראַפיעס. ס'איז אָבער אויך בעטהאָווען ווי ער, דער דיכטער האָט אים געזען און אויפגענומען מיט זײַנע חושים. דער דערצײלערישער נוסח, וואָס איז אײגן ווײַנשטײנען, האָט זיך דאָ, אין דער בעטהאָווען־פּאָעמע דערהויבן צו אַ קינסטלערישן יש. פון מעלאָדישע קלאַנגען, געהערטע, מאָלן זיך בילדער. עס ווערט אַ פּאָרטרעט. די פּאָעמע לײענט זיך ווי אַ פּאָעטישע דערצײלונג אין פּערזן, און זי פּאַראינטערעסירט מיט דער געדיכטער בילדלעכקײט פון האַרבסטן, ווינטערס, זומערס און פרילינגען, — די נאַטור געזען מיט די אײגענע אויגן, און מיט דער שילדערונג פון שטעט, גאַסן, הײַזער און חפצים, דורך וועלכע די געשטאַלט פון אַ גניאַלן, לײַדנדיקן מענטש שלײַכט זיך דורך, אין דער פאַנטאַזיע פונעם דיכטער:

פרײדיק, טרויעריק איז די גרויסע וועלט.
אין יונגן עלנט בלאַנקעט לודוויג אַרום.

— — — — — — — — — — — —

טריט, האַרבסט און ווינטיק־געלע בלעטער.
ער שפּאַנט מיט אויפגעבלאָזענע טרוקענע האָר
ביז ער פאַלט אין שלאָף — אין מיטן וועג.
פאַרשלאָפן, אײנגעפאַלן ווערן זײַנע אָדערן,
און דאָס לײַב דורכגענומען מיט ריח פון קאָרע,
מיט פרישקײט פון ראָסע, קילע טריפנדיקע גראָזן
אין אויפגעשאַרטן טאָג.

*

די פּאָעמע „רײַשע" איז אַ ווענדפּונקט אין ווײַנשטײנס דיכטונג. די בילדער פון די שטאַרקע נאַטורן, די רויע און קרעפטיקע זענען פאַררוקט געוואָרן אין הינטערגרונט פון זכרון. די יאָרן פון חורבן האָבן אויפסניי דערמאָנט די היים, די שטאָט פון די קינדעריאָרן. אין גרויס בענקשאַפט, אין טרויער האָט ווײַנשטײן געגומען באַזינגען רײַשע, די שטאָט פון חסידים און פרומע סוחרים. אַ סך לויב האָט ער אויך דאָ פאַר די „יונגען פון דער וואָליע", די וואָס פאַרשטייען דעם „טרויער פון די רינדער וואָס ליגן שטיל אויף שטרוי, פירפיסיק געבונדן". אָבער מער לויב און מער אָרט גיט ער איצט אָפּ די אײדעלע, ווילע פעטערס משה און שלמה, און די צניעותדיקע באָבעס און מומעס.

ווײַנשטײנס „רײַשע" פאַרמאָגט די תמימות פון אַן ערשטן דערזען. אַ ייִנגל, אַ פאַרוואָגלטער, וואָס איז אַוועק מיט די חומש־מעשות פון חדר, מיטן אַלטן ניגון פון „ואני", קומט איצט צוריק אַהיים און דערזעט די שײנקײט פונעם ייִדישן תחום־שבת. דאָס איז נישט קײן נעאָ־ראָמאַנטיק, לויטן מוסטער פון די, וואָס האָבן מיט יאָרן צוריק שוין באַזונגען די שײנקײט און די אידיליע פון ייִדישן שטעטל. דאָס האָט ער, דער דיכטער אַליין, אַנטדעקט פאַר זיך דעם בלאָען הימל פון שטעטל, וואָס איז כולו ייִדיש:

ווײַל ייִדן מאַכן אַ ברכה איבער דײַן לבנה,
בלויט דערפאַר אַנדערש דער הימל בײַ נאַכט.

גלײַך אין אָנהײב פון דער דאָזיקער פּאָעמע ווירקן אויף אונדז ווײַנשטײנס געדיכטע בילדער־שילדערונגען, די פּאָעטיש־ריטמישע שורות, וואָס פאַרמאָגן דעם כוח צו באַנײַען אַן אַלט־באַקאַנטן, דורותדיקן און עכט־ייִדישן לעבנס־שטייגער, וואָס מיר האָבן געמיינט אַז ס'איז שוין „תם־ונשלם", און ליגט באַהאַלטן אין די אַלטע בלעטער, אין די ווערק פון די קלאַסיקער.

ווײַנשטײן טוט תפילה בײַם שילדערן די ייִדישע גאַסן פון רײַשע, אירע הײַזער, בתי־מדרשים, חסידים, און גוטע ייִדן:

גאָט, גיב צוריק יענע שאַטנדיקע נעכט
ווען די ראַסע, דער טוי האָט יידיש געשמעקט.

צו אַזאַ תפילה מוז מען זיך צוהערן. זי רייסט־מיט. יאָרן־צענדליקער פאַרשווינדן. און ס'שטייט אויף אַ שטאָט אַ לעבעדיקע, אויף וועלכער ס'רוט ממש דער גייסט פון קדושה, אַן אייביקער שבת:

יידן פאַרשליסן די בייזע געוועלבער,
און שקיעהדיק ווערן די פענצטער פרום,
די דעכער און די שויבן פאַרנאַכטיק און שטום,
און רויט אין בין־השמשות אַריין ציט די זון
און וואַרפט־אַן דעם ערב שבת אויף פנימער...

דאָס נייע אין וויינשטיינס פאָעמע איז דער אופן פון אידע־אַליזירן די שיינקייט פונעם אַלטן, אַמאָליקן יידישן לעבנס־שטייגער, וועמעס געדעכעניש ער פרישט אָפּ. דאָס נייע איז די פאָעטישע בילדלעכקייט פון אַ לאַנג שוין פאַרשוווּנדענער וועלט — נאָך פאַרן חורבן — וואָס דערשיינט ווי אין חלום, ווי אַ גרייז וואָלט דערציילט אַ מעשה, האַלב וואָר, האַלב לעגענדע.

וויינשטיין האָט באַוויזן דאָס בילד פון די אַמאָליקע פרומע געשטאַלטן צו געבן אַ נייע ראַם און באַצירט האָט ער די דאָזיקע ראַם מיט פרישע, ווונדערלעך־שיינע אָרנאַמענטן, אַזוי אַז דאָס בילד גופא, דאָס אַמאָליקע, האָט גענומען לייכטן מיט אַ שפּאָגל נײַ ליכט.

דער דיכטער זעט די יידישע באָבעס מיט „תהלים אין זייערע אויגן" און די פרומע מאַמעס, אין די שבת־פאַרנאַכטן, ווען זיי זאָגן „ברכי נפשי צו דער וועלט"... אַזאַ צוריקגיין און אַזאַ זען, רופט אַרויס מער ווי סתם בענקעניש, דאָס איז געבן אַ תיקון די בענקשאַפטן נאָך גאַנצקייט. דאָס איז געבן אַ באָדן, אַן ערד אונטער די פיס דעם פאַרחלומטן צום הימל, דעם דמיון וואָס שוועבט אַרום און זוכט אַן אויסדרוק, פאַר אַלע אויסגעוואָרצלטע וואָס האָבן נישט מער קיין היים...

וויינשטיין גיט דעם לייענער די אילוזיע פון היים, יענע יידישע

היים ווו די אַלטע פרומע וועלט טוט תפילה ביי „ברכי־נפשידיקע שויבן״. דורך אָט די שבתדיקע שויבן לאָזט וויינשטיין, דער יידי־שער פּייזאַזשן־מאָלער אין ליד, דורכגיין אין פאַרבייגיין די ליבע און נאָענטע געשטאַלטן, די באָבע חנהלע, די מומע ראַצעלע און דעם הויכן שבתי, און נאָך אַזעלכע געשטאַלטן, אין וועמעס זכות, מיר טראַכטן, יידן זענען געבליבן יידן, און זיי פאַרדינען דערפאַר אויף דאָס ניי קינסטלעריש געשטאַלטיקט צו ווערן. און אַ גרויס חסד האָט דער דיכטער געטאָן אין דער פּאָעמע „ריישע״, מיט די דאָזיקע יידישע שטעטל־געשטאַלטן, זיי זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן.

*

אין דעם בוך „לידער און פּאָעמעס״ געפינען מיר אַלע לידער וואָס דער דיכטער האָט געשריבן ביזן יאָר 1949. אַ באַזונ־דער שטאַרקן רושם לאָזט איבער אויפן לייענער די סעריע לידער „מיידאַנעק״, לידער פון „צער און צאָרן״; זיי ווירקן שטאַרק מיט זייער פּשטות, מיט וועלכער וויינשטיין צייכנט זיך תמיד אויס, אַ פּשטות וואָס פאַרמאָגט די תמימות פון תחינה־נוסחן, ביי וועלכע דורות יידישע מאַמעס האָבן געוויינט און געקלאָגט. בעתן לייענען די „מיידאַנעק־לידער״, אין וועלכע וויינשטיין קלאָגט אויפן קול, אויפן גרויזאַמען חורבן, זעט מען פאַר זיך דאָס בילד פון יידישע קינדער, אין די בתי־מדרשים תשעה־באב ביי די קינות, וואָס ווערן דורכגענומען, דערשראָקן ווען די טאַטעס און זיידעס זאָגן איכה מיטן וויינענדיקן ניגון. בעתן לייענען די חורבן־לידער זעען מיר די טרערן אין די אויגן פון יידישע קינדער ביים פלאַם פון קליינע ליכטלעך אין הויז פון אַן אָבל ווען יתומים וויינען:

אָנגעצונדן האָט מען מיין שטאָט און פאַרצערט.
ס'איז נישט אַזוי רומעניע, פּוילן צי בוקאָווינע,
ווי די טויטע יידן וואָס גליווערן אין יענער ערד;
די ר' הירש יעקבס און די ר' שלמה לייבעלעך:
די טרעגער־יונגען, און די וואָליע־יונגען, —
ס'איז נישט אַזוי עסטרייך, אונגאַרן, צי אוקראַינע,
ווי די בתי־מדרשים, די פאַרשוועכטע ספר־תורות:

די מזרח־וואַנט — דאָס ארון־קודש און דאָס פּרוכת,
די בראָנדזענע לייבן, וואָס שפּאַרן אויף די לוחות...

דאָס זענען ווײַ־געשרייען אין דער נאַכט. ס'איז דאָס געוויין פונעם היינטיקן ייִד, דעם ייִדן פון נאָך מײַדאַנעק, וואָס „האָט נישט נאָך וואָס צו בענקען היינט"...

✶

אין אַלע לידער־ביכער פון בעריש ווײַנשטיין — פיגורירט די פרומע געשטאַלט פון דער באָבע חנהלע. שוין אין ערשטן בוך לידער, „ב ר ו כ ו ו אַ ר ג", ווידמעט דער דיכטער דער באָבען צוויי לידער:

„ווייסער שבת האָט אָפּגענומען ס'תהילימדיקע וואָרט פון דײַנע ליפּן",

— טרויערט ער אויף איר טויט. — „ד י פּ אַ ר ח ל ו מ ט ע ב ע נ ק ש אַ פ ט" — שרײַבט ווײַנשטיין אין זײַן אַרײַנפיר־וואָרט צום בוך — „האָט פון קינדוויַיז אָן אין מיר אײַנגעפלאַנצט די באָבע חנהלע, וועמעס געשטאַלט עס גייט מיר נאָך עד־היום און וועמעס תהילים־טרערן האָבן אויף מיר געלאָזט אַ טיפע השפעה".

די דאָזיקע השפעה איז שטאַרק קענטיק, גאָר באַזונדערס, אין דער פּאָעמע „אין דוד המלכס גיטער". די באָבע חנהלע וואַקסט דאָ אויס ממש ווי איינע פון די הייליקע אמהות, און איר פרומער אָנדענק העלפט דעם דיכטער צוריקגיין דעם שפּאַן־וועג צו די אייגענע קינדער־יאָרן, און אויפצולעבן די געשטאַלט פון דעם ח ד ר ־ י י נ ג ל וואָס דערציילט אונדז אין ליד די אַלע רעמינעסענצן און מעשות פון רײַשע און פון ניו־יאָרק, פון צפת און פון ירושלים די עיר־הקודשה. אין זכות פון דער באָבע חנהלעס „א ו י ס ג ע ־ ד אַ ו ו נ ט ע ר ו י ט ע א ו י ג ן";

„זעגלט ס'ייִנגל איצט אַרײַן אין חנהלעס לאַנד".

„ח נ ה ל ע ס ל אַ נ ד". ווײַנשטיינס באָבע־געשטאַלט איז, דוכט מיר, איינציק אין דער ניי־ייִדישער פּאָעזיע. אַלע שענסטע

פרום־ייִדישע מידות שענקט ער איר אָוועק. ס'איז זי, די באָבע חנהלע, — מיט איר טײַטש־חומש, מיט אירע טרערן וואָס זענען געבליבן אין די געלע בלעטער פון איר צאינה וראינה, — וואָס גיט כח דאָס אייניקל צוריקצוגיין, מיטן חדר־לאָמטערן אין האַנט, אין לאַנד פון די אָבות.

די ביכער „ריישע", „אַמעריקע" און די פּאָעמע „אין דוד המלכס גיטער" קומען זיך ערגעץ צונויף, נישט געקוקט אויף אַ טייל עפּיזאָדן וואָס ווערן איבערדערציילט און וואָס קומען אונדז פאָר באַקאַנט פון די פריערדיקע פּאָעמעס. מיר דערקענען זיי, די משפּחה־געשטאַלטן; דעם פעטער ברוך וואָס איז אַוועק נאָך הבדלה קיין צפת; די חדר־ייִנגלעך אין ריישע, דער פעטער זבולון, און אַנדערע שטעטל־געשטאַלטן וואָס האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל. די דאָזיקע אָפּט־באַריכותדיקע בילדער פון אַמאָליקן ריישע זענען דאָך אייגנאַרטיק, און קומען פון אייגענעם קוואַל. אין דעם ייִנגל פון ריישע, וואָס וואַנדערט אויס קיין אַמעריקע און וואָס קומט ערשט שפּעטער, נאָך יאָרן זיין אין דער פרעמד, צוריק אַהיים „אין לאַנד כנען", — אין דעם דאָזיקן ייִנגל קומען זיך צונויף די הונדערטער, הונדערטער ייִדישע חדר־ייִנגלעך נישט בלויז פון ריישע אַליין;

„פון וואַנען בין איך?
איך בין פון שבט גלות.
פון די נעכט, פון די לאַמטערנס
פון די אויסגעשטערנטע שנייען־סדרות".

די ייִדישע פּאָעזיע איז רייך אין ביבלישע מאָטיוון. און מיטן אויפקום פון דער ייִדישער מדינה האָבן זיך געעפנט נייע קוואַלן פאַרן ייִדישן פּאָעט.

דער חומש גופא, און אויך ווײַנשטיינס נאָכגיין די חומש־מעשות — און אַנדערע טיילן פון די נביאים און כתובים, — זענען דעם דיכטערס אייגן־פּאָעטישער פּאַרמעסט, דורך דער זעונג פון דעם ייִדישן חדר־ייִנגל, וואָס האָט דורך אַלע גלותן געלעבט מיט די תנ"ך־געשטאַלטן, און געזען זיי אויפן וואָר:

— „וואָס האָסטו געלערנט הײַנט, בעריש?
— הײַנט האָט דער קנעכט גענומען
צען פֿון די קעמלען פֿון זײַן האַר
און איז גאַנץ פֿרי אויפֿגעשטאַנען
קיין ארם־נהרים אַרויסגעגאַנגען".

ארם־נהרים איז פֿאַרן חדר־ייִנגל געווען נישט עפּעס אַ ווײַטע מדינה, אַ פֿאַרצײַטישע, נאָר אַ שכנותדיק ייִדיש שטעטל. און אליעזר דער קנעכט — אַ באַקאַנטער ייִד. אַ שדכן; און רבֿקה „מיטן הויכן בלאָנדן קרוג אויפֿן אַקסל" — אַ חנוודיקע ייִדישע טאָכטער, וואָס שטייט אין שידוכים, אויך בײַם ייִנגל, נישט בלויז בײַ אליעזרן, — „האָט רבֿקה שיין אויסגעזען"... אין מדינת־ישׂראל דערקענט מען די נאָענטע געשטאַלטן. די ירושלימער ייִדן, וואָס פֿלעגן אַרומפֿאָרן איבער ייִדישע שטעט און שטעטלעך: „יאָ, ער איז דאָ — דער געלער, ירושלימער ייִד".

„אפֿשר איז ער פֿון די תּנאים פֿון פּרקי־אָבֿות,
וואָס איז צום ייִנגל געקומען יעדן תּמוז־שבת,
און מיט אַ נאָכמיטיק לאַנג געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט —
אפֿשר איז ער בן־זומא פֿון יענעם פֿאַרנאַכט,
ווי דעמאָלט, אין די גרינע ריישער טאָלן"? — — —

ארץ־ישׂראל און — ריישע. בילדער פֿון ייִדישן שטעטל און פֿון נײַעם ארץ־ישׂראל מישן זיך צונויף. דאָס פֿאַרהײַנטיקן, און דערנענטערן צו אונדזערע טעג, די געשטאַלטן פֿון תּנ"ך איז גע־בליבן דער סימן־מובהק אין די אַנאָנימע ערשטע אָנהייבן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. אַזוי פֿונעם „שמואל־בוך" ביזן הײַנ־טיקן טאָג. און יעדער ייִדישער דיכטער וואָס האָט באַהאַנדלט וועלכן עס איז תּנ"ך־מאָטיוו האָט געזען די ביבלישע געשטאַלטן אין אייגענעם בילדלעכן פּירוש. און אויך ווײַנשטיינס „אין דוד המלכס גיטער" האָט פֿאַרהיימישט מער ווי איין פּרשה־חומש, מער ווי איין ביבלישע געשטאַלט, אין הײַנטיק־לעבעדיקע בילדער.

ווײַנשטיינס אויפֿנעמען די חומש־מעשׂות, זײַן איבערדערציילן

אין לידער־שורות די מעשות פון בראשית צייכענען זיך אויס מיט זייער פשטות. ער פאַרבילדלעכט מיט זיין וואָרט דאָס פאַנ־טאַסטישע זען פון יידישן חדר־יינגל, בעתן לערנען די פרשה פון דער וואָך. איצט, ווי אַ דערוואַקסענער, ביים שפּאַנען, אין היינטיקן ישראל, אויף די וועגן און שטעגן — קומען אים ווידער אַנטקעגן יענע פאַנטאַסטישע זעונגען פון די קינדער־יאָרן:

אין קאַפּיטל „אַ הויפן־זאַלץ" זינגט ווײַנשטײַן וועגן אַמאָ־ליקן און היינטיקן סדום:

„סדום, ביסט וואָר,
ביסט נישט אַ מעשה, ביסט נישט אַ חלום,
ביסט פאַרזאַלצן ווי גלאָז, ווי פראָסט,
פאַרשטיינערט ווי שטיקער ווייב פון לוט.
פון צו פיל זאַלץ ביסטו געוואָרן בערג,
וואָס שפּריצן מיט זון און מיט בלענד.
ביי נאַכט לייכט שוועבל פון די פעלדזן.
שטיל ווי טויט, שטייט דער ים־המלח
מיט אַזאַ תוהו־ובוהו
ווי בראשית וואָלט זיך אָנגעהויבן דאָ.
נישטאָ קיין פליגלדיקע באַשעפעניש
נייערט שוואַרצע הימלען היישעריקן
טראָגן זיך הויך צו פעלדער, קרייטעכער
ווייט איבער די הרי־מואָב צום חומש".

פאַראַן אין דעם טייל פון דער פּאָעמע וועגן סדום אי די חומש־מעשה, אי דעם פּאָעטס אייגן זען דאָס איצטיקע בילד פון ים־המלח. דאָ אַנטפּלעקט זיך ווײַנשטײַנס דיכטערישער כוח פון אָנהויפּן בילד נאָך בילד, ווי ער וואָלט מיט די הענט אויס־געטעסעט פון שטיין געשטאַלטן מאַסיווע צום לעבן זייער אייגן לעבן. בעתן לייענען די פּאָעמע האָט מען אָפט דעם איינדרוק ווי מען וואָלט זיך געפונען אין אַן אַטעליע פון אַ סקולפּטאָר. אויך דאָ אַנטפּלעקט זיך ווײַנשטײַנס עפּישער כח פון שילדערן קעגנשטאַנדן, פון באַלעבן שטיקער ברוכוואַרג, שטומע דוממס, יעדער מיט זיין אייגענער צורה. דאָ און דאָרט נאָר שטויסן מיר זיך אָן אין בילדער־

פיגורן וואָס דער דיכטער־שילדערער האָט נאָך נישט באַוויזן רעכט צו פאַרענדיקן, און זיי, די דאָזיקע אָנגעהויפטע בילדער־פיגורן, בעטן זיך ממש און וואַרטן אויף דער האַנט פונעם שעפער ער זאָל זיי אויסטאָן פון זייער חומר און אַריינגעבן אין זיי אַ מער לעבעדיק־קינסטלערישן אָטעם. אָבער אין יעדן קאַפּיטל פון דער פּאָעמע פילט מען דאָס דיכטערישע אויג, די זעונג פון דעם פּאָעט, וועלכער איז ווי פאַרבליפט פון דער אַלטער און נייער שיינקייט וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אים אין די פליינען, אין די פעל־דער און שטעט פון אַלט־נייעם יידישן היימלאַנד:

„אַלע זאַכן אויף די פעלדער קיין סדום,
זעען אויס ווי פאַרבליבענע פון חומש.
עס לויפן־אויף אויסגעוואַקסענע בערג,
ווי פון פראָסט, ווי פון שניי פאַרפרוירן.
אַ פאַרבליבן שטיק מענטש פון גאָטס יאָרן
שטייט פאַרשטיינערט אין וועג, ווי לוטס ווייב".

✶

ווי שוין פריער דערמאָנט ווערן אין דער פּאָעמע אויך געשיל־דערט דאָס היינטיקע ישראל מיט אירע בויער און קעמפער — די אַמאָליקע אידעאַליסטישע חלוצים. דער דיכטער האָט דערקענט זיינע נאָענטע חברים און קרובים — די איצטיקע „ותיקים", וואָס האָבן פאַרלאָזט פוילן אין די יאָרן נאָכן ערשטן וועלט־קריג און אַוועק קיין ארץ־ישראל בויען דאָס לאַנד. וועגן האָבן זיי צעשיידט. זיי — די חברים אין ריישע — זענען אַוועק קיין מזרח, און ער, דאָס ייִנגל מיט זיינע חלומות, איז אַוועק גלותן אין ניו־יאָרק אויף די גאַסן פּיט, ריווינגטאָן און סטענטאָן. וויינשטיין שילדערט זיין באַליבטן העלד, סאַנע, — דעם קעמפער און בויער, — וועמען ער געדענקט פון די חדר־יאָרן אין ריישע. דורך סאַנע דעם חלוץ, און זיין זון עזרא, דעם סאַברע, גיט וויינשטיין דאָס בילד פון אַלטן און נייעם דור אין היינטיקן ישראל. „ש ט ע כ י ק ע פ ל אַ נ־צ ן" הייסט דאָס דאָזיקע קאַפּיטל, וואָס דריקט אויס אי די פרייד, אי דעם טרויער פון די וואָס האָבן נאָך נישט די זכיה צו לעבן ווי יידן אין דער יידישער מדינה; פון די, וואָס קומען בלויז

אַ קוק טאָן אויף דעם אַלט־בויענדיקן לאַנד און מוזן צוריקפאָרן גלותן ביים ברעג פון האָדסאָן ;

„לאָז מיך נישט טרויעריק זיין אויף מיין ערד,
ארץ־ישראל.
פאַרשעמט מיך נישט, איר סאַברעדיקע יונגען־מיידן !
שיין זענט איר טעכטער, זינגעווודיק זענט איר זין
ווי דאָס געזאַנג פון שלמה המלכס עין־גדי !
אָ, נישט שפּאָט פון מיר — אייער גלות־יינגל !
פון ערד צו ערד,
פון ים צו ים,
האָב איך צו אייך געצויגן
צו זיין היימיש אין אייערע קיילעכדיקע אויגן".

אין דער פּאָעמע ווערן פאַראייביקט די ראַנגלענישן, די בלוטיקע מלחמה פרן אייגענעם „אויסגעוויינטן שטיקל ארץ־ישראל": „אַ ציטערדיקער" — דערמאָנט אונדז דער דיכטער, „מיטן חומש אין האַנט האָב איך אַלע טאָג איינגענומען אַ פרשה לאַנד". מיטן כח פון אַ פרשה־חומש, געלינגט ווײַנשטיינען אויך איבערצוגעבן דאָס פרײדיקע בילד פון היינטיקן ישראל. ס'איז זיין אייגן חומשל, זיין אייגן איבערזאָגן און איבערזינגען די מעשות פון תנ"ך: — איך קום פון פדן ריישע ופדן ניו־יאָרק" — לאָזט ער וויסן דעם יינגל פון צפת ; „אָ קוק נישט וואָס מיין קאָפּ איז גראָ, יענער ואָני אין אין מיר דאָ". נישט ער אַליין איז צוריקגעקומען אַ היים אין לאַנד פון די אבות. מיט אים ביינאַנד זענען צוריקגעקומען די צענדליקער פאַרבענקטע דורות אין אַלע גלותן ; „דורך אַלע אומות, דורך אַלע גויישע שלעק, בין איך אַלע ווינטער קיין חרן געגאַנגען דורך שרעק".

די שענסטע קאַפּיטלעך אין דער פּאָעמע זענען די לידער צו צפת און ירושלים. אין זיין געזאַנג צו דער קבלה־שטאָט זוכט ווײַנשטיין די שפורן פון זיין פעטער ברוך דעם מקובל וואָס איז אַוועק אין אַ שבת צונאַכטס נאָך הבדלה צו רוען אין דער פרומער ערד פון צפת. אין אַן אַנדער ריטעם, אַ מער געלייטערטן זינגט ווײַנשטיין זיין ליד צו צפת. אין עקזאַלטירטע רייד, אין חסידישער

התלהבות, גייט אויף דאָס געזאַנג צו דער דורותדיק־פּאַרהייליקטער שטאָט:

„איך גיב דיר צפת
דאָס געזאַנג פון אזמר בשבחין
ביים וויין פון רבון כל העולמים".

פאַראַן דאָ אין די לידער צו צפת, די פאַרחלומטע, שטילע התלהבות, וואָס חסידים פלעגן, מיט אין דבקות פאַרשלאָסענע אויגן, אויסברומען זייערע זמירות אין די טונקעלע שבת־פאַרנאַכטען, ביים שלוש סעודות, אין די חסידים־שטיבלעך: — „דורות האָבן מיך געשטויסן צו דיר" — רופט ער אויס — „צו דער גרויגרינער שול פון אר"י הקדוש". אין די שטייגנדיקע געסלעך פון צפת הערט דער דיכטער די קלינגענדיקע קולעכלעך פון יידישע יינגלעך וואָס לערנען תורה:

„עפּעס אַזאַ פאַרליישטער אומעט, לויכט פון דיר,
פון אַלע מקובלים, וואָס זיצן אין דיין געצעלט,
און גייען אַרום ווי מעשהס איבער דער וועלט".

אפשר דאַרף קומען אַ ייד פון גלות־ניו־יאָרק, אַ ייד מיט זיין לעכצן און בענקען נאָך ציון, בכדי צו דערמאָנען דעם נייעם סאַברע־דור אין ישראל וואָס צפת מיינט אין דער יידישער מסורה. אפשר דאַרף קומען אַ יידישער דיכטער פון די תפוצות וואָס זעט צפת אין חלום — אין איר הערלעכן ליכט דעם אייביקן; וואָס זעט די שטאָט פון די מקובלים אין דער טראַדיציע פון די, וואָס האָבן מיט „צ י ו ן ה ל א ת ש א ל י", אויף זייערע ליפּן, אין לויף פון יאָרהונדערטער, און שפּעטער מיט געזאַנג פון ביאַליקס „אל הצפור", אויסגעדריקט זייער בענקשאַפט נאָך ציון.

אין וויינשטיינס „א י ן ד ו ד ה מ ל כ ס ג י ט ע ר" הערן מיר דעם עכאָ, דעם וווּנדערלעכן המשך פון דעם דאָזיקן בענקענדיקן געזאַנג צום אַלטן און נייעם ארץ־ישראל. ס'איז אַ פּאָעמע וואָס שיקט אַ לויב צו די אַלטע „מ י ד ע ב ו י ע ר" פון דער יידישער

מדינה, די „פּאַרגרויסטע יונגע טאַטעס״ און זייערע זין און טעכטער פון הײַנטיקן ישראל.

אין דעם בוך „באַשערטע לידער״, געפינט מען דעם גוטן המשך פון בעריש ווײַנשטיינס פריערדיקע לידער־זאַמלונגען: פון די ביכער „רײשע״ און פון „אין דוד המלכס גיטער״. ווײַנשטיין געהערט נישט צו די דיכטער וואָס זיינען קאַרג אויף לשון. אים איז טייער דער: „ברוך אדושם יום יום״, די טאָג־איין, טאָג־אויס איבערלעבונגען, און ער מיידט נישט אויס אונדז איבערצוגעבן די שטימונגען זיינע, דעם „געמיט פון ליד״, נאָך איידער דאָס ליד איז געשאַפן געוואָרן. איינס פון די זיבן אָפּטיילונגען אין בוך טראָגט טאַקע דעם נאָמען: „געמיט פון ליד״. פאַראַן נאָך אַן אָפּטיילונג אונטערן נאָמען: „לידערוואַרג״. קענען מיר טראַכטן, אַז אפשר איז עס ווייט נישט קיין געלונגענער נאָמען פאַר דער דאָזיקער באמת־גוטער סעריע לידער. אָבער פאַר דעם דיכטער איז דער נאָמען העכסט כאַראַקטעריסטיש. דאָס זיינען לידער־תפילות, אין וועלכע ווײַנשטיין בעט, ווי צום שׂר פון דיכטונג:

„לאָז מיך מיט די זאַכן וואָס באַשאַפן דאָס ליד,
גיב מיר די הימלען, די וואַסערן, דאָס ערשטע ליכט
מיט גאָטס אַלע זעקס טעג פון בראשית.
נאָר אויף דעם זיבעטן טאָג וועל איך רוען
אין די סדרות פון האַרבסט, אין שבת פון „ברכו נפשי״,
און ווידעראַמאָל זיך אומקערן צום ווערן פון ליד״...

„צום ווערן פון ליד״. די תפילה פון לאָזן אים „מיט די זאַכן פון ליד״, איז, משמעות, אים דערהערט געוואָרן. דעם דאָזיקן איינדרוק האָבן מיר בעת מען לייענט זיך אַריין טיפער אין דעם שפּעדיקן בוך לידער, דער עיקר אין די לענגערע פּאָעמעס. זיי זיינען די העכערע שטאַפּלען צו וועלכע דער דיכטער איז דערגאַנגען, און אויף אַן אמת אונדז געלאָזט דערפילן זיין לויב צו: „די הימלען, צו די וואַסערן, צום ערשטן ליכט פון גאָטס באַשאַף״. ווײַנשטיינס חומש־מאָטיוון האָבן דערהויבן דאָס ליד

זײַנס צו אַן אײגענעם נוסח, און צו זײַן זעכציקסטן געבױרן־טאָג איז באַזונדערס אָנגענעם דאָס צו דערמאָנען.

דער גרױסער דיכטער װידמעט אַ צאָל לידער די משפּחה־געשטאַלטן, די חסידישע פֿעטערס זײַנע פֿון דער שטאָט רײשע, אין דער אַמאָליקער, — איצט חרובער, — גאַליציע, װי די באָבע חנהלע — צו װעלכער ער קערט זיך אום אין גרױס ליבשאַפֿט — זײַנען איצט, אין דעם באַנד „באַשערטע לידער״, פֿולער, בולטער געצײכנט, מיט דער באַקאַנטער רחבותדיקער פּען, װאָס איז אַזױ אײגן דעם פּאָעט.

בעריש װײַנשטײן געהער צו די דיכטער, װאָס טראָגן מיט זיך מיט די הײם, די ערד פֿון װאַנען זײ קומען. און אױך דאָ, אין דער נײַער הײם אַמעריקע, זוכט װײַנשטײן רק דאָס ע ר ד י ־ ש ע און פּ אַ ר װ אָ ר צ ל ט ע. און װי משה נאַדיר, א. ראַבאָי, י. י. שװאַרץ און יעקב גלאַטשטײן — צו דערמאָנען בלױז געצײלטע נעמען פֿון ייִדיש־אַמעריקאַנער דיכטער, — װאָס האָבן אין זײערע װערק אַריבערגעטראָגן די הײם פֿון זײער יוגנט און קינסטלעריש דערגאַנצט מיטן בילד פֿון ייִדישן לעבן דאָ־הי, — אַזױ איז װײַנשטײן אױך ממשיך די דאָזיקע טראַדיציע אין זײַן דיכטונג.

װײַנשטײן האָט זיך באַמיט אין זײַנע לידער צו פֿאַרהײ־מישן, געבן אַ באָדן אונטער די פֿיס, די אַלע הערלעכע ייִדישע גע־שטאַלטן פֿון זײַן רײשער הײם. װי נאַדיר אין זײַן „ריװינגטאָן סטריט״, האָט װײַנשטײן באַװיזן דעם קינסטלערישן קפֿיצת הדרך אין די פּילצאָליקע נאַראַטיװע ליד־פּײזאַזשן. און צו די ייִדישע געסלעך פֿון דער אַמאָליקער איסט־סײד: פּיט, סטענטאָן, ריװינגטאָן און עסעקס, װאָס דער דיכטער געדענקט אַזױ װויל, איז איצט, — אין דעם באַנד „באַשערטע לידער״, — צוגעקומען די נײַע נעמען פֿון די שטעטלעך אין לאָנג אײלאַנד, קװינס, בעי־סאַיד און פֿלאָשינג, װוּ די יונגע ייִדישע דורות האָבן לעצטנס געפֿונען זײער הײם; — „אַרױף־צו־צו״ — לאָזט דער דיכטער אונדז װיסן:

„נישט ווייט פון דאַנען,
וווּ עס זײַנען עטלעכע גרינע שטערן פּאַראַנען,
געפינט זיך די נחלה פון מײַנע זין
מיט די קינדער פון זײ״...

די „גרינע שטערן״ אין הימל הויך זײַנען אויף עפּעס מרמז; זיי דריקן אויס די בענקשאַפט צו דעם יונגן דור וואָס פרעמדט זיך אָפּ פון אונדז אַלץ מער. די ערד פון לאָנג איילאַנד איז פון דיכטער באַצייכנט אויך ווי אַ „הייליק אָרט״, מחמת דאָרט, אין לאָנג איילאַנד, געפינען זיך, אין שכנות, די קברים פון טאַטע־מאַמע.

דאָס בוך „באַשערטע לידער״ האָט גריילעך געקענט טראָגן דעם נאָמען „פון פלאַשינג בעי — ביזן ים כנרת״. ווייל אויך דאָ, אין די שטעטלעך פון קווינס, גייט נאָך דעם דיכטער דער חלום פון די חדר־יאָרן, די געשטאַלט פון דעם „ייִנגל״ וואָס וואַנדערט אויס אין דער גרויסער וועלט, און וועמען עס באַגלייטן תמיד די שטעט צפת, ירושלים, חברון, טבריה, און דער ים כנרת:

„אויב איך וועל דיך פאַרלאָזן, לאָנג איילאַנד,
אַוועק פון טאַטע־מאַמעס לײַם אין מאָונט חברון —
וועט עס זײַן פאַרן טבריהער טאָל, פון מאיר בעל הנס,
פאַרן פעטער ברוך וואָס איז אַוועק שטאַרבן אין צפת״ —
— — — — — — — — — — — — —
„אויב איך וועל דיך פאַרלאָזן זוניקער האָדסאָן,
וועט עס זײַן פאַר די שנירלעך וואַסערן פון ירדן,
פאַרן אומעטיקן זילבער פון שפּיגלדיקן כנרת״.

ווײַנשטיינס ליד האָט זיך שטענדיק גענערט פון די חומש־מעשיות. די יידישע פּאָעזיע איז רײַך אין ביבלישע מאָטיוון. און מיטן אויפקום פון דער יידישער מדינה האָט זיך געעפנט ממש אַ נײַער קוואַל פאַרן יידישן פּאָעט. בעתן לייענען ווײַנשטיינס נייעס בוך האָבן מיר זיך דערמאָנט אין דער ערשטער נסיעה וואָס שלום אַש האָט געמאַכט קיין ארץ־ישראל, און די „ביבלישע מעשות״ וואָס ער האָט געשריבן, קומענדיק צוריק אַהיים קיין פּוילן.

אַשס „ביבלישע מעשות“, האָט ש. ניגער טרעפלעך באַצײכנט, אַז זײ זײנען אין תוך: „מ ע ר אַ ש װ י ב י ב ל“, פּונקט אַזױ װי איציק מאַנגערס „חומש־לידער“ זײנען מ ע ר מ אַ נ ג ע ר װ י ח ו מ ש, — עס איז דעם דיכטערס אײגן זען די חומש־געשטאַלטן.

װײַנשטײן האָט אין דעם בוך אַ גרױסע צאָל לידער צו אַמעריקע אין װעלכע ער דריקט אױס זײן באַװוּנדערונג צו דער שײנקײט פון דער אַמעריקאַנער לאַנדשאַפט, אָבער דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל, װאָס דאַרף, בײ אַן אַנדער געלעגנהײט, אױפ־גענומען װערן. אַ ביסל שטערן אונדז אין דעם בוך די דאָזיקע גוטע, עכטע אַמעריקאַנער מאָטיװן — װי, אַ שטײגער, דאָס זעלטן גוטע ליד צו ראָבערט פראָסט, און צענדליק אַנדערע נאַטור־לידער, בעת מען װיל אַרױסהױבן בלױז דאָס דװערנדיק־ייִדישע פון זײן דיכטונג.

✶

פאַראַן אין װײַנשטײנס לידער אַ װוּנדערלעכע פּשטות פון אױסשמועסן זיך, פון דערצײלן און איבערדערצײלן, װי דער דיכטער װאָלט כסדר געזוכט צו געפינען דעם געװוּנטשטן, פּאָע־טיש־שפּראַכלעכן לבוש פאַר דער שפע פון בילדער, געשטאַלטן, ייִדישע און נישט־ייִדישע, װאָס װײזן זיך אים אין חלום און אױפן װאָר. אָפט — און װײַנשטײן הײבט אָן אַ ליד פון אינמיטן. װי אַ חלום װאָס האָט נישט קײן אָנהײב און קײן סוף:

„...מײן נישט אַז מיט דער זון אין דער פרי
איז נישט די זעלבע זאַך
װי מיט דער זון פאַרנאַכט“.

אָדער:

„אײן זאַך מיט לאָנג אײלאַנד,
זעסט אין ערגעץ נישט אין ניו־יאָרק
אַזעלכע פרישע האָפּערדיקע װײטן
װי דאָ, אין בעי־סאַיד, גאַנץ פרי“.

די דאָזיקע געמיטלעכע שמועסן אין ליד; אין געמיט פון אַ געבענטשטער תמימות; די איבערחזרנדיקע, אױטאָביאָגראַפישע

משפחה־בילדער פון דער היים, פון די גרינע יאָרן דאָ אין לאַנד, זײַנען געוועז, משמעות, אַ מין הקדמה צו די לענגערע פּאָעמעס. אין זײ — ווי אין דער „באַלאַדע פון טרויעריקן וואַלד", „פון טאַטנס געצעלט" — קומען זיך אין דעם בוך צונויף, אין אַ זעל־טענער שלימות, די אַלע איבערלעבונגען פון דעם „ייִנגל" אַמאָל אין רײשע, ביז די אומעטיקע טראַכטענישן פון דעם איצטיקן ייִדן, וואָס רעדט צו די זין, אברהם און משה, דערציילנדיק זײ פון זײַן יחוסדיקן שטאַם.

די לידער צום ייִנגן דור, אין וועלכע דער דיכטער שמועסט זיך אויס, ייִדיש־היימישלעך, פאַרמאָגן די ציטערנדיקע שרעק פאַרן מאָרגנדיקן ייִדישן לעבן דאָ אין לאַנד. „מײַנע אייניקלעך" — שרײַבט ווײַנשטײן בתכלית הפשטות, — „וועלן נישט וויסן פון זייערע זיידעס":

„כ'באַדויער נישט זיך,
נאָר די אייניקלעך פון לאָנג אײַלאַנד,
וואָס וועלן אויף תמיד זײַן אָפּגעפרעמדט
פון אייגענעם שטאַם,
נישט וויסן, נישט פאַרשטיין.
כ'זאָג עס צום ווײַפּלטן מאָל" — — —

נאָך די חסידישע אידיליע־בילדער פון די שבת־צונאַכטן, ווען פון די „שאַבן־שענקלעך" האָבן געבליאַשקעט שטיקער זילבער אין די אויגן; ווען אליהו הנביא, אליהו התשבי „איז אויך געווען דערביי", — קומען איצט צום דיכטער גאָר נישט קיין פריילעכע רעיונות, ווען ער בלײַבט אַליין מיט זיך, אין די נײַע מקומות אין קווינס. דאָ איז ווײַנשטײן זיך מצרף צום הײַנ־טיקן ייִנגערן דור ייִדישע דיכטער. אַ טרויעריקער פרעגט ער:

„ווער וועט דאָ אַרבן
אין די וואַלד־פאַרוואַקסענע שטעטלעך בײַ העמפּסטעד?
ווו ס'זײַנען וויסט די שבתים, די זונטיקס, די וואָכן?
— — — — — — — — — — — — —

בלאָנד־ברונעטע אייניקלעך, ווו ווער דאָס אַלץ אַהינקומען,
אַז פֿאַרענגלישט איז אייער הויז־געזינד, אייער נאָמען?

און אַ בקשה שיקט ער צו די זין, משה און אברהם: „זאָגט זיי" — בעט ער זיך:

„אַז צוויי פֿון אייערע זיידעס, באַבעס
שלאָפֿן אין חלום
דאָ נישט ווייט אין קווינס אויפֿן בית־עולם
אפֿשר וועט איינער וואָס טראָגט זייער נאָמען
אין זיי זיך דערמאָנען, אַ מאָל אַהינקומען
אַ קוק טאָן בלויז אויף זייערע יידישע אותיות
אין אייביקן וואַלד פֿון פֿאַרשטיינערטע דורות".

די היים־דערמאָנונגען פֿון ריישע, דאָס באַזינגען די אַמאָ־ליקע שבתים און יום־טובֿים, פּירט דעם דיכטער צו די יידישע גאַסן אין הײַנטיקן וויליאַמסבורג, צו די חסידישע יידן אין „סאַראַטאָגאַ ספּרינג", וואָס דערמאָנען אים אין אַמאָליקן „קאַרלסבאַד". ווײַנשטיין דערפֿרייט זיך ממש ווען ער זעט די פֿרומע יידן דאָ אויף די שפּאַצירן, אָנגעטאָן ווי די פֿעטערס זײַנע, אין דעם גאַליציש־חסידישן טראַכט: אין די בעקעשעס אויפֿן טערקישן טלית פֿאַרוואָרפֿן, ווי אין ליד: „אַ בליאַשק יידן"; „זייערע בערד" — רופֿט ער אויס אין התפּעלות, — „פֿרישן אויף די היגע ערד". אין אַמעריקאַנישן סאַראַטאָגאַ ספּרינג, פֿילט ער, ווי נאָר אין חלום „קען אַזעלכעס געשען". און אויך מיר ווערן טיף באַווירקט פֿון די דאָזיקע חלום־בילדער אין סאַראַטאָגאַ ספּרינג — פֿון די יידן־געשטאַלטן, ווי נישט פֿון הי.

אַ באַזונדער שטאַרקן אײַנדרוק מאַכן די גרויסע צאָל ישׂראל־לידער. אין יעדער אָפּטיילונג פֿון בוך געפֿינט מען זיי, — די טרייסטנדיקע, פֿריידיקע געזאַנגען צום אַלטן און הײַנטיקן ארץ־ישׂראל. „כ'וואָלט געקענט זאָגן" — שרײַבט ווײַנשטיין — „כ'בין געווען אין ארץ־ישׂראל כמעט, ווען כ'וועק זיך נישט אין מיטן חלום בײַ נאַכט".

ווײַזט אויס, נישטאָ קיין אַנדער חלום, קיין אַנדער פֿרייד, פֿאַר אַ יידישן פּאָעט אין די איצטיקע טעג.

צבי שטאָק

יידישקייט אין ווײַנשטיינס ליד

לאָמיך דאָ אַוועקשטעלן בעריש ווײַנשטיינס אייגענע, אָרי־גינעל־אַרויסגעזאָגטע ווערטער וועגן ליד: „מיר פילן זיך גוט, אַז עס שײַנט פאַר אונדז אַן אויסגעוואַקסן פאַרב־ליד, וואָס פירט אונדז אַרײַן אין מהות פון דיכטערס פאַנטאַסטיש־וואָרער וועלט, ווו דער מין מענטש פילט זיך גאַנץ און נישט פאַרשעמט. די מאָס: — מ׳ווערט פון אַזאַ וואָרט־שאַפונג באַצווינגען אומצו־קערן זיך פון דאָס נײַ צום עכטן געניוס און פון דאָס נײַ זיך זעטיקן דערמיט".

און נאָך איין זאַץ ווײַנשטיינס וועגן ליד: „דער עיקר גייט דאָ אין ריין־דיכטערישן אויסגוס; די פּאָעזיע דערפון פאָרמירט זיך שוין פון זיך אַליין, אין איר אייגענעם נאַטירלעכן לויף, און שטעלט־אויף פאַרן געניסער דעם „יהי אור" פון לאַנדשאַפטן, באַשעפענישן, טרויער א.א.וו., אַלץ וואָס „מעשה־בראשית" האָט האָט איינגעפּרעסט אין דער לעבעדיקער און שוויַיגנדיקער וועלט".

(פון ווײַנשטיינס „וועגן ליד און סביבה", 12 אַפּריל, 1964).

כ׳האָב בכיוון געבראַכט די צוויי ציטאַטן פון בעריש ווײַנ־שטיינס אַן עסיי וועגן ליד, כּדי אַרויסצופירן דעם לייענער אין אין דעם ספּעציפישן „נ ו ס ח ־ י י ד י ש", אין אַנדערע ווערטער, אין דעם „פּ י נ ט ע ל ע י י ד", וואָס איז באַוווּסטזיניק און אומ־באַוווּסטזיניק, נאַטירלעך, און צו מאָל אַפילו איבערנאַטירלעך, אַרײַנגעפּרעסט און גאָר בולט איינגעפונדעוועט אין בעריש ווײַנ־שטיינס גאַנצן שאַפונגס־גאַנג אין אונדזער נײַ־יידישער פּאָעזיע — און איך וואָלט אַפילו געוואַגט צו זאָגן — אין זײַן אינטימען פּאָ־עטישן מהות.

בעריש ווײַנשטיינס י י ד י ש ע ליד האַלט־אויס דעם אמתן

פרווו פון אַלע אייביקייטן, ווייל ס׳אַנטהאַלט אין זיך די נאַרונגען און עסענצן פון עכטער יידישקייט, אין וועלכער ער, דער דיכטער, איז טיף איינגעוויקלט און אַרומגעהילט, וואָרעם מיט זיין גאַנצן אַלגעמיינעם אורבאַנישן באַנעם, מיט זיין גאַנצן מאָדערנעם סע־קולער־וועלטלעכן און אוניווערסאַל־פּאָעטישן אַריינבליק אין די ליידנשאַפטן, באַשעפענישן, טרויער, חדווה, בענקשאַפטן, געניס און עקזיסטענץ בכלל — וואָס „מעשה־בראשית" האָט איינגע־פרעסט אין דער וועלט פון דומם, חי צומח און מדבר (מעדאַבער), ווי אונדזערע בעלי־החקירה האָבן איינגעטיילט גאָטס באַשאַף — מוז בעריש ווײַנשטיין אָפן, אָדער באַהאַלטן אימפּולסיוו און אימ־פּעטיש צוריקקומען צו זיך אַליין, צו זיין אייגנאַרטיקן נוסח־יידישקייט; ער מוז עפּעס ווי דורך אַ פּאַרהוילענער האַנט אַנ־טלויפן צוריק אַהיים, אויב נישט אין שטעטל, אין שטאָט, אָדער אין גאַליציע, איז פאַר אַ רבותא שוין אויך צו זיין אייגענעם שורש, צו ז י י נ ע יידן, די „אַטלאַס־און זיידענע", די „שבת־יומטוב־דיקע" אָדער גאָר אין זיין אייגן־אינטימען קרייז פון משפחה, ווי די מומע ראַצעלע, דער פעטער שלמה, די „באָבע חנהלע מיטן שטערנטיכל", צו דער „מאַמעס בענטשליכט", צום „טאַטנס שפּעטער הבדלה", צו זיין פרוי מלכה „פון רבין ר׳ ברוך פון דער שטאָט גאָרליץ, דעם אַלטן סאַנדזערס זון, פון זיין ברייטן רבישן טיש מיט איר טאַטן אָן דער שפּיץ", וואָס „פלעגט אַזוי פיל ליב־האָבן, כאָטש ר׳איז אַן אָרעמאַן געווען, אייביק זיך גע־פינען הינטערוועגס מיט אַ קיישל סחורה אויף וואָקזאַלן, און געלייגט טלית־און־תפילין ערגעץ אויף אַ פּוילישער באַן"...

יאָ, נישט אומזיסט האָט דער ר י ז י ק ע ר מ ב י ן, אונדזער אייגענער גאַליצישער טאַלאַנט־קוואַליקער משה נאַדיר, נאָך אין 1936 געשריבן אַ נביאישע אָפּהאַנדלונג וועגן בעריש ווײַנשטיין דעם פּאָעט, וואָס האָט דאַן געהאַט געשטעלט זיינע ערשטע, אָבער זיכערע און אויסגערייפטע טריט אין דער יידישער דיכטונג מיט זיין בוך „ברוכוואַרג" (1936), אונטערן טיטול: „עמעץ קומט" — נאַדירס ווערטער זיינען טאַקע מקויים געוואָרן, בעריש ווײַנשטיין איז געקומען און איז אָנגעקומען מיט אַ גרויסן און

קלאָרן קרישטאָל־רײנעם און ערלעכן באַגאַזש פּאָעטישע ווערק פון „ברוכוואַרג" (1936), „רײשע" (1947), לידער און פּאָעמעס (1949), „אַמעריקע" (1955), „אין דוד המלכס גיטער" (1960) און אינ־טערעסאַנט איז, אַז „אין זכות פון דער באָבע חנהלעס רײנע און פערלדיקע טרערן" — קומט אונדזער דיכטער אָן אין אײביקן לאַנד ישראל, אין דער אײביקער ירושלים מיט אַ געזאַנג פון טרויער צום טויער" — —

און ווען מיר נעמען לײענען איבעראַנײס די וואָגל־און־וואַנדער־געשיכטע פון דער פּאָעטישער געשטאַלט פון בעריש ווײנ־שטײן, וועלכער ווערט כראָנאָלאָגיש צוגעטײלט צו דעם פּעריאָד פון אַזש נאָך די „יונגע", צו די „קיום־און־המשך" פּאָעטן — זעען מיר ערשט, ווי בײ יעדן וויכטיקן פּאָעט, וועלכער שטײט פעסט־אײנגעפונדעוועט אין זײַן אײגענעם זכות און אין זכות פון דער יידישער אײביקײט און דער אײביקער יידישקײט, ווי אין אים און אַרום אים לײכט מיט אַלע ליכט־עמאַנאַציעס און אַלע עפעקט־אָפּשטראַלונגען דאָס אמת־אינטימע „פּינטעלע ייד", אײ־גענער יידישער נוסח, אײגן יידיש געמיט, הײמיש־אינטימע יידישע אויסשטראַלונג פון דעם עכטן שטאַם און פון אָריגינעלן קוואַל פון יידיש לעבן, יידיש טראַכטן און יידיש פילן.

און זאָל שוין דאָ געזאָגט ווערן: דערפאַר וואָס ווײנשטײן איז אויף אַזוי פיל דורך־און־דורך יידיש, הײמיש און אײגן — ער קומט פון דער גאַליצישער אַמאָליקער קרוין־שטאָט ר ײ ש ע, וועלכע האָט כמעט צעטײלט מזרח־און מערב־גאַליציע אויף צווײ געדיכטע ווינקל־ערטער פון דער אײגענער קינדערשער און יוגנט־לעכער יידישער וועלט, וואָס איז אַזוי מוראדיק פאַרשוווּנדן אין לעצטן אומגליקלעכן חורבן און אומקום; דערפאַר האָב איך אַזוי שאַרף און אימפּעטיק, אָטעם־פאַרכאַפּענדיק געפילט אַ געהויבענע איבערלעבונג ווען איך האָב מיט אַ היפּשע עטלעכע יאָר צוריק געפרוווּט איבערזעצן ווײנשטײנס שאַפונגען אין העברעיש; פון דעם ערשטן ליד „מאַידאַנעק, גאָט" („הדואר", 1939) ביז דעם קלאַסישן ווערק „רײשע" (דערשינען אין מדינת ישראל, 1952, מיט אַ לענגערע הקדמה פון דב סדן) ביז טײלן פון „אין דוד

המלכס גיטער" („הדואר" 1962), איז פאַר מיר געווען אַ קינסט־לערישע אויפשטראַלונג, און צו דער זעלבער צייט, שאַפנדיק אַ וויכטיקן בייטראָג צו דער העברעישער ליטעראַטור אַ דאַנק די אָנרעגנדיקע, עכטע שאַפונגען פון איינעם פון אונדזערע גרויסע יידישע פּאָעטן — בעריש וויינשטיין.

יצחק מאָרגנשטערן

די פּאָעזיע פון בעריש ווײַנשטיין

פּאָעטישער מקור

מיר האָבן ווייניק פּאָעטן, וואָס זייער פּאָעזיע זאָל זיין אַזוי אוממיטלבאַר פאַרבונדן מיט דעם דירעקטן מענטשלעכן לעבן, ווי ס'איז די פּאָעזיע פון בעריש ווײַנשטיין. עס זענען בכלל פאַראַן ווייניק פּאָעטן וועמעס שאַפן זאָל זיין אַזוי נאָענט פאַרקניפּט מיט אָרט, לאַנד און סביבה, אין וועלכע זיי לעבן. ווינציק פּאָעטן האָבן אין דער פּאָעזיע געגעבן אַזוי פיל באָדן, סביבה, לאַנד־שאַפט; אַזוי פיל עכט־מענטשלעך לעבן, עלנט, טרויער און ליב־שאַפט, ווי ס'גיט אונדז בעריש ווײַנשטיין.

ווײַנשטיינס פאַרב, שפּראַך און בילד איז דערפאַר אַזוי אי־דענטיש אַריינגעוואַקסן אין דעם געזעענעם און געלעבטן, ווי נאָר געציילטע ביי אונדז קענען זיך אין דעם פרט צו אים פאַרגלייכן. זיין שפּראַך, זיין בילד, זיין שטימונג איז קיין מאָל נישט אויסגע־טראַכט אָדער צוגעטראַכט, נאָר איז אַ רעזולטאַט פון אַן אייגן דורכגעלעבט און דורכגעפּיבערט לעבן. זיין שפּראַך איז דערפאַר קיין מאָל נישט רוי און האַרט, נאָר איז אָנגעפּילט מיט די טרויעריקסטע זאַפטן פון לעבן גופא.

בעריש ווײַנשטיין איז איינער פון אונדזערע לעבעדיקסטע טיף־יידישע פאַרוואָרצלטע פּאָעטן. ער איז פּאַקטיש דער ערשטער — ביז היינט אויך דער איינציקער — וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין יידישער פּאָעזיע דאָס אמתע וואַרעם־ברייטע בילד פון דעם יידישן לעבן אין דער אַלטער היים און נייער היים; פון פּויליש־יידישן אייראָפּע און פון ברייטן אַמעריקע.

אין זיינע פאַרנעמענדיקע פּאָעמעס ווי „גלות און וואָגל", און אין זיינע שפּעטערדיקע אויסגעוואַקסענע עפּאָפּעישע ווערק ווי „ריישע", „אַמעריקע" — ביז „אין דוד המלכס גיטער", האָט ווײַנשטיין אויף זיין עכט־פּאָעטישן קינסטלערישן אופן געמאָלן

דאָס ברייט־טיפע יידישע לעבן פון דעם אַמאָל און דעם היינט. איך בין זיכער, אַז ווען מיר וועלן זוכן דאָס יידישע לעבן און אירע מענטשן אין דער יידישער פּאָעזיע, וועלן מיר זיך מוזן ווענדן צו די ווערק פון בעריש וויינשטיין.

וויינשטיין איז אָבער נישט נאָר איינציק ווי דער פּאָעט און באַזינגער פון יידישן לעבן; ער איז אויך איינציק אין יעדער זאַך צו וואָס ער האָט זיך נאָר פּאָעטיש צוגערירט. יעדע טעמע, מאָטיוו אָדער לאַנדשאַפט קומט ביי אים צום אויסדרוק מיט אַזאַ פריש־רעאַליסטישער קרעפטיקייט, וואָס מ'האָט ביז אים ביי אונדז זעלטן געהאַט.

בעריש וויינשטיין האָט אין זיין שירה אַריינגעבראַכט אַזאַ קלאָרן, קינסטלערישן רעאַליזם, וואָס שטעלט אים אַוועק ביחי־דות מיט זיין אויפטו אין דער יידישער פּאָעזיע. אַזאַ קאָנדענ־סירטע וויינשטיינישע קרעפטיקייט, געפינען מיר נישט אָפט אין אונדזער פּאָעזיע. על פי רוב האָט זיין באַזונדערע שורה אַ מעטאַ־לענע סקולפּטאָרישקייט. גערעכט איז געווען ש. ניגער, ווען ער האָט באַטאָנט: „אַ שורה ביי בעריש וויינשטיינען, איז ווי איר זאָלט האָבן דורכגעלייענט אַ גאַנצע פּאָעמע...״

ווען מיר זאָלן וועלן מאַכן פאַרגלייכונגען, קען מען נאַטיר־לעך זאָגן, אַז וויינשטיין איז אַזאַ נייעס אין דער יידישער פּאָעזיע ווי ס'איז, למשל, געווען א. מ. וויסענבערג אין אונדזער פּראָזע. דער אויפטו פון וויינשטיינס פערז דאַרף אָבער געמאָסטן ווערן נאָר מיט פּאָעטישע מאָסן און נישט מיט קיין אַנדערע.

איך האָב געלייענט די בעריש וויינשטיין־ביאָגראַפיע אין משה שטאַרקמאַנס „המשך״־אַנטאָלאָגיע און איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געפילט אַזאַ נויטיקייט אין ביאָגראַפישע פּרטים פון אַ דיכטער, ווי דאָס מאָל. די ביאָגראַפישע דעטאַלן פונעם דיכטער זענען דאָך מיט טויזנטער פעדעם פאַרבונדן מיטן גאַנצן פּאָעטישן שאַפן פון וויינשטיינען; זיי ווערן אַ באַלויכטונג פאַר וויינשטיינען דעם פּאָעט, ווייל מיר קענען דאָך די דעטאַלן אַדאַנק זיין פּאָעזיע. די באָבע חנהלע, דער פעטער זבולון, זיין אייגענער פאָטער יאַנקל, און וועמען נישט? אונדז ווערן אויך נאָענט די אַלע שטעט און

לענדער, ווו אונדזער פּאָעט האָט צייטווייליק געלעבט, אַז מיר קענען זיי ממש נישט אָפּטיילן פון זיין עצמדיקן פּאָעטישן שאַפן און באַנעם.

פון וואַנען אָבער אַזאַ צוזאַמענגעוואַקסנקייט מיט דער טעמאַטיק? פון וואַנען דער אינטימער רעאַליזם? פון וואַנען די אינדיווידואַליזירטע נאָענטקייט צום פּאָעטישן אָביעקט ביי אים? פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ ערשטמאָליקע באַקאַנטשאַפט מיט די אַלע זאַכן, מענטשן און פּייזאַזשן, וואָס וויינשטיין מאָלט זיי אויס פאַר אונדז מיט אַזאַ געדיכטער, עכטער פאַרב? פון וואַנען אַזאַ מקורדיק לשון און איבערראַשנדיקע פרישקייט פון בילד ביי אים?

בכדי דאָס אַלץ צו אַנאַליזירן און באַווייזן, זענען נייטיק עטלעכע כלל־באַמערקונגען וועגן עצם פּאָעזיע פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט.

איך האַלט פאַר אַ הויפּט־חסרון דאָס, וואָס מיר אַלע זענען שוין היינט גרויסע בקיאים אין די אַלערליי מעכאַנישע פאַנאַנדערטיילונגען, טערמינען און מעטאָדן, לויט וועלכן צו שאַצן דעם ווערט פון יעדן קונסט־ווערק.

ווען עס האַנדלט זיך, צום ביישפּיל, וועגן פּאָעזיע, האָט שוין היינט, מיט אויסנאַמען, דער קריטיקער אַ פּאַרטיקע פאָרמולע פון עלעמענטן פאַר דעם פּאָעט, און ער זעט אויף ווי ווייט דער דאָזיקער פּאָעט פאַרמאָגט דאָס, וואָס ער, דער קריטיקער, האָט ביי זיך אין פאָרויס — לויט דער פאָרמולע — אָפּגעשטימט.

איך וועל, לדוגמא, דאָ ברענגען אייניקע הויפּט־עלעמענטן, וואָס יעדער „חדר־ייִנגל" ביי דער ליטעראַטור ווייסט און פאָדערט זיי פון דעם פּאָעט. זיי זענען: שפּראַך, פאַרב, בילד, שטימונג. באמת, דאַכט זיך, וויכטיקע זאַכן, וואָס אָן זיי איז נישטאָ קיין פּאָעזיע. פון וואַנען אָבער נעמען זיך די אַלע זאַכן, וואָס מיט זיי אָפּעריִרט דער פּאָעט? און וואָס מיינט עס בכלל שפּראַך, פאַרב, בילד, שטימונג אין פּאָעזיע?

אַז מ׳קען אָנהויבן „אוצרות" שפּראַך־„חידושים" וואָס זאָלן נישט פאַרמאָגן קיין לעבעדיק פּאָעטיש וואָרט; אַז מ׳קען זיין

רייך אין פאַרב, וואָס זאָל גאָר זיין באַנאַל, פאַלש און צוגע־טראַכט, דאָס — ווייסן נישט אַלע „קענערס" פון פּאָעזיע. דאָס ווייסן נאָר די, וואָס האָבן זוכה געווען צו פילן דעם טעם פון פּאָעטישן אמת, וואָס זענען אַליין בלב־ונפש צוגעקומען צום מקור הראשון פון פּאָעזיע; צו דער סיבה ראשונה פון עכטער שאַפע־רישקייט.

און וואָס איז דער מקור פון פּאָעזיע און פון קונסט בכלל?

דער סוד פון יעדן מין שאַפן איז די ליידנשאַפט צום געשאַ־פענעם אָביעקט. אויך ביים וויסנשאַפטסמאַן איז נישט גענוג בלויז דאָס וויסן. עס מוז ביי אים לכתחילה זיין דאָס אַבסטראַקטע געפיל, וואָס זאָל אין אים אָנצינדן אַ ליידנשאַפט צום אָביעקט, אַנדערש וועט זיין וויסנשאַפט קיין שום חידושים אין דער נאַטור נישט אַנטדעקן.

קיין שום דערשיינונג אין דער נאַטור וועט נישט דערציילן אירע סודות, אויסער פאַר דעם, וואָס קומט נאָענט מיט איר גופא. און אויב דאָס דאָזיקע גילט אין דער וויסנשאַפט, גילט דאָס אַוודאי אין דער קונסט. אין וויסנשאַפט קען מען נאָך ביים פאָרשן קעגנשטאַנדן זיך פאַרלאָזן אויף ביישפילן פון ענלעכע דער־שיינונגען — קיין גאונישע אַנטדעקונג קען אויך דער וויסנשאַפטס־מאַן נישט מאַכן, אויסער מיט זיין אינטימען אַריינדרינגען אין דער עצם זאַך וואָס ער פאָרשט.

אין דער קונסט איז על אחת כמה וכמה דער קינסטלער גופא דער פּראָדוקט פון זיין אַריינלעבן זיך אין אָביעקט פון זיין שאַפן. קיין פּאָעט וועט נישט אָנשרייבן אַן עכטע שורה אָן פריער דורכ־צופירן דעם עצם פון זיין ליד. בלויז פון „וויסן" און שטודירן דערשיינונגען פון דרויסן קען מען קיין אמתער פּאָעט נישט ווערן.

בכן איז נישטאָ קיין אינטימיטעט צו קיין זאַך אויסער ליב־שאַפט, וואָס באַשאַפט די ליידנשאַפט צום קינסטלערס וויזיע. ליידנשאַפט, קען אויף קיין פאַל נישט זיין ספּעקולאַטיוו אָדער אַב־סטראַקט; זי איז בעצם אַ חושימדיקע דערשיינונג און זי קען נאָר זיין צו אַ קאָנקרעט־געזעענע זאַך: אַזאַ איז געווען דער געצן־דינסט צו דער געזעענער נאַטור און איז דעריבער געווען דער גלויבן

אין פּיזישער פּיל־געטעריי. גלויבן אין אַ מאָנאָטעאיסטישן אַב־סטראַקטן גאָט, איז באַזירט אויסשליסלעך אויף שכל און מאָ־ראַל; אַז אַ גלויבן מוז, אין זיין ריינסטער פאָרעם, באַפרייט ווערן פון יעדער ליידנשאַפט. דערפאַר האָבן פיל פון אונדזערע גרוי־סע רעליגיעזע חוקרים פאַרשטאַנען צו וואָרענען דעם ייד קעגן דינען גאָט מיט מגושמדיקער התפעלות, וואָס איז אין תוך נאָענט צו געצן־דינעריי.

קונסט איז אָבער יאָ באַזירט אויף דער חושימדיקער התפעלות פון פיזיש־געזעענעם אָביעקט. קונסט איז די ליידנשאַפט פון חו־שימדיק באַנעמען די וועלט. „קונסט־ווערק" באַזירט אויף „שכל און מאָראַל" איז קיין קונסט נישט.

ווײַנשטיין איז דער פּאָעט פון חושימדיקער רעאַליטעט, און נאָר דערפאַר איז ער אַזוי אמתדיק, אַזוי טיף אַריינדרינגענדיק אין אַלע מענטשלעכע גופים און נשמות. ער האָט אונדז געברענגט דעם אָנגעהיצטן כוח פון מיטגעפּיל צום עלנט אויף דער ערד.

ווען מען לייענט זיין מייסטערהאַפטע פּאָעמע „אַמעריקע", זעט מען ווי ווײַנשטיין באַזינגט דאָס גרינע יידישע יינגל מיט דער זעלבער מאָס ליבשאַפט ווי דעם גוישן „פּיטער":

אין ווייסן חלום שטייט איצט פּיטער אין דער קעלט
און די קליידער זיינע בלאָזן זיך ווי זעגלען אויף.
ער לאָזט זיך הינטער די וואָלקנס נאָך די לבנה שווימען
נאָך אויף דער ווינאַכט אַהיים צו קומען.

און וועגן יינגל:

פון אַלע חברים פאַרלאָזט,
איז דאָס יינגל פּסח־ביינאַכט געבליבן אין אַזאַ שטאָט.
אין דער היים בלענדן איצט די מאַמעס לייכטער,
דער פּערלדיקער טוי רינט וואָרעם פון די פענצטער
און עס ציטערט אליהו הנביאס כוסיקער שוים;
ס'יינגל לויפט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם קוים
עפענען די טיר פאַרן טאַטנס שפוך חמתך אל הגויים!

ווײַנשטיין האָט מיט זיין שורשדיקן טאַלאַנט אויפגעבראָכן

נייע לאַנדשאַפטן, סביבות, און אַנטפּלעקט מענטשן, וואָס זענען געקומען אין אונדזער פּאָעזיע מיט זייער אייגענער שפּראַך און קאָליר. מען האָט זיך ביי אונדז פריער נישט פאָרגעשטעלט, אַז דיכטונג זאָל מען קענען שרייבן מיט אַזאַ אויפגעריסענער נאַקעט־קייט, אָן שום פליטערלעך, ווי וויינשטיין האָט דאָס מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט באַוויזן.

וויינשטיין רייסט גאָר אַרונטער אַלע פלאַטערדיקע מלבושים, וואָס דער מענטש האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן און ער שטעלט אים אַוועק אַ נאַקעטן אין שטורעם, אין ווינט, אין הונגער און אין נויט, ווי דער מענטש איז אין דער אמתן. ער איז מגלה דעם אויסגעטאָענעם גוף און לאָזט אונדז הערן זיין שורשדיקע שפּראַך.

מיט די דאָזיקע אַנטפּלעקונגען איז וויינשטיין אין אונדזער דיכטונג אַ נייע דערשיינונג. אונדזער פּאָעזיע איז אין אַלגעמיין באַשטאַנען פון סימבאָלן און מיסטיק; פון הויכע שטראָף־רייד און ווייגנדיקן אומעט; פון אַסקעטיש געוויין און זינגענדיקער עראָטיק. וויינשטיין האָט אויסגעריסן אַ נייע ערד און זי צעאַ־קערט ביז די סאַמע טיפענישן, ער פאַרכאַפּט אונדז מיט אַזאַ הייסער פרישקייט, וואָס באַהערשט.

ס'איז כדאי צו זען וואָס אַזוינס וויינשטיין האָט געגעבן דער פּאָעזיע; וואָס פאַר אַ אמתן ער האָט אַריינגעבראַכט אין איר.

✶

זיינע ערשטע „ברוכוואַרג"־לידער, 1936, זזיינען געווען וויינ־שטיינס ערשטע הייסע אימפּולסן פון זיין דיכטערישן אַריינדרינג. זיי האָבן געלייגט דעם יסוד פון זיין ווייטערדיקן פּאָעטישן שאַפן. ער איז גלייך אין „ברוכוואַרג" געקומען מיט זיין קראַפט פון וואָרט און נייקייט. זיין ערשט בוך האָט גלייך אַרויסגערופן אַן אומגעהויערן אינטערעס. מ'האָט פאַר זיך דערזען אַ נייעם, וואַ־גיקן פּאָעט מיט אַ נייעם שאַפערישן אמת.

באַלד, ביים עפענען דאָס בוך „ברוכוואַרג", פאַרגאַפט די סקולפּטאָרישקייט פון „בעטהאָווענס ביוסט", וואָס רייסט אויף דאָס אויג, פאַרכאַפּט דאָס געמיט ביים לייענען די דאָזיקע אויס־געהאַקטע שורות:

שטייסט קיל אויף אַ פעלד, ווו, לעם אַ בוים, הינטער אַ גערמאַניש דאָרף
מיט אַ פאַרביסענער פעדער אין מויל, איבער דיר אַ העלער הימל;
וואַלד־פייגל, סלאַווישע פרייד פון אַ ווייטע דאָרפישע חתונה
מיט שיכּרות פון טענץ און צעלאָזטע ווילדקייט פון פויעריש לייב —
דערנאָך ווערסטו וואָלקנדיק מיט דונער, מיט ווינט און רעגנס.

מען בלייבט געפּלעפט ממש, פון דער מאָנומענטאַלקייט פון דער לאַנדשאַפט, פון דער פאַרב־געשטאַלט — און דאָס אַלץ אין איינציקע פינף שורות! מען לייענט זיי נאָך אַ מאָל די שורות און מען פרעגט: פון וואַנען אַזאַ איינהייטלעכקייט, אַזאַ צוזאַמענגע־וואַקסנקייט פון קאָליר און שטימונג? פון וואַנען אַזאַ יצירהדיקע גאַנצקייט?

דער ענטפער איז: דאָס איז דער כּוח פון עכטער קינסטלע־רישער איבערלעבונג, וואָס מאַכט דאָס בילד פאַר געשטאַלטיקייט, וועלכע איז אַזוי קלאָר, אַזוי זעעוודיק. דערפון נעמט זיך מסתּמא דאָס, וואָס מיר רופן „זעעוודיקע פּאָעזיע", אָדער דאָס „אויג פון פּאָעט". אָבער, בלויז אויג, אָן איבערלעבונג, איז אַ קינסטלעך אויג.

אַוודאי זענען פאַראַן פּאָעטן וואָס מאַניפּולירן מיט אויסגע־טראַכטע „בילדער און זעונגען", אָבער זייערע דיכטערישע אויפ־טואונגען האָבן נישט קיין אינערלעכע דעקונג.

ווײַנשטיין איז געקומען מיט „כּוחי וראשית אוני"; אָן אָנ־געלאָדענער מיט ערשטמאָליקע בילדער און זעונגען פון ווייטע שטעט, פרעמדע האַפנס, צעפּלאַמטע זין און בלאָנדע טעכטער, פון הונגעריקע און פאַרמשפּטע, פון טרויעריקע און נאַקעטע תּהומען.

מען קומט אַריין אין זיין „ברוכוואַרג" ווי אין אַן אורוואַלד, וואָס מ'האָט ערשט אַנטדעקט. מען לייענט ליד נאָך ליד, און עפּעס אַ הונגעריקע זאַטקייט נעמט אַרום; עפּעס אַ כּוח, וואָס לאָזט נישט אָפּ; אַ כּוח, וואָס שלאָגט ווי אַ קוואַל פון רויען שטיין:

העגט וואָס אַנקערן שיפן, ליגן שווער אויף אומרויקע מיידלשע היפטן;
אויף ווייסע אַקסלען און ענגע דעקאָלדן פון וואַרעמען דורכזיכטיקן זייד.

ווילדע קושן נאָגן זייערע בריסט־וואָרצלען, די פינגער פון די הענט
און קילן זיך אינעם בלענד פון זייערע קני — אין אָוונט־שאָרד פון
יולי־בלעטער,
און עס שטילט די רײַפקייט פון שיינע טעכטער אין אַ האָפּן־שטאָט.

לאָמיר נישט פאַרפעלן שורות פון אַזאַ ליד ווי „באַנען״:

באַנען אויף ווייטע בריקן איבער אָוונטיקע שטרעקעס,
צינדן זיך ווי פענצטער ביי נאַכט אין גרויסע שטעט.
ס׳איז אומהיימלעך פאַר נאַכט אין דערפער וווּ ס׳פאָרן דורך באַנען.
רײַזנדערס קוקן גרויסשטאָטיש פון באַן־פענצטער;
פון שפייז־וואַגאָנען בליאַשקעט רעש פון געשיר —
און וואַרעמע העפלעכקייט פון קעלנערס צווישן עלעגאַנטע עלנבויגנס,
וועקן בענקשאַפט ביי באָרוועסע פויערטעס וואָס שטייען אויף פעלדער.
די קליידער זייערע פאַרבן זיך שקיעהדיק, שפּיצן באַרירן הייס
זייערע קני.
אין אָוונט פון באַנשינעס וואַקסן אויס פאַר זיי שטעט;
וויינשענקן און האַריקע ליפּן פון זעלנער.

בעריש ווײַנשטיין פאַרמאָגט אַזאַ דורכגעזאַפּטן, אָביעקטיוו־אמתדיקן טרויער, וואָס מ׳געפינט בלויז ביי געציילטע פּאָעטן. אַוודאי האָבן מיר גרויסע דיכטערס, וואָס האָבן מיט זייער גע־יאָמער, מיט זייער ליריש געוויין אויפגעשטורעמט אונדזער פּאָ־עזיע, אָבער דאָס איז, אין תוך, אַ פּערזענלעכער טרויער. ווײַנ־שטיינס טיף־זעענדיקער טרויער איז אַלעמענס, ווייל ער „קען אַ סך הונגעריקע שטעט, דרויסנדיקע געלעגערס״; ווייל ער ברענגט אונדז מיט ריינער ליבשאַפט דעם פאַרשטויסענעם מענטש; ווייל ער זעט מיט אויג און געפיל ווי:

ס׳איז אומהיימלעך אין נעגערישן דאָרף אין אַ זונטיקדיקן ווינטער־
אָוונט.
שוואַרצע לײַבער אין הייסן זייד לאָקערן אויף שטראָזן נאָך אַ נעגער־יונג
און אַנטרינען גלוסטיקע מיט געלענדע היפטן פון ווילדע הענט,
דורך פעלדער וואָס שטייען האַרט און שווער פון נאָענטן אָפענעם ווינט.

בעריש ווײַנשטיין געהערט צו די ווייניקע דיכטער, וואָס איז

מיט אַ קינסטלערישער נאַטור צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער פּאָעזיע פון אַלע מינים־מענטשן אויף דער ערד.

דערפאַר איז ער בכוח צו ברענגען אַזאַ שלל פון פאַרבן און געשטאַלטן; דערפאַר איז ער בכוח געווען אויפצולעבן אַזאַ גרויסע גאַלעריע פון פאַרגעסענע און פאַרלאָזענע, ווייל נאָר מיט זיין סטיכיע האָט ער אויפגעדעקט אַזוי ברייט און לאַנג דאָס טרויעריק־וואַרעמע יידיש לעבן פון אַ מאָל וגם די געשטאַלטן — יידישע און נישט־יידישע — אין דעם „גרינעם" אַמעריקע. אָבער איז דען בלויז טרויער ביי ווײַנשטיינען? ביי אים איז דאָס ערשט אַ רע־זולטאַט פון „גרויזאַמען" אויפדעקן די טיף־נאַקעטע רעאַליטעט פון לעבן.

קוואַליטעט פון רובין

בעריש ווײַנשטיין איז אַ „גרויזאַמער" סקולפּטאָר מיט אַן איבערראַשנדיקן פאַרנעם. איר האָט ביי אים נישט נאָר זיין אַנגעגליטן טרויער, נאָר אַפילו אַזעלכע אייז־קאַלטע סקולפּטורן פון בילדער און וויזיעס (יאָ! אויך — וויזיעס...) וואָס נעמען אַדורך אַלע אברים מיט זייער ערשטמאָליקער אַנטפּלעקונג און מיט זייער מאָנומענטאַלער שאַרפקייט, — ווי עס האָט טרעפלעך זיך אַרויסגעזאָגט משה נאַדיר אין אַן עסיי וועגן דעם דיכטער: „אין ווײַנשטיינס לידער וועט איר געפינען סיי די הייסע, סיי די קאַלטע גליונג; סיי די קוואַליטעט פון בלוט, סיי די קוואַליטעט פון רובין" (משה נאַדיר: „טינט און פעדער". דרך אגב רעדט דאָרט נאַדיר וועגן דעם אייז־קאַלטן שוידער וואָס ווייעט מיט אַזאַ שאַרפער עקספּרעסיע פון אַזעלכע לידער ווי „הענקערס" און „האַקנקרייץ", אין בוך „ברוכוואַרג".

זיכער איז, אַז די לידער פון ווײַנשטיינס זעענדיקע קראַפט, לידער פון אַזאַ קאַליבער ווי „הענקערס", „האַקנקרייץ", וועלן בלייבן אייביק אין דער יידישער פּאָעזיע:

די האַק קילט און בלוטיקט, די האַק רוישט און טריפט.
אויף דער שאַרף שפּאַלטן זיך העלדזער און שפּרינגען אָפּ.

פון וואָרעמען שניט פאַרלויפט דער בלענד מיט פּאַרע,
דאָס בלוט ציט אָפּ שנעל און הייס פון קילן שטאָל.

מ'טאָר נישט פאַרגעסן, אַז דאָס ליד „הענקערס״ איז וועגן דײַטשלאַנד, 1933, ווען דער שווידערלעכסטער מלאך־המוות, היט־לער, איז נאָר־וואָס אָנגעקומען מיטן קאַלטן, שאַרפן מעסער; געדענקנדיק דאָס — זאָג איך ערשט מיט פולער זיכערקייט, אַז נאָך אַזאַ קאָלאָסאַל בילד פון אַ בלאַנקענדיקער רציחה איז אין אונדזער פּאָעזיע ביז דעמאָלט נישט געווען בנמצא.

אָבער דער עיקר בײַ ווײַנשטיינען איז זײַן סטיכישער כוח. פון זײַן גרויסן טאַלאַנט שפּרודלט ליבשאַפט צו די „יונגען פון דער וואָליע״, וואָס:

„אין פּוילישע ווינטערנעכט בלאַנקען־אום זייערע שוועסטער
און האָבן ליב די ליבע פון אַ גאַסן־יונג אונטערן פאַל פון שניי״.

און נאָר מיט אַזאַ גרויס פּאָעטיש האַרץ קען מען צוקומען צו אַזאַ וויזיע:

בײַ נאַכט וועט די מאַמע צעגראָבן דעם קבר און זיך לאָזן צוריק צו דער שטוב
און די קרוכלע פינגער וועלן אויפפרישן ס'וויגל פון קינד מיט ריינעם געוואַנט,
צעשפּיליען די תכריכים און שטופּן די הוילע ברוסט צו די ליפּלעך פונעם קינד
און אויסוואַשן דערנאָך אַלע ווינדעלעך, זיי צעהענגען אויף שטריק אין דער נאַכט.

*

בעריש ווײַנשטיין, האָב איך מורא, וועט פאַרבלײַבן דאָס פּאָעטישע רעטעניש פאַר דער דיכטונג, ווי פאַר איר קריטיק. דאָס „גרינע״ ייִנגל, באַהעפט זיך מיט גרויס בענקעניש צו אַלע דער־שלאָגענע באַשעפענישן: פון דאַנען נעמט זיך אויך זײַן פּאָעזיע וועגן גאון „בעטהאָווען״, וואָס איז אין תוך געווען איינער פון די טראַגישסטע שעפערס אויף דער וועלט.

דער טרויער פירט אונדזער דיכטער פון דער פרעמד צוריק צו דער אַלטער יידישער היים, צו דער באָבע „חנהלע", צו דער מומע „ראַצעלע", צו ר' שלמה לייבעלע טיטשינער, צום פעטער ר' זבולון און צו אַלע הייליקייטן, צו אַלע פאַרברענטע אין די גרויליקע פייערן פון נאַציזם. פון אָט דער פלאַמיקייט וואַקסן אַרויס אַזעלכע וואָגיק־קינסטלערישע יידישע פּאָעמעס ווי זיין „גלות און וואָגל", און „מיידאַנעק".

מען זעט און מען פילט ווי:

עס גייט דער בעש"ט נאָך אַלץ איבער חדרים אַרום
און פירט די מעשהס אַריין צו פאַרחלומטע תלמידים. —
מעשהס פון אומעטיקע דערפער פון שטעט;
פון גרויסע יידן אין פויערים פאַרשטעלט.

און אָט זענען שטיקער גלי פון זיין אייביק פּאָעטיש ווערק, „ריישע":

טעכטער דריי פון אַ גימנאַזיע אין יידישן קראָקע.
חוה — מיט אירע ווינערישע רייד ביים טאַטנס טיש;
מיט מעשהס פון ראָמאַנען וואָס קלינגען פאַנטאַסטיש.
אירע קליידער, נאָך דער שלאַנקער מאָדע פון פאַריז,
לאָזן צומאָל נישט דערקענען ווער זי איז;
טראָגן נישט די שפור אַז זי שטאַמט פון חסידות;
אַז זי איז אַ קינד פון פוילישע שחיטות.

ס'איז נישט קיין וווּנדער וואָס פון אַזאַ צעפלאַמטער השפעה פון דער אייגענער היים פון אַ מאָל, האָט שפּעטער געמוזט אויס־וואַקסן די איינציקאַרטיקע עפּאָפּעע „ריישע". פון אָט דער זעל־בער אינערלעכער דיכטערישער קראַפט וואַקסט שפּעטער אַרויס זיין ערדיש־ווערק „אַמעריקע".

לאָמיר אָבער דערווייל צוריקגיין צום אומבאַגרענעצטן קוואַל פון זיינע „לידער און פּאָעמען"; לאָמיר אַריינגיין אין זיין דינ־סטער מוזיקאַלישסטער לאַנדשאַפט „בעטהאָווען":

פריידיק, טרויעריק, איז די גרויסע וועלט.
אין יונגן עלנט בלאָנקעט לודוויג אַרום;
איינער אַליין — אָנעם טאַטן, אָן די ברידער
אָן זיין גאַס און אָן זיין שטוב —
גייט ער צום אומעט פון הינטער דער שטאָט
נאָך אַ ביסל רו און ליבע אַוועק.
ברייט און אָפן וויאַגען דאָ פאַר אים די פעלדער
און פרישן אויף אַ האַרץ וואָס איז טריב.

עס גלוסט זיך אַזוי צו ציטירן ווייטער און ווייטער פון אָט דער אומפאַרגלייכלעכער „בעטהאָווען"־פּאָעמע; עס גלוסט זיך עפּעס אַזוי פאַרפאַלן צו ווערן אין אָט דער בעטהאָווען־וועלט; עס ווילט זיך שוין מער קיין מאָל נישט פאַרלאָזן אָט די געט־לעכקייט. אין דער דאָזיקער ווײַנשטייַנישער „בעטהאָווען"־וועלט איז עפּעס אַזוי גוט, מיט אַן עצבות, וואָס דערגרייכט ביז צו גאָט.

איך וועל זיך אויך אָפּשטעלן אויף עטלעכע מוסטערן פון די צוויי לעצטע אָפּטיילונגען: „ביים באָרטן פון ים" און „פאַר נאַכט". פון קיין אַנדערן יידישן פּאָעט אין אַמעריקע קען מען נישט ווערן אַזוי היימיש מיט דער אַמעריקאַנער ערד, ווי פון ווײַנשטיינס לידער. מען ווערט גיך נאָענט מיט זיין ערד און סביבה, און מען ווערט באַהערשט פון אַזעלכע שורות:

אין דיינע פאַרנעפּלטע נעכט — אויף די עוועניוס, אויף די סקווערן,
קען מען זען ווי עלנט עס קענען זיין מענטשן אויף דער ערד.
דיינע סוף־חודשדיקע לבנות גייען אויף דינער און בלאַסער
און גיסן זייער אומעט אויף געזיכטער, אויף שיכורע לייבער.

פון לייענען ווײַנשטייַנען באַקומט מען ליב די מענטשן פון דעם עלנט פון ניו־יאָרק, ווו:

עס שלאָפן נעגער, ווייבער און וואַגאַבונדישע יונגען
צעוואָרפן, מיט ברייטע אָפענע פיס אויף טרעפּ.
צום ווינט אַרויס שטאַרצן זייערע פאַרוואַקסענע הענט;
חלומות, זייערע שמייכלען רירן אָן זייערע ליפּן.

אַחוץ וואָס ווײַנשטיין האָט די ליטעראַטור אונדזערע איבער־ראַשט מיט זײַן קול, מיט זײַן גאַנץ באַזונדערן הייסן שטראָם, האָט ער אויך איבערראַשט דערמיט, וואָס דורך אים האָט מען ערשט פּאָעטיש־קינסטלעריש דערזען אַמעריקע מיט אַלע אירע מענטשן אין נויט. זעלטן ווען אַ יידישער פּאָעט איז צוגעקומען אַזוי נאָענט מיט אַזאַ ברייטן, הייסן אָטעם צו די גרונטן פון אַמעריקאַנער לעבן, ווי ווײַנשטיין.

אַמעריקע איז אין תוך נאָך געווען אַ ליידיק פּאָעטיש פעלד. יאָ, אויך דאָס ריזן־געשטאַלט פון משה לייב האַלפּערן איז אין גרונט אפשר נאָר אַ רעזולטאַט פון וויסטן עלנט אין ניו־יאָרק. זײַן בערישער גײַאָמער, זײַן „געוואָי פון אַ וואָלף", זײַן אַרויס־שטעקן אַ להכעיס־צונג דער וועלט, זײַן מוראדיקער גראָטעסק, זענען ביי משה לייב האַלפּערן בעצם דאָס טראַגישע בילד פון אַ יידישן פּאָעט אין ניו־יאָרק; ס'איז אָבער נישט דאָס אָביעקטיוו־געזעענע פון ניו־יאָרק גופא.

ביי משה לייב האַלפּערן איז איבערהויפּט נישט פאַראַן קיין אָביעקטיוו געזען בילד. האַלפּערנס ניו־יאָרק איז פייערדיקע קוזש־ניע, ווו עס האָט אויפגעגליט דער טרויעריקער משה לייב. אָבער ער איז קיין מאָל נישט נאָענט צוגעוואַקסן צו דעם רעאַליסטישן ניו־יאָרק. פאַרקערט — זײַן גרויסער דיכטערישער כוח באַשטייט אין אויסברעכן מיט צאָרן און געוואָי און אַנטלויפן פון דער ניו־יאָרקער רעאַליטעט.

ווײַנשטיין אָבער האָט זיך נאָענט איינגעלעבט און איז גע־וואָרן אינטים צונויפגעוואַקסן מיטן אָ ב י ע ק ט י װ ן עלנט אין נ י ו ־ י אָ ר ק.

לייענענדיק משה לייב האַלפּערן באַקומט מען אַ האַס צו ניו־יאָרק און מען דערפילט זיך דערנאָך עלנטער ווי פריער, בעת ביי ווײַנשטיינען באַקומט מען גאָר ליב די ערד פון אַמעריקע, די ערד פון ניו־יאָרק; עפּעס אַזאַ זוניקייט שלאָגט אַרויס פון ווײַנשטיינס „נעגערישן טרויער", פון זײַנע „שיכורע לייבער".

אַזאַ דורכגעלויכטענע עראָטיק, לויטער צוזאַמענגעפּרעסטע ליבשאַפט פאַלן אויפן נעגערישן לייב.

אמת, אַן ערשטער צו געבן דאָס נעגער־לעבן אין אַמעריקע איז געווען דער דיכטער י. י. שוואַרץ אין זײַן „קענטאַקי״. דער חילוק איז דאָ אין ווײַנשטײַנס פּאָעטישער אַנדערשקייט, אין זײַנע דורכויס־נײַע, אײגענע דיכטערישע מיטלען פון שפּראַך, בילד, אי־מאַזש און שטימונג, וואָס ווײַנשטײַן באַנוצט אין שילדערן דעם נעגער.

י. י. שוואַרצן גײט דער עיקר אין דעם, וואָס עס לאָזט זיך דערציילן פון נעגער־לעבן, און בײַ ווײַנשטײַנען איז דער עיקר דאָס אויפהעלן די נשמה, די פּאָעזיע פון נעגער, וואָס איז אין ווײַנשטײַנס ליד נאָר אַ טײל וועגן די פּאַרשטויסענע אויף דער ערד.

די גאַנצע געשיכטע פון ווײַנשטײַנען דעם פּאָעט, איז פון אַ יידיש ייִנגל דורכגעלויכטן פון מלחמה, פּאָגראָמען און וואַנדע־רונגען. ער איז דאָס נע־ונד־ייִנגל אויף אַ פרעמדן לעבנס־וועג בענ־קנדיק צו דער רײנער ייִדישער היים, ווי:

ייִנגליש העל גײען־אויף די טעג פון ספירה צײלן.
גרין לויפן לאָנקעס אויף אין סאַמעטענע בייטן,
צווישן ווייץ און קאָרן בריען באָרוועסע מיידן.

דאָס יידישע ייִנגל, וואָס פון אים וואַקסט אויס דער פּאָעט, וואַנדערט איינער אַליין איבער גאַסן, שטעט און לענדער, און ווו ער קומט, באַהעפט ער זײַן פּאָעזיע מיט די געפאַלענע און באַ־וולהטע:

פיר מיך צוריק
צו יענע ייִנגלשע טעג.
כ׳וויל איצט ווי דעמאָלט זיין טרויעריק;
נישט וויסן פון מענטש צו מענטש דעם חילוק.
כ׳וויל צוריק יענע גרינע, פאַרשעמטע פרעמד,
ווען דאָס בלוט אין מיר האָט פרום געברענט
צו אַלע זאַכן וואָס זענען געווען עלנט.

אָבער דערמיט שטילט זיך נאָך נישט דעם ייִנגלס בענקשאַפט, ווי:

דאָרט —
אי דער היימשטאָט,
פאַרגייט נאָך די זון אויפן זעלבן אָרט.

דאָרט —
אין פעלד הינטער דער שטאָט,
ציט נאָך מסתמא דער טייך צום זעלבן אָרט.

דאָרט —
אין דער אויסגעשטערנטער שטאָט,
רוקט זיך די לבנה אַרויס פון זעלבן אָרט.

דאָרט —
אויפן בית־הקברות הינטער דער שטאָט,
וואַקסן נאָך די ביטערע קאַרשן אויפן זעלבן אָרט.

עס פירט אים כסדר צוריק קיין „ריישע". אָבער אויך „אַמע־ריקע" איז שוין ביים דיכטער געוואָרן אַן אַלטע היים, צו וועלכער ער בענקט:

גיב אים צוריק, גאָט, די שיף און דעם ימיקן וועג;
דאָס שווערע האַרץ פון יענע ערשטע ביטערע טעג;
מ'זאָל אים אויף ס'ניי דורך ניו־יאָרק פירן בלינד;
ר'זאָל שטענדיק „גרין" זיין, בלאָנדזשען ווי אַ קינד.

מאַכט נישט אויס וואָס דער פּאָעט זאָגט:

נאָך טאַטע־מאַמע וואָס ליגן אין אַ לאָנג־איילענדער העק,
וואָס צו קומען אַהין איז אַפילו פאַר אַ קברן אַ שרעק —
נאָך יענע פּאָר איילן־ערד וועל איך שטענדיק בענקען:
אין יענע פעלדער וועל איך, ווי זיי, אויך אַ מאָל זינקען,
נאָר מיך וועט אַ קינד אַזוי קיין מאָל נישט געדענקען.

זיינע „לידער און פּאָעמען", אָנגעזאַמלט מיט פולע שייערן

שפע, זענען געוועזן וויינשטיינס זריעה פאַר די נייע געוויקסן, פון וועלכע עס זענען שפּעטער אויסגעוואַקסן די ד ר י י גרויס־קינסט־לערישע עפּאָפּעע: „ריישע", „אַמעריקע" און „אין דוד המלכס גיטער".

אין אַ פּאַרחלומטער וועלט

יעדער עכטער פּאָעט מוז סוף־כל־סוף צוריקקומען צו זיך, צו זיין פריער יוגנט, צו זיין היים. פון דאָרט נערט זיך זיין קינדערי־שער חלום, זיין גלויבן, און די היימישקייט, וואָס וואַרעמט זיין פּאָעטיש שאַפן.

יעדער אמתער פּאָעט, ווען ער ווערט רייפער און טיפער, דער־זעט ער, אַז אמת און הייליק איז נאָר דער חלום פון דער קינד־הייט, דער גלויבן פון דער יוגנט.

דעמאָלט ערשט, ווען אַ פּאָעט הייבט אָן דאָס צו פאַרשטיין, קומט ער צו דער אמתער פּאָעזיע; דעמאָלט גרייכט ער צום קוואַל, וואָס ווערט קיין מאָל נישט אויסגעטריקנט.

אין „ריישע" איז בעריש וויינשטיין צוריקגעקומען צו די ברייטע, זוניקע פעלדער פון דער קינדהייט; ער איז צוריקגעקומען אַהיים.

ס'איז קלאָר, אַז פון אַבסטראַקציעס קען קיין גרויסע פּאָעזיע נישט געשאַפן ווערן, ווייל זיי ווערן נישט עכט־איבערגעלעבט. אַפילו גאָט, זאָגט אַן אַלטער פּסוק, קען מען אין קיין ליידיקייט נישט זען; גוטע פּאָעזיע איז דאָס קאָנקרעטע, וואָס ווערט דורכן פּאָעט פאַרוואַנדלט אין אַ חלום. דאָס פיזיש־ממשותדיקע, וואָס ווערט דורכן פּאָעט דערהויבן צו טרוים, צו אַן אידעע, ווערט גוטע פּאָעזיע.

נישט אַלצדינג אָבער לאָזט זיך דערהויבן צו ווערן פּאָעזיע.

פאַראַן זאַכן, מענטשן און צייטן וואָס לאָזן זיך גערן איינ־חלומען, איינשלינגען און איינגלידערן אין העכסטער פּאָעזיע. פאַראַן אָבער אויך אַנדערע מענטשן, אַנדערע צייטן, וואָס זיי לאָזן זיך אין קיין פאַל נישט באַצווינגען.

אָט די „אַנדערע" ווערן, מסתמא, דורך די מקובלים אָנגערופן די קליפּות הרע בעצם, וואָס זיי קען מען שוין גאָר נישט „מתקן" זיין. און זיי מוזן דעריבער אין גאַנצן אויסגעשיילט ווערן און אַוועקפאַלן.

ווען מיר רעדן דאָ וועגן צייטן, מיינען מיר דערמיט צייטן אין דער נאַטור, אין דער מענטשלעכער געשיכטע, און אויך ביים מענטשן ווי אַ יחיד. זיי רופן אַרויס די געטלעכע התגלות, וואָס מיר רופן אָן פּאָעזיע. פאַראַן, ווידער, צייטן אַזעלכע, וואָס נישט נאָר רופן זיי נישט אַרויס קיין פּאָעזיע, נאָר שטעלן זיך גאָר אַנטקעגן און לאָזן זיך נישט פאַרוואַנדלען אין פּאָעזיע.

וועלכע צייטן זענען מסוגל פאַר פּאָעזיע? דער ענטפער איז: צייטן פון חלום, פון יונגשאַפט און טרויער. דער עיקר יסוד דערפון איז גלויבן, ווייל אָן דעם קען דער חלום, דער טרויער נישט האָבן קיין האַפט. אויב מען גלויבט נישט דעמאָלט איז טאַקע גאָר־נישטאָ.

אַ מאָל איז די גאַנצע וועלט געווען אַ פאַרגלויבטע, אַ פאַר־חלומטע, פאַרהילט אין מעשיות, ניסים, חלומות, טרויער און לע־גענדעס. דאָס איז אייגנטלעך דער שטאָף פון וואָס פּאָעזיע ווערט געשאַפן. דער ייד האָט געלעבט אויף דער וועלט און געטראַכט האָט ער נאָר פון י ע נ ע ר װ ע ל ט. אויך דער טויט איז ביי אים נאָר אַן איבערגאַנג צו אַ העלערער, אייביקער וועלט.

אין אונדזערע לעצטע דורות פון דער אַלטער היים, ווען ס'איז אויפגעקומען אַ וועלט פון „וואָליע־יונגען": חלוצים, רע־וואָלוציאָנערן, „וועלט־באַפרייער", זענען זיי אין תוך געווען די זעלבע בעלי־חלומות וואָס זייערע עלטערן און אור־עלטערן.

די אַלע היימיש־פאָלקישע „וואָליע־יונגען" זענען דאָך געווען אַזוי פאַרגלויבט אין זייערע אייגענע חלומות און אידעען, ווי די עלטערן זענען געווען וועגן זייערע חלומות.

די זעלבע ירושהדיקע אַטמאָספער האָט גורם געווען אַז די ניי־אויפקומענדיקע יידיש „אַפּיקורסישע" יוגנט, זאָלן מיטן זעלבן פאַנאַטישן פייער שפּינען דעם חלום וועגן חלוציש־העלדישער אויסלייזונג און אַלמענטשלעכער באַפרייונג.

די לעבעדיקע פּאָעטן מוזן זיך באַהעפטן און צונויפקומען מיט די אַלע „העלדישע" בעלי־חלומות פון אונדזער אַלטער יידי־שער היים.

נאָר פון דאָרט קענען זיי שעפּן דעם קוואַל פון זייער פּאָע־טישער לויטערונג און פּאָעטישער הייליקונג. פּאָעטן, וואָס טראַכטן אויס „הוריות" און טרינקען נישט פון אַלט־גלויביקן פּאָלקס־קוואַל, — זיי זענען בלויז פּאָזירנדיקע נזירים און קינסטלערישע עקרים.

די גאַנצע געשיכטע פון פּאָעטיש־קינסטלערישן אויפבלי פון אַלע צייטן אָן, זאָגט עדות דערויף. פון אומגלויבן און אַנטווישונג האָט קיין פּאָעזיע און קונסט קיין מאָל נישט אויפגעבליט.

וואָס טוט אָבער דאָך דער פּאָעט, וואָס לעבט אין אַזעלכע טרויעריק־פּראַקטישע צייטן ווי די איצטיקע? דער דאָזיקער קינסטלער מוז זיך אומקערן צו דער אַלט־פאַרחלומטער, פּאַר־גלויבטער וועלט. נאָר דאָרט איז פאַראַן אַן אמת־לעבעדיקער קוואַל פון אומאויסשעפּלעכער פּאָעטישער פאַנטאַזיע.

אָט דעם דאָזיקן וועג האָט אויך געמוזט אָננעמען אַזאַ וואָ־גיקער פּאָעט ווי בעריש וויינשטיין. דערפאַר האָט ער אונדז געמוזט צוריקפירן קיין „ריישע" אויף צו שעפּן קינסטלערישע לופט פאַר זיין פּאָעטישן וווּנדער. אין „ריישע" האָט וויינשטיין פאַר אונדז זיך צעבליט מיט אַלע זוניקסטע פאַרבן און רעגנבויגנס; מיט אַלע זומערדיקע טעג און האַרבסטיקע נעכט.

אין „ריישע" האָט וויינשטיין, דער סאַמע ערשטער אין אונדזער פּאָעזיע, אויף אַ ברייטן לייוונט צעפּלאַטערט פאַר אונדז דאָס אַמאָליקע יידישע לעבן; דעם יידישן חלום, די יידישע שרעק און די יידישע הייליקייט:

> אין די ריישער פאַרנאַכטן נאָך ספירה,
> ווערט בלוי די שטאָט צווישן הימל־ערד.
> דאָס פעלד ווערט אָוונטיק, קיל און טיף,
> און לאַנגזאַם, שווער — פון צו פיל פאַשע,
> גייען מיט זאַטע אייטערס אַרום די קי.

און אָט איז די „נייע” יוגנט אין רײשע:

זומער אויפֿן פֿעלד — אין מיטן דער וועלט,
לערנען זיי זיך אין גרויסע ווינטן לויפֿן
צו קענען פֿאַרכאַפּן די גרויסע ערד.
מיידלעך אין מענערישן ברען, מענערישן שיק,
עסן טריפֿות, שלעפּן זיך מיט יונגען אַרום;
שטאָלצירן און האַלטן זיך אינטעליגענט;
טראָגן רימענס אויף די לענדן, ביכער אין די הענט
און שפּאַנען איבער גאַסן מיט זיכערן גאַנג.

אָבער פֿאַר וואָס אײַנגטלעך האָב איך זיך דאָ גלײַך אַריבער־געכאַפּט צו די רײשער „הפקר־יונגען”? צי וויל איך דען אויך אַנטלויפֿן פֿון דער רײשער קלויז, פֿון אַלטן חדר־שרעק? ניין, חלילה! דאָס אַלטע חדר, די קלויז פֿון דורות־יאָרן, — אין זיי האָט דאָך אויסגעבריט דער טיף־ייִדישער ברען פֿון אַלע אונדזערע חלומות און אידעען. די שפּעטערדיקע „פֿרייע”, „רעוואָלוציאָנערן” און חלוצים, האָבן דאָך געשטאַמט פֿון אוראַלטן פֿייער אין די חדרים און קלויזן.

לאָמיר טאַקע אַרײַנקוקן אין טייל פֿון ערשטן, וווּנדערלעכן קאַפּיטל:

גאָט, ווי עס קלאַפּט דאָס האַרץ פֿון אַ ייִנגל,
ווען ער גייט פֿונעם חדר אין די ווינאַכטן אַהיים
און זעט אויף זײַן וועג די דזשעוועקעס ברענען!
אַזוי פֿיל אימה שלאָגט פֿון זײַן גאַנג אַרויס.
אַלע אָנגעהערטע מעשׂיות שרעקן אים אַצינד.

און אַ ביסל ווײַטער:

אַז ישיר, ס'איז דער גרויסער שבת־שירה.
פֿון די פֿריע פֿענצטער שפּריצט פֿראָסטיקע זון.
ווייס און אויסגעשפּרייט ליגט די ערד.
די שטאָט איז שטיל, די שטאָט איז לער,

אָז ישיר משה ובני ישראל!
ס'איז דער גרויסער שבת־שירה.
ווי משה־רבינו איבערן ים־סוף,
פירט דער דזשיקאָווער זײַנע חסידים
אויף פּוילנס שבתדיקער ערד.

צו וואָס מען זאָל זיך נאָר נישט צוקוקן אין ווײַנשטײַנס „ריישע", צו די יונגע רעוואָלוציאָנערן, אָדער צום דזשיקאָווער רבין, שלאָגט פון זיי דער יידישער ברען, דאָס מעכטיקע געזאַנג פון יידישער מורא און שרעק, האָפער און גלויבן. און וואָס עפּעס נאָר פון זיי? און וואָס איז מיט דער תמימות פון די „וואָליע־יונגען":

מען קען קיין מאָל נישט פאַרשטיין דעם אומעט פון אַ פּויער,
ווען ער בלײַבט נאָכן יאַריד פאַר נאַכט אין טרויער.
איז אַ מאָל אַ דאָרפס־ייִד מנחהדיק אַזוי פאַרבליבן,
ווען ער האָט זײַן לעצטע קו אויפן יאַריד געטריבן
און זי מיט ציטריק געוויין צום קצב אָפּגעגעבן.

מען לייענט די דאָזיקע שורות און אַ ליבשאַפט נעמט אַרום צו די „וואָליע־יונגען", פּונקט ווי צו די למד־וואָוו־געשטאַלטן פון די אַמאָלן, וואָס זענען זעלטן נאָך דאָ ביי אונדז.

מען לייענט דאָס אַלץ און מען טראַכט: אַזוי הייליק איז גע־ווען יעדער יידיש טראָפּן בלוט, וואָס האָט גריזלט אין די פּויליש־יידישע שטעטלעך פון הונדערטער יאָרן און איז צום סוף אין אַזאַ מוראדיקן פייער אויף אייביק פאַרלענדט געוואָרן. אַזאַ קדושה־שטילקייט, אַזאַ שבת־רו ווייעט אַרויס פון ווײַנשטײַנס „ריישע".

די באָבע חנהלעך, מומע ראַצעלעך, די פלאַנטשערס, דזשיקאָ־ווערס און ר' שלמה לייבעלע טיטשינערס, וועלן דאָך אונדז באַ־גלייטן, טרייסטן און באַשיינען לדורות.

אַזאַ קרעפטיק ריינער עפּאָפּעישער פּאַטאָס, ווי אין ווײַנ־שטײַנס „ריישע", געהערט צו די אויסנאַמען, צו די זעלטנקייטן אין אונדזער גאַנצער ליטעראַטור.

אין דער ליטעראַטור פון אַלע פעלקער זענען אויף אייביק

פֿאַרבליבן נאָר די פּאָעטן און דערציילער, וואָס האָבן געזונגען און דערציילט פֿון קאָנקרעטן, לעבעדיקן לעבן.

לעבעדיקער רעאַליזם דערלאָזט נישט דעם אמתן קינסטלער זיך אַרומשפּילן מיט אויסטראַקטעניש און אָפּנאַרערײַ. רעאַליזם מאַכט טיפֿער יעדן קינסטלער, מײַנט אַנטפּלעקן די וואָר פֿון מענטש.

די ווײַניקע, וואָס זענען צו דעם דערגאַנגען, זיי וועלן אייביק פֿאַרבלײַבן גרויס אין זייערע קינסטלערישע אויפֿדעקונגען.

בײַ דער שבת־שויב

שײַן און אומענדלעך זענען די וועגן פֿון פּשוטן לעבן, פֿון אַלץ וואָס מיר קענען זען, פֿילן און באַגרײַפֿן. אומענדלעך זענען אויך די דורות פֿון די פּשוטע, אָפֿענע מענטשן, און אָפֿענע ייִדן. אמתע פּאָעטן, קינסטלער אַנטלויפֿן נישט פֿון זיי — פֿאַרקערט, זיי דערנענטערן זיך צו זיי און שעפּן פֿון דאָרט זייער ריינסטע פּאָעטישע השראת שכינה, אינספּיראַציע.

פֿון דעם דאָזיקן ברונעם איז פֿאַראַן אַ פֿולע מאָס אין ווײַנ־שטיינס „ריישע". ווו מיר גיבן אַ מיש עטלעכע בלעטלעך נעמט אונדז אַרום אַזאַ „אַלטע" גײַסטיקע רויקייט, אַזאַ דערהויבענע לויטערקייט, וואָס טרייסט און גיט אונדז האָפֿט.

אָט זענען די ר' לאָזערלעך, ר' שלמה לייבעלעך און באָבע חנהלעך:

אַ מלוכה פֿאַר זיך איז ר' לאָזערל ריישער.
און ווערט אַ מאָל פֿון אַ צדיק אַ חולה מסוכן,
פֿאָרט צו אים ר' לאָזערל דורך סכנהדיקן שניי.
בײַ זײַן האַנט מיט אַ לעמפּל זיצט דער גבאי
און זאָגט אויפֿן וואָגן תהילים פֿאַרנדיקערהייט.

אַז ר' שלמה־לייבעלע ווערט ערגעץ פֿאַרבעטן,
לאָזט ער זיך ווי אַ דאָרפֿס־ייִד אין וועג אַריין.
אין אַ באַלעגאָלישן מלבוש מיט אָפּגעשײַלטע שיך
גייט ער, מיט נאָך אַ מענטש, אויף דאָרפֿישן וועג;

קלײנװוּקסיק־אַלט, מיט אַ זעקל אין האַנט —
ווי אַן אורח פון אַן ערגעצדיקן ווײַטן יאַריד,
עס זאָל אים נישט דערקענען אַ היימישער ייד.

איצט וועגן:

חנהלע, דאָס איז דער ציטער פון שבת;
דאָס איז די תחינה פון דער שטוב.
אַז די לאַמטערנס אין דרויסן צינדן זיך אָן,
הייבט חנהלעס געזיכט אָן ווערן טריב.
גראָלעך, פרומלעך און באָביש־אַלט,
דערציילט חנהלע ביי דער שבת־שויב
פונעם עלטערזיידן, איר פאָטער ר׳ ליפּע.
זי געדענקט אים בלויז ווי אין חלום.
ר׳האָט זיך שטענדיק געפונען צווישן ספרים...

די אַלע געשטאַלטן וואָס ווײַנשטיין שילדערט אַזוי מייסטער־האַפט אין „ריישע", זענען אַזוי נישט־צוגעטראַכט, ווי די קינדע־רישע נשמה זיינע, וואָס האָט איינגעזאַפּט די דאָזיקע געשטאַלטן און זיי אונדז געגעבן אין הויך־קינסטלערישע זכרונות פון אַן אוממיטלבאַרן פּאָעט.

אמתן זענען אָריגינעלער פון צוטראַכטענישן. אמתע טאַלאַנטן זענען דערפאַר אינטערעסאַנטער און אינטריגירנדיק.

אונדזער גלויבן אין גאָט האָט נאָר אַ זינען אויף אַזוי ווייט ווי מיר גלויבן אין זיין געטלעכן שליחות צו דער וועלט.

אונדזער יידישע רעליגיע איז טאַקע תוכיק־אמתער, נאָר האָט געפאָדערט אַ גלויבן אין מצוות מעשיות, וואָס האָט אונדז פאַר־בונדן מיט דער געטלעכקייט אין דער וועלט.

אויך פּאָעזיע מוז זיין מעשהדיק, כדי צו זען און דערפילן דעם אמת פון אירע ווערטער. די דיכטונג וועלכער מ׳דאַרף גלויבן אויפן וואָרט, איז ספקדיק.

דורך פּאָעזיע, ווי דורך קונסט בכלל, מוז מען דערזען אַזעלכע בילדער, אידעען און וויזיעס, וואָס מען וואָלט אָן פּאָעזיע נישט דערזען; די בילדער, די זעונגען טאָרן נישט זיין אַזעלכע, וואָס זענען אין עמאָציאָנעלן לעבן נישט בנמצא.

די עובדא פֿון פּאָעט באַשטייט „נאָר" אין נעמען די פֿאַקטן און די אמתן פֿון לעבן און זיי באַלויכטן מיט דעם אייגענעם ליכט, געמיט און מיט אייגענער שטימונג.

וואָס טאַלאַנטפֿולער דער פּאָעט איז, אַלץ מער „פֿאַקטן" און בילדער איז ער בכוח צו „דעקן" און זיי צו באַהערשן.

בקיצור, וואָס גרעסער זיין טאַלאַנט, אַלץ אַ גרעסערן שטח פֿון לעבן איז דער קינסטלער בכוח איינצונעמען.

דער שענסטער אמת פֿאַר אַ פּאָעט איז די נאַטור פֿון לעבן, דער קוואַל פֿון מענטשנס טרויער און פֿרייד, ליידן און האָפֿענונג. דער אמתער טאַלאַנט שאַפֿט קונסט נאָר מיט אַזעלכע מאָטיוון און געשטאַלטן, וואָס זענען אים צום נאָענטסטן און וואָס זעטיקן צום מערסטן זיין לעבן.

שטראַליק איז געווען דער שניי פֿון די קינדער־יאָרן: שיין זענען געווען די חדרדיקע ווינטער־נעכט פֿון אונדזער שטעטלדיקן אַמאָל; די יידן מיט אַלע שבתים און טעג.

אַלע אונדזערע ערלעכע פּאָעטן קומען צוריק צו זיי. אָבער בעריש ווײַנשטיין איז קיין מאָל פֿון זיי נישט אַוועק; ער איז שטענדיק געבליבן דאָס פֿאַרחלומטע חדר־ייִנגל מיטן פֿרומען, ערלעכן געמיט פֿון זיינע טאַטע־מאַמע, זיידעס און באָבעס, פֿע־טערס און מומעס, און פֿון אַלע פּשוטע, הייליקע פֿאָלקס־יידן און צדיקים פֿון דער גאַליצישער שטאָט ריישע.

ווײַנשטיין איז דעריבער בכוח געווען צו דעקן אַזאַ ברייטן שטח פֿון דורות יידישן טרויער אין זיין „ריישע", אין זיין „אַמע־ריקע", „אין דוד המלכס גיטער" און אין אַלע גרעסערע פּאָעמעס.

צו זיינע נישט־יידישע געשטאַלטן ווי: נעגערס, שיכורים, מאַ־טראָזן קומט ער דאָך נאָר אַ דאַנק זיין געירשנט פֿרום ערלעך בלוט פֿון זיין פֿאָטער, ר' יעקב. נאָר מיט אַזאַ ירושה האָט ער געקענט אַזוי ליב באַקומען אַלע פּשוטע, אָפֿענע און היימלאָזע באַשעפֿענישן.

דורך ווײַנשטיינס קוואַליקע רייד ווײַנט און זינגט אַרויס דאָס גרויסע האַרץ פֿון אַ יידישן פּאָעט, — צו גאָט און צו דער וועלט. אדרבא, זעט וואָס ווײַנשטיינס עכטקייט האָט אויפֿגעטאָן.

ער האָט זײַנע טיף־אמתע ווערטער פון אַ לעבן פאַרוואַנדלט אין גרויסער פּאָעזיע.

לייענט מען די הייליקע מעשה „רײַשע", נעמט אַרום דער ציטער פון אונדזערע שבת־נשמות :

שלמה און משה האָבן דעם זעלבן גורל אויף דער ערד ;
ביידע איז די שטענדיקע פרעמד פון וואָגל באַשערט.
שלמה האַנדלט רייך און גרויס
און פאָרט אַ שפּעדיקער מיטן ביסל שניט אַרויס
פון פרי צו פרי, דאָרף־איין און דאָרף־אויס.

ווען ווערט פון אַזעלכע לעבנס גרויסע פּאָעזיע ? דעמאָלט ווען זיי ווערן נאָך אַ מאָל דורכגעלעבט פון אַ גרויסן קינסטלער. אין ווײַנשטיינען האָבן מיר דעם דאָזיקן פּאָעט געפונען.

אַלע קאַפּיטלעך פון ווײַנשטיינס „רײַשע" לייענען זיך דער־הויבן ווי תפילות געהייליקט אין טרערן פון אַלע יידישע דורות.

„רײַשע" איז אַ גרויסע עפּאָפּעע פון דורות יידיש לעבן, אויס־געזונגען און אויסדערציילט פון איינעם פון אונדזערע גרעסטע וואָרט־קינסטלערס.

ווײַנשטיינס נשמה איז אין תוך אַן אָפּשטאַם פון זײַן פאָטער, דעם חסיד און למדן ר׳ יעקב. ווײַל אויך זײַן גורל, דעם פאָטערס, איז ווי דער פּאָעטישער וועג פון בעריש ווײַנשטיין :

יעקב, אויף אַ פרעמדער אויסלענדישער באַן,
פאַרגייט זיך אין פאַרשעמט געוויין,
ווען ער שטעלט זיך דאַוונען אַ ייד אַליין.

נאָך יעדן מענטש גייט נאָך נישט בלויז זײַן אייגן לעבן, נאָר אויך דאָס געלעבטע פון יענעמס לעבן. אַזוי, אַז עס ווערט זײַן אייגנס.

מיר קענען זיך קוים פאָרשטעלן ווי גייסטיק־אָרעם עס וואָלט געווען דער מענטש, ווען ער זאָל נישט אַרײַננעמען אין זיך דרויסנ־דיקע איבערלעבונגען פון זאַכן און דערשיינונגען אַרום אים.

יעדער פּאָעט און קינסטלער, וואָס שליסט אין זיין שאַפן אויס די וועלט מחוץ אים, גייט אויף אַ פּרוכטלאָזן וועג. וויינשטיין געהערט צו די פּאָעטן, וואָס גייען מיט דער וועלט און מיט איר אמת; ער גייט מיט דעם לעבעדיקן רעאַליזם און בלייבט דעריבער כסדר פריש און אומבאַגרענעצט אין זיין שאַפן.

וויינשטיין גייט נאָך קינסטלעריש־געטריי און עכט זיין אייגן לעבן, ווי די איבערלעבונגען פון אַנדערע, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין זיין לעבנס־וועג.

ער איז נאָכגעגאַנגען זיין אייגענער קינדהייט מיט זיין זכרון, געמיט, אַזוי עכט, ווי אַ קינד. בפרט געהערט ער צו די יידן אין גאַליציע פון די לעצטע פופציק יאָר, די טרויעריקסטע פון אַלע גלות־צייטן.

פון איין זייט האָבן נאָך געלעבט די ר׳ שלמה לייבעלעך, די באָבע חנהלעך, די מומע ראַצעלעך, און פון דער אַנדערער זייט זענען אויפגעקומען נייע טרוימער־יידן, וואָס האָבן אָנגעפאַנגען גלויבן אין אַ נייער ערדישער וואָר.

ווער זענען דען געווען די „שמחהס״ און אַנדערע רעוואָלוציאָנערן, אָדער די חלוצים, אויב נישט די נייע שרשים פון אַלטע יידישע חלומות?

דער סוף נײַנצנטער און דאָס ערשטע פערטל פון אונדזער צוואַנציקסטן יאָרהונדערט וועט סוף־כל־סוף פאַרבלייבן אין אונדזער געשיכטע, ווי די הערלעכסטע עפּאָכע פון מענטשלעכע און יידישע רעוואָלוציעס. די יידיש־אידעאַליסטישע דורות פון מזרח־אייראָפּע אין אונדזער יאָרהונדערט; די סאָציאַליסטישע־רעוואָלוציאָנערן און די ציוניסטישע חלוצים ביז די געטאָ־קעמפער און ישראלס באַפרייער, זענען דאָך אַ רעזולטאַט פון אידעען, וואָס האָבן באַלעבט און רעוואָלוציאָנירט אייראָפּע. דערביי טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז ווי ווייט ס׳איז דער מהלך פון חלומות ביז האַרטער ווירקלעכקייט, איז דער מהלך אין אונדזער אייראָפּעיש־יידיש לעבן געווען אומפאַרגלייכלעך ווייטער, טיפער און טראַגישער. אין דער זעלבער צייט, וואָס עס איז ביי אונדז אויפגעשטאַנען אַ דור חלוצים, רעוואָלוציאָנערן און מענטש־באַפרייער,

האָט דאָס באַפרייטע פּוילן געשניטן יידישע בערד; אונדז גע־וואָרפן, געשאָכטן און פּאָגראָמירט, צוגעטיילט אונדז שוואַרצע שבתים און יידישע לוויות. געווען אַ צייט אין יידישן פּוילן ווען פון איין זייט האָט אונדזער יוגנט געברויזט, געקעמפט און געפלאַ־טערט מיט „ציון"־חלומות, בעת די מורא פון אַ יידיש קינד פאַר אַ גוי איז געווען גרויס; בעת אַ יידיש האַרץ איז איינגעפאַלן פון שרעק פאַר אַ גלחימדיקע פּראָצעסיע. אַזאַ פינצטערער פּחד איז געווען פאַר יידן אין אויפגעוואַכטן, באַפרייטן פּוילן.

ס'איז געווען די צייט פון די „האַלערטשיקעס", פון די נייע פּוילישע שחיטות; אויך יידישע שטעט, פאַרמעגנס און לעבנס. דעמאָלט האָט דער גאַנצער יונגער יידישער דור זיך געגרייט צו פאַרלאָזן דאָס פאַרשאָלטענע פּוילן. די יוגנט איז אַוועק איבער־לאָזנדיק די עלטערן; פאַרהייראַטע יונגעלייט האָבן איבערגעלאָזט זייערע ווייבער; מ'איז געלאָפן ווו די אויגן האָבן געטראָגן. טייל האָבן פאַרגעסן אין זייערע פרויען, טייל האָבן גלייך צוריקגע־בענקט אַהיים; טייל האָבן שפּעטער געוויינט, פאַרלוירענע אויף די גאַסן פון דער גרויסער וועלט. אָט די דאָזיקע עפּאָכע ווערט איינציקאַרטיק געשטאַלטיקט און קינסטלעריש פאַראייביקט פון בעריש וויינשטיין.

דער שבת־שטערן, מיט וועלכער דער דיכטער באַלויכט זיין באָבע חנהלע, די מומע ראַצעלע, דעם טאַטן ר' יעקב, די פעטערס זיינע, ווערט דורך בעריש וויינשטיין געשילדערט מיט אַזאַ ציטער, וואָס נאָר אַן אמתער פּאָעט פאַרמאָגט.

בכדי אויפצופרישן אונדזערע אייגענע יוגנט־טעג פון שטעטל־דיקן אַמאָל; בכדי אויפצופרישן אונדזערע אַמאָליקע זעונגען, פילונגען, טראַכטונגען און לעכצונגען, וועט זיך זיכער לוינען דאָ צו ברענגען בלויז עטלעכע אויסצוגן פון דעם ווערק:

דער שבתדיקער טאַטע איז צו שלש־סעודות אַוועק
און אויפן טיש ליגן נאָך צעוואָרפן זיינע ספרים;
די פאַרבליבענע שאָלעכצן פון די שבת־אויבסן,
צו די טישטעכער צוגעטריפט שטייען די לייכטער —
און מאַמעס און באָבעס קוקן דורך די פענצטער, —

קוקן די אויגן אויס נאָך אַ וואָכעדיקן שטערן;
די פֿלאַמענדיקע הבדלה פֿון „גוט־וואָך" צו הערן.
ס'איז אומעטיק צו זײַן אַ מאַמע בײַ די שבת־שויבן.

דאָס איז די קונסט פֿון עכטן טאַלאַנט, וואָס רופֿט אַרויס, מיט איין באַצייכענונג, דאָס גאַנצע לעבעדיקע בילד פֿון זכרון.

דאָס איז די דיכטערישע עכטקייט, וואָס שאַפֿט נישט קיין קינסטלעכע שטימונג, נאָר גייט נאָך דאָס איבערגעלעבטע, פֿון וואַנען מיר קריגן אַרויס דאָס אויפֿגעשטראַלטע וואָרט.

פֿאַראַן פּאָעטן, וואָס נעמען אייך מיט אַ בליץ פֿון אַ וואָרט; מיט אַ זאָג, מיט אַ ניגון צי גאָר מיט אַ רמז. בײַ ווײַנשטײנען, אָבער, דערפֿילט מען די עיקר־הנאה דעמאָלט, ווען זײַנע ווערטער רוקן זיך צוזאַמען און שאַפֿן אַ בילד, וואָס ער פּראַלט אויף פֿאַר אונדז מיט אַזוי פֿיל ריחות פֿון לעבעדיקן לעבן. משל זה למה הדבר דומה? ס'איז געגליכן צו אַן אויפֿגעבליטן בוים פֿול מיט פּירות. פֿאַראַן, ווידער, פּאָעטן, וואָס ווײַזן אייך נאָר פֿון דער ווײַטנס דעם בוים מיט זײַנע פּירות אַזוי, אַז מען קען בלויז זען די שיינ־קייט און דערפֿילן אירע וווּנדערלעכע ריחות, אָבער צוצוקומען נאָענט און פֿאַרזוכן דעם טעם, דערלאָזט נישט דער דאָזיקער מין־פּאָעט. ווײַנשטײן, אָבער, ברענגט דעם גאַנצן פּרי־העץ נאָענט צום מויל, אַזוי, אַז מען קען נישט נאָר זען, נאָר ממש עסן די פּירות. הנאה האָבן און זיך אָנזעטיקן מיט זיי. יעדע שורה ווײַנשטײנס, האָט אונטער זיך דעקונג און טוט אַ שלאָג־אויף מיט אַזאַ ברייטן אָטעם, וואָס ווערט לעבן.

יעדער דיכטעריש בילד, אין איצטיקן פֿאַל, פֿון „ריישע", עפֿנט פֿאַר אייך אויף דעם ייִדישן וואַלד פֿון לעבן, דורות און חלומות:

און דאָס זענען די יונגען פֿון דריקעראָווקע,
פֿון טאַטעס וואָס קנעטן ציגל און מאַכן קאַכליעס;
פּירן פּונעם ווײַסליק ליים פֿאַר דריקערס ציגעלניעס.
יונגען פֿון דער דריקעראָווקע גייען אין שקאָלעס;
לערנען אַפֿילו אין די העכערע „ווידזשאַלאָוועס".
ווינטער גייען זיי אין די סאָציאַליסטישע פֿאַראיינען,
די ביכער פֿון קאַרל מאַרקסן לייענען.

און באַלד זעט מען די שטעטלדיקע אידיליע:

זומערדיק און זאַט שטייט די שטאָט פאַר נאַכט.
ביי די רינשטאָקן בליען ביימער, קאַשטאַנעס קיל,
און בלעטער צווייגן בויגן זיך רייף און גרין,
שאָטנדיק פאַר די הייזער זיצן אַלע מאַמעס מיד
און זענען באַרעדעוודיק און זענען אומעטיק.

איטלעכער, וואָס האָט זיך אַ מאָל אָנגעגליט מיטן פייער פון אונדזערע יידיש־שטעטלדיקע פאַרנאַכטן, מוז נאָך אַ מאָל אויפלויכטן ביים לייענען די פאַרבן־רייכע טיילן פון „ריישע"; איטלעכער, וואָס האָט אין זיין קינדהייט געזען די לעגענדאַרע אָרעמקייט, די למד־וואָווניקעס, די בעטלערס בין מנחה־למעריב אויף די בענק הינטערן בית־מדרש־אויוון, וועט נאָך אַ מאָל דער־פילן דעם אָטעם פון:

אין אַזעלכע פאַרנאַכטן קומען מאָדנע יידן אָן.
זיי טראָגן דאָרפישע בערד, גרויסע בלאָטיקע שטיוול;
צעשפּריצטע פּאָלעס אין זייערע גאַרטלען פאַרשטעקט —
און ווערן קיין מאָל נישט מיד איבער הייזער צו גיין.
זיי האָבן נישט קיין ווייבער און נישט קיין שטיבער —
די טאָרבע איז זייער היים, די קלויזבאַנק דאָס געלעגער
און זיי פילן זיך אין אַלע שטעט טרויעריק און פרעמדער;
אַזוינע אָפּגעריסענע יידן מיט משוגענע געזיכטער.

אָדער:

אומעטיק ווערט דער שבת ווען די זון פאַרגייט.
די שטאָט שפּאַצירט ביז דער הימל ווערט גראָ.
ביז די שויבן טונקלען, ווערן פאַרנאַכטיק־בלאָ —
ס'איז טרויעריק צו זיין אַ מאַמע אין אַזאַ שעה.

די שבתים, די וואָכן, די גיבורים, די אָרעמעלייט, די באָבעס, זיידעס און אייניקלעך — אַלץ וואָס וויינשטיין מאָלט אין „ריי־שע", איז דורכגענומען מיט דינעם חלום, מיט פרומען ציטער. אַ באַזונדער וויכטיקן טייל אין „ריישע" פאַרנעמט די צייט

פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און דער אָנהויב פון פוילנס באַנייונג.

דאָס לעבן און וואַנדערונגען פון די יידן אין גאַליציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה; שפּעטער די שרעק פון יידן בעת עס האָבן געבושעוועט די האַלערטשיקעס, — די דאָזיקע צוויי תקופות זענען ביז וויינשטיינען כמעט נאָך נישט אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין אונ־דזער פּאָעזיע.

דער גאַנצער פּחד פון יידן אין גלות פאַלט אויף אונדז, ווען מען לייענט די פּאָגראָם־שילדערונגען אין די טעג פון פוילנס זעלב־שטענדיקייט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה:

א פאַרטאָג פון פאָרכט און יידן,
פון אויפגעפלאַמטע קלויזן.
יעדעס יידיש געסל ציטערט אויף.
פרום ציען די שול־מויערן אַרויף,
ווי אין אַלטן פּראַג דאָס שול־הויף.
הנשמה לך, והגוף שלך.

ווייטער קומט וויינשטיין מיט אַזאַ קראַפט פון אַ שוואַרצן שבת־פּאָגראָם אין ריישע, ווי ביאַליק אין זיין „שחיטה־שטאָט”. בלויז אַ קליינער ציטאַט:

די מאַיאָווע זון איז געשטאַנען הויך,
יידיש האָב־און־גוטס האָט געשטויבט ווי רויך,
ריישע איז געוואָרן שוואַרצער און געדיכטער
און מיט אַ צעהיצטן צאָרן אין די געזיכטער,
איז עשו אַרומגעגאַנגען פון שוועל צו שוועל
און רק געראַבעט פון האַנט צו מויל.
ווי ווינט וואָס שלאָגט דאָס וואַסער,
האָבן שטיינער געשלאָגן די פענצטער —
ווי האַרבסט וואָס פליקט די בלעטער,
האָבן הענט געפליקט יידישע שלעסער.
אין גוי דאָס בלוט האָט געזאָטן פרעכער
און איז געוואָרן שרייענדיק און ווילדער.
ס'איז נישט געווען אַזוי דאָס זאַק־רויב,
ווי דאָס, וואָס פונעם שבת איז געוואָרן דרויב.

נאָך די דאָזיקע פּאָגראָם־טעג פּאַרלאָזן מאַסן יונגעלײַט דאָס „מאַיאָווע״ פּוילן, צווישן זיי געפינט זיך אויך בעריש ווײַנשטיין. צוזאַמען מיט אַנדערע מאַכט ער דורך דעם וועג איבער פרעמדע, היימלאָזע שטעט:

מעג עס זײַן לאָנדאָן, ווין צי בערלין,
ביטער איז דער עלנט צו זײַן אַליין.
וואָס גרעסער די שטאָט, ביטערער די וועלט.
האַרבסט אין דער נאָוועמבערדיקער קעלט.

אין בוך „רײַשע״ פאַרענדיקט ווײַנשטיין זײַנע נע־ונדן ביז ער קומט צו דער ריזיקער ניו־יאָרק.

„רײַשע״ ענדיקט זיך טאַקע מיט בענקשאַפט פון אַ טרויעריק ייִנגל. היות, די דאָזיקע בענקשאַפטן באַגלייטן ווײַנשטיינס שאַפונגס־וועג ביזן היינטיקן טאָג, וועט אונדז דעריבער נאָך אויסקומען צו באַקענען זיך מיט די פאַרשידענע בענקשאַפט־פאַזן אין זײַנע ווײַטערדיקע שאַפונגען.

האַרטעווירקלעכקייט

אויף צו לעבן מיט פּאָעזיע דאַרף די פּאָעזיע זײַן נאָענט צום לעבן. צו דעם דאָזיקן אויספיר בין איך געקומען נאָכן אַרײַנלייענען זיך אין די שאַפונגען פון בעריש ווײַנשטיין.

אויב „רײַשע״ איז די פּאָעזיע פון אַ פאַרשווונדן חלום־לעבן, איז „אַמעריקע״ די פּאָעזיע פון אַ האַרטער ווירקלעכקייט, וואָס לעבט, אָבער וואַרעמט אונדז נישט.

אַן אַוועקגעגאַנגען לעבן לאָזט נאָך זיך דעם בענקשאַפט־אַראָמאַט, וואָס איז שטענדיק די מוטער פון פּאָעזיע. צו נעמען אָבער דאָס קעגנוואַרטיקע גראָע לעבן און עס איבערגיסן אין פּאָעזיע, צו דעם מוז מען זײַן אַ פּאָעט מיט אַ גרויסן כוח.

אין „ברוכוואַרג״ האָבן מיר די אָפּגעהאַקטע לידער פון בלוט און טרויער; אין „רײַשע״, די עפּאָפּעע פון ראָמאַנטיק און חלום. אין „אַמעריקע״, אָבער, האָבן מיר דאָס קוואַליקע, אומענדלעכע

געזאַנג פון דער אַמעריקאַנער ערד, פון דער רויער אַמעריקאַנער וואָך. מיר האָבן דאָ דעם כּוח פון אויסזינגען איר אומבאַגרענעצטע עפּיק. ס'איז נישט סתם כּוח פון דיכטעריש־דערציילן; ס'איז די קראַפט פון יענעם אומענדלעך ייִנגל פון רייסן, ווין. זיין הימלאָז געזאַנג פליסט שטורמיש אַריין אין ברייטן עלנט פון גרויסן אימיגראַנטישן אַמעריקע.

עס איז אַ חלום פון וואַנדערלוסט און האַרבסטיקן אומעט פון פעלדער, ימים און שקיעהס, וואָס באַגלייטן ווײַנשטיינען:

בלוי און גראָ איז די וועלט אויפן ים.
די וואַסערן שלאָגן מיט שוימיקן פלאַם.
די שיף קעגן שקיעה ציט שאַרלעך מילד
און יאָגט זיך נאָך ערד, נאָך לענדער ווילד.

ווען ווײַנשטיין קומט ענדלעך אָן אין דער גרעסטער וועלט־שטאָט, ניו־יאָרק, באַגעגנט ער דאָ אַזוי פיל הימלאָזיקייט, וואָס צעגליען נאָך שטאַרקער זיינע פּאָעטישע בענקשאַפטן און פאַרשאַרפן זיין אייגענעם קינדערישן צער.

יעדע ניו־יאָרקער גאַס איז אַ וועלט פון הימלאָזע מענטשן און פעלקער. דער פּאָעט וואַנדערט און זאַפּט אַריין אין זיך דעם טרויער פון פעלקער. אַליין אַ ייִנגל אין דער פרעמד, זינגט ער אויס אין בענקשאַפט צוריק אַהיים:

לך לך מארצך וממולדתך —
אין דער היים, ביי דער סדרה איצט,
זיצן די ייִנגלעך אין חומש פאַרטיפט
און דער שניי אויף די חדר־שויבן בליט.
נישט אין טשאַפּלינען. טאָם דיקס פאַרטיפט,
נאָר אין אברהמען פון חרן.

אָדער:

ווי זאָלסטו די אויגן נישט אויסקוקן נאָך אַ בוים,
נאָך אַ ביסל גראָז ווי אין דער היימישער היים,
וועסטו עס אויף דער איסט־סאַיד נישט זען!
בעסער בענק ביי איסט־ריווער אַליין;

דאָס האַרץ לאָז מיט דער לבנה גיין
איידער עמעצן געבן דיין אומעט צו פאַרשטיין.

ווײַנשטיין האָט אַרײַנגעגאָסן אין דעם מעכטיקן שטראָם פון דער נייער אַמעריקע אַ פריש פאַרחלומטן טרויער:

צו דיר, אַמעריקע, ברייט אויסגעחלומט לאַנד,
האָט מען ווי דורך פייער, גרענעצן געשפּאַנט.

באַלד נאָכן אָנקומען אין אַמעריקאַנער האַפן הויבט זיך אַרויס דאָס זעענדיקע ניו־יאָרק מיט איר שטיינערנעם גראָ פאַר די אויגן פון אַ פּאָעטיש יינגל:

ניו־יאָרק הייבט זיך אָן ווי מיט אַ מאָל
אין אַ געדיכטן רויך, אין אַ פאַרטויבטן שטאָל.
פון די באָרטנס אַרום זעצט אַרום אַ נעפּל.
איטלעכער האַפן איז אַ מסחרדיק שטעטל...
ניו־יאָרק הייבט זיך אָן מיט פאַרשטיקטע שויבן;
פאַרשטיקטע „שעפּער" און פאַרגרויטע מענטשן.

מיטן גרינעם יינגל דערפילן מיר גלייך דעם שאַפּ:

אומבאַהאָלפן גרין ווי ס'יינגל איז געווען,
אַזוי איז פאַר אים דער שאַפּ געווען.
ס'פאַלט פון די הענט, פאַלסט פון די פיס
אַנשטאָט ציגל ברענגסטו ליים —
אַנשטאָט אַרבעטן בענקסטו אַהיים —
ביסט אַ יינגל צווישן גוים אַליין.
און ווערסט ווי אין דור־הפלגה צעמישט.

בעריש ווײַנשטיין דרייט זיך אַרום אין ניו־יאָרק נישט בלויז מיט זיין אייגענעם אומעט; ער איז דער פּאָעט־עפּיקער, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אונדז צו געבן אימיגראַנטישע מענטשן, צווישן וועלכע ס'איז אים אויסגעקומען צו לעבן און אָטעמען. זיין זען און זיינע געפילן זענען אין לשער.

עס שלאָגט פון אים ווי פון אַ קוואַל און מען ווערט פאַר־כאַפּט פון זיינע רייכע בילדער־פאַרבן, פון די טיפן און געשטאַלטן, וואָס ווייַנשטיין מאָלט און פאָרעמט־אויס אין זיין ווערק „אַמע־ריקע".

שטאַרק, אין פּאָעטישער קראַפט, שפּיגלען אָפּ ביי אים שטי־קער גאַסן, טייכן, מענטשן פון לעבעדיקן ניו־יאָרק. ער מאָלט דעם אויסגעוואָרצלטן שטעטלדיקן סוחר, פּושקאַרט־הענדלער, שאַפּ־אַרבעטער, אויפגעקומענע פאַבריקאַנטן און לאַנד־באַזיצערס. צום טרויעריקסטן פון אַלע פילט זיך דער פרומער ר' הערש צו מנחה־צייט אין ניו־יאָרק:

אַ צער איז אָבער אויף יענעם ייד,
וואָס וואָלט איצט אין שאַפּ דאָ,
געוואָלט אַריינכאַפּן אַ קדושה,
נאָר גיי, אַז ס'איז קריעת ים־סוף אַ מנין!
ר' הערש בלייבט נאָך צו חוזק, צו שפּאָט...

ווייַנשטיין פאַרמאָגט דעם כוח נישט בלויז פון אַ גרויסן עפּיקער. פאַראַן ביי אים אַזאַ טיף מיסטישע ליריק, וואָס ציטערט אויף די געפילן פון לייענער. זיין שפּראַך איז אָפּט מאָל אַ ווידער־קול פונעם לשון פון תהילים; אַזוי אומגעקינצלט ווי די מאַמעס „צאינה וראינה"־שפּראַך, און מוזיקאַליש ווי יעדער ליד, וואָס קוואַלט פון די טיפסטע מענטשלעכע עמאָציעס:

אָט־דאָ
וווּ דייוו האָט צו שלש־סעודות די שול אויפגעמאַכט,
וואָלט ס'יינגל זיך איצט צעוויינט,
ווען ר'וואָלט זיך פאַר מענטשן נישט געשעמט.
ביים נעגערישן מקום־קדוש וואַרט דייוו
אויף אַ מנין — שבת פון דער גאַס.
די יינגלעך וואָס יאָגן און פלאַמען,
ווערן נישט אומעטיק, ווערן נישט טרויעריק.

ווייַנשטיינס ליד קומט פון אַן אומאויפהערלעכן קוואַל פון געזאַנג, — עפּיק און ליריק אין קינסטלערישן סינטעז:

ווען ס'פּאַלט צו דער פאַרנאַכט גרוי,
ווערט אַרום די שעפּער אויך שטיל אַזוי.
דעמאָלט ווערן די גאַסן לער און באַנג.
ווילסט אַרומגיין שטום מעת־לעתן לאַנג;
פאַרלוירן פון מענטשן, פון חברים;
און ווי טיר און טויערן
טרויערן.

גרויסע ליריק באַקומט אָטעם ערשט דעמאָלט, ווען זי רײַסט־מיט ברייטע שטחים לעבעדיקע עפּיק. בלויז „איכישע" ליריק איז געווײַנטלעך באַגרענעצט אין שטח און אין אינהאַלט.

מען קען נאָך אין יעדער עפּישער פּאָעמע, פון אַ גאָט־געבענטשטן פּאָעט, געפינען באַזונדערע לירישע לידער, אָפט לירישער ווי ביי אַ מייסטער פון קליינעם לירישן ליד.

אַוודאי זענען זעלטן פאַראַן אין יעדער ליטעראַטור גרויסע פּאָעמעס, וואָס זאָלן באמת זיין גרויסע פּאָעזיע, ווייל ווייניק פּאָעטן האָבן דעם כוח אויפצונעמען די קאַלטע, גראָע, ערדישע פּראָזע און זי אויסגליען אין פּאָעטישער עפּיק.

בעריש ווײַנשטיין געהערט בלי ספק צו די פּאָעטן, וואָס האָבן דעם כוח צו פאַרוואַנדלען די ברייטסטע שטחים פון עפּיש לעבן אין ריין צעגליטער פּאָעזיע.

אומרויק זענען ווײַליס דאָרפישע נעכט.
ער איז צו יעדן פענצטער וואַך, צו יעדער טיר,
פונקט ווי דער הונט וואָס שפרינגט פון מינדסטן ריר.
ווי אַ געטרייער קנעכט — צו זיך אַליין,
האָט ער זיך אַ שטוב אויפגעשטעלט פון ליים.

ווײַנשטיין קען דיכטעריש אַ שפּיל־טאָן אויף אַלע וואָרט־אינסטרומענטן. ער באַהערשט אויך פול דעם פּאָלקלאָריסטישן געזאַנגס־מעטאָד. אָפט מאָל טראָגט ער אויך אַנטקעגן אַזאַ לײַביק זון־געזאַנג ווי:

וואָס איז דאָ די נפקא־מינה
צי דייזי איז פון ווירדזשיניע,

צי ווילי איז פון אוקראַינע.
וואָרעם אין אַלץ וואָס דייזי טוט,
זעט ווילי אַ ווייב אין גלוסט;
אין איר מעלקן די גליטשיקע אייטערס
און איר אַנטבלויזטע אָטעמדיקע פלייצע.
מיט דער ערדישקייט פון אוקראַינע,
גייט ווילי אויס נאָך דייזין פון ווירדזשיניע.
פאַרבלייבט אין הייס בליט ביי זיי די נאַכט;
דייזיס בריסט אָטעמען הויך אויף שטרוי,
און ווילי בריט צו איר ווייך און רוי.
דייזי איז אַ בלאַט, ווילי איז איר טוי.

אַזעלכע ערדישע שורות ווי די אין ווילי און דייזי, אַזאַ קרעפטיקע לירישע שטראָמיקייט אין פיל אַנדערע פאָעמעס; אַזאַ אָפענע קלאָרקייט פון אמת, וואָס מיר געפינען ביי וויינשטיינען, איז אַ זעלטנהייט.

וויינשטיינס ליריק דערגרייכט שטענדיק זיין שטאַרקסטן הויך דעמאָלט, ווען ער טרעט אַרויף אויפן ברייטסטן ערדישן באָדן. זיין ליידנשאַפט און טרויער פון לעבן צעלויכט אונדזער פאַנטאַזיע און וויזיע, און נאָר אין זיי איז דער כוח פון פאָעזיע און קונסט.

אַלע אַנדערע, אויסער די פאָעזיע פון ערדישן לעבן, זענען אויסטראַכטענישן. אויך געדאַנקען דאַרפן מיר קענען זען; ס׳איז נישט גענוג בלויז דאָס באַגרייפן זייער אַבסטראַקטלעכן חידוש.

אַלע זאַכן האָבן אין זיך דעם ווערט פון אמת נאָר דעמאָלט, ווען מיר קענען זיי זען און פילן, בענקען נאָך זיי און חלומען וועגן זיי.

בלויז דאָס קאָנקרעטע, נאַטירלעכע און לעבעדיקע מוז זיין די סיבה און דער תכלית פון אַלע גייסטיקע שאַפונגען און אמתן. קיין אַנדערע פראָבע וועגן עכטקייט און ווערטיקייט פון שעפערישקייט איז נישט פאַראַן.

אַלע צווייפלען און גלויבנס וועגן וועלט און גאָט זענען לאַנג שוין געזאָגט געוואָרן און האַלטן נאָך אין איבערגעזאָגט ווערן אין פאַרשידענע ווערסיעס.

דער אײנציקער רעזערוו, וואָס איז נאָך געבליבן פאַר אונדזער גײסטיקער שעפערישקײט, ליגט אין בילד פון לעבעדיקן אמת, וואָס איז אומבאַגרענעצט און איז כמעט ווי נישט באַרירט געוואָרן.

ווי דאָס לעבן, וואָס איז אומאויפהערלעך דינאַמיש און פול מיט חידושים, אַזוי דאַרף אויך זײַן די פּאָעזיע.

ווי די צאָל לעבנס, וואָס מערן און ענדערן זיך, דאַרף אויך איר פּאָעזיע זײַן אומבאַגרענעצט. אַבסטראַקטע פּאָעזיע איז אָפּגעריסן, אויסגעלאָשן פון עצם לעבן.

אַפילו וועגן גאָט קען אַ דיכטער נישט האַלטן אין איין רעדן, וואָרעם גאָט איז אַן אומגעזעענער און אַבסטראַקטער; אויך אים דאַרף מען כסדר זען פריש, ניי און אײביק ווי די נאַטור.

גאָט איז די נשמה פון דער וועלט; דורך אים ווערט ליכטיקער, טיפער אונדזער באַדײַט; פון אים ווערן אויסגעשפרייט אַלע באַשעפענישן אַרום אונדז.

אַ פּאָעט, אַן אמתער, האָט די נשמה, וואָס דערהויבט דאָס פּנים פון דער וועלט, אָבער אויך דעם פּאָעטס נשמה באַקומט ערשט כוח נאָכן אויסליכטיקן זיך אין בילד פון דער וועלט. פון דעם דאָזיקן סוד ווײסן אַלע געבענטשטע פּאָעטן; זיי זענען די דאָזיקע, וואָס באַשײנען אונדז מיט זײער פרוכטבאַרן טאַלאַנט.

די אויפגעהיטע ירושה

אַן עכטער פּאָעט באַשטימט זײַן טעמאַטיק לויטן כוח המושך פון זײַן שורש. מיר דערזעען גלײַך די אײנהײטלעכע צורה פון זײַן קינסטלערישן מאַטעריאַל.

ווײַנשטיין געהערט צו די פּאָעטן, וואָס ווייסן דעם סוד, אַז עכט־קינסטלערישער טאַלאַנט צעבליט זיך נאָר דעמאָלט, ווען ער שאַפט פאַר זיך גענוג טעמאַטישן רוים. אָבער ווי ברייט אויסגעשפרייט ס'איז ווײַנשטיינס טעמאַטיש־רוימלעכער שטח פון זײַן ליד, טראָגט דער דיכטער איין פּנים, זײַן אײגנס אין זײַן גאַנצן דיכטערישן שאַפן.

וועלכער איז דער איינער תוך, דאָס איינציקע פּנים זייַנס אין זייַן שאַפֿן?

ס'איז נאָך נישט דאָס, וואָס ווייַנשטיין גיט אונדז מענטשן אין שטענדיקן מצב פֿון טרויער און עלנט, פֿון חלום און בענקשאַפֿט. די דאָזיקע שטריכן זענען נאָך נישט דער עיקר תוך. זיי זענען נישט בלויז אַ רעזולטאַט פֿון באַשטימטע סיטואַציעס, נאָר האָבן דעם מקור און כאַראַקטער פֿון אַ טיף־מענטשלעכער נשמה.

פּיזישע אָדער סאָציאַלע סיטואַציעס און מצבים זענען נאָך נישט די איינציקע סיבות צו פֿאָרמירן אַ געמיט, אַ שטימונג, אַ נשמה פֿון לעבן. פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס לויט זייער פֿאַקטישן מצב זענען זיי עלנטע מענטשן, אָבער זיי אַליין פֿילן דאָס נישט. פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס דאַרפֿן טרויעריק זייַן און זענען גאָר דער היפּוך. דאָס זעלביקע מיט אַזעלכע, וואָס דאַרפֿן בענקען, חלומען און טוען עס נישט.

אין דער זעלבער צייַט זעען מיר אויך דאָס פֿאַרקערטע.

מענטשן, וואָס האָבן אַלע מעגלעכקייטן צו זייַן צופֿרידן פֿון זייער זאַטער וואָכעדיקייט, ווערן גאָר חלומדיק און שבתדיק; טראָגן שטענדיק אין זיך אַזאַ דינעם טרוים צוליב עפּעס, וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט נישט פֿאַראַנען; צוליב עפּעס אַ ריינער, ערלעכער וועלט, וואָס איז בירושה אַרייַן אין זייער בלוט.

אַז מיר וועלן גאָר ווייט פֿאָרשן, וועלן מיר זען, אַז גרויס־קינסטלערישע שאַפֿונגען האָבן זייער מקור אין דער פּיזישער און גייסטיקער לופֿט, וואָס דער קינסטלער האָט מיטגעבראַכט פֿון זייַן קינדערישער וועלט.

דאָס אָנהאַלטן זיך אָן דער אַלטער היים, אָן די יוגנט־חלומות, און דערמיט אַוועקוואַנדערן אַ דערוואַקסענער אין דער גרויסער קאַלטער פֿרעמד, איז גאָר אַ גרויס געווינס פֿאַרן קינסטלער.

ווען אַ פּאָעט פֿאַרבלייַבט אינערלעך געטרייַ זייַן געבוירן־אָרט, ווירקט דאָס אויך שטאַרק אויף זייַן קינסטלערישן פֿונאַנדערוווּקס.

וואָס אָבער פֿאַרט מיינט די ערשטע היים פֿון אַ פּאָעט? עס

מיינט צוריקגיין צו יענעם אַמאָל, ווען מ'האָט אַלץ געזען ווי אין אַ חלום. דאָס איז אייגנטלעך די פּאָעזיע פון גלויבן אין שענערן, לויטערערן פּנים פון באַשאַף. אונטער אַזאַ פּאָעזיע איז אויסגע־שפּרייט די הייליקייט פון אַ קינד.

נאָר אַזוי, און דווקא נאָר אין דעם, זע איך דעם מקור און תּוך פון דער ווײַנשטיין־פּאָעזיע.

ווײַנשטיין, דער דיכטער, טרעפט זיך צונויף מיט די הער־לעכסטע באַשעפענישן, וועלכע בענקען און חלומען פּונקט ווי ער.

אַזוי ווײַנט ביי אים נאָך דער היים דער שיכורער פּיטער, ביי דער שאַרפער לבנה אויפן בלאַנקענדיקן שניי; אַזוי בענקט ביי אים אַהיים דער טראַגישער בעטהאָווען.

נאַכטיש איינזאַם און פאַרגלויבט איז ביי ווײַנשטיינען דער גרויסער לינקאָלן, ווען ער מישט די בלעטער פון תּנ"ך. לינקאָלן, פון אַלע זיינע שטורמען און קאַמפן, וואַקסט ביים דיכטער אַמ־טיפסטן אויס אין די שורות, דעמאָלט, ווען ער זיצט מיט זיין מאַמע נענסי ביי דער ביבל:

איך בלייבט תמיד ביים אָוונטיקן טיש
אין נענסיס פאַרצייטישע בלעטער פאַרמישט.
יאָ, ווען ר'וואָלט ווי די מאַמע לייענען געקענט;
וויסן ווי זי ביי וואָס צו וויינען!
— ווי אָפּגעריסענע שאָף איז מיין פאָלק געוועז.
— ווי פאַסטעכער זייערע האָבן זיי וואָגלען געלאָזט.
— איבער די וויסטענישן זיי אַוועקגעלאָזט;
— באַרג אַרויף זענען זיי געגאַנגען
— און זייער היים־ערד פאַרגעסן.
די שטוב, דער טאַטע שלעפערן ביסלעכווייז איין,
אייב און נענסי זענען מיט ירמיהו געבליבן אַליין.

לינקאָלן איז טאַקע אַ פּאָליטיקער, אַ שטאַטסמאַן; אַ טרי־בון און אַ פרייהייטס־קעמפער, אָבער אין תּוך איז ער אַן אָפּגע־ריסענער, טרויעריקער יונג אין וואַלד. ער זעט תּנ"כישע וויזיעס אויף די אַמעריקאַנער שטחים פון וואַלדיקן העק:

בײ טאָג איז אײב אַ יונג פון װאַלד מיט האַק און זאַק —
בײ נאַכט — די מעשה װאָס די מאַמע לײענט פון תנ״ך.
נענסי לײענט און פאַרלײענט די דרױסנדיקע שרעק
פון װינטערדיקן װאַלדיקן העק.

לינקאָלן איז טאַקע שטורמיש, מעכטיק, אָבער װאָס איז זײן מקור, זײן הײם? װאָס איז די טרײב־קראַפט פון זײן טיף־טראַגישער נשמה? דער מקור איז די לײמיקע הײם פון זײן געשטאָרבענער מאַמע נענסי מיט אַ בלעטל תהילים:

אין רױטן לײם האָט ער די מאַמע נענסי באַגראָבן.
דער טאַטע האָט דעם קאַסטן צונױפגעשלאָגן
און בײדע האָבן נענסין מיט פראָסטע טרערן אַרױסגעטראָגן.
דאָס ײנגל, דער טאַטע — מיטן טױט אין די הענט,
זענען אין װאַלד געבליבן װען די זון האָט געברענט.
אױף בײדן האָט די שקיעה אָנגעצונדן דאָס העמד.
קרישלדיק, קרוכלדיק האָבן זײ דעם גרוב פאַרשאַרט
און געבליבן איז אײב צעקנעפלט און פאַרדאַרט,
ביז פינצטער מיט אַ מאָל,
איז געװאָרן נענסיס באַגראָבענער טאָל.

און:

פריש אין דער ערד האָט ער דער מאַמען געלאָזט
און איז װי אין חלום אין דער שטוב צוריק.
אַ לאַנגע, אַ שװערע איז די דאָזיקע נאַכט געװען.
נישט דאָס לעמפּל — אײב האָט איבער זיך געװאַכט
און זיך אױפן געלעגער װי אין גרוב געזען,
װי נישט נענסי — ער װאָלט געשטאָרבן.

אױך װעגן װײנשטײן דעם פּאָעט װעט מען קודם כל רעדן װעגן דער ברײטקײט און קרעפטיקײט פון זײן טאַלאַנט. מ׳װעט רעדן װעגן דער רײכקײט און פאַרביקײט פון זײן נאַטירלעכער פּאָעטישער עפּיק. מ׳װעט אױך רעדן, און געדענקען, װעגן זײן אײנציקײט און אופן פון זײן שילדערן און מאָלן דאָס גרױסאַרטיקע, דאָס גרױליק־פאַרביקע „אַמעריקע״ און איר פיל־פעלקערדיקן ניו־יאָרק.

פרעגט מען : ווּ איז דער שנור, וואָס פאַרבינדט דיכטעריש דאָס אַלץ בײַ אים ? איז דער ענטפער : דער שורש פון זײַן גאַנצער ווּנדערלעכער פּאָעזיע איז דווקא זײַן אויפגעהיטענע ירושה פון זײַן אַלטער גלות־היים :

א װעלט מיט בערג זענען פאַרבײַ די אויגן,
װען דאָס ייִנגל האָט דורך וואָקזאַלן אימהדיק געצויגן.
האָסט זיך געשעמט אומצוקערן קיין ריישע צוריק ;
אַרויסצווייזן, אַז עס איז דיר טרויעריק.
אין האַרץ אָבער האָסטו די פרעמד פאַרשאָלטן
און די היים אין זיך געטראָגן באַהאַלטן.

דאָס איז דער כוח, וואָס ווײַנשטיין טראָגט מיט זיך איבער אַלע ווייטן און פרעמדענישן, וואָס װעלן דעם פּאָעט שטענדיק מאַכן פרעגן :

ווּ זענען זיי —
די חלוצימדיקע יונגען פון ציונס גוזאַנגען ;
די מיידן, וואָס זענען הערצלס חלום נאָכגעגאַנגען ?

ווּ זענען זיי —
די „אַרבעטס־מאַכט" פון ערשטן בליענדיקן מאַי ;
די שטאָלצע געזעלן מיט דער „פּאָנע אין ריי" ?

ווּ זענען זיי —
די משרתים מיט די געדיכטע יונגע גריוועס האָר,
וואָס האָבן די וועלט געוואָלט אויף דער וואָר ?

ווּ זענען זיי —
די שטוצערס אין שטולפּן, אין שטרוקסענע רייטהויזן.
די דינסטן וואָס פלעגן הינטערן טויער זיך באַהאַלטן ?
— צעזייט און צעשפּרייט זענען זיי ;
— אַ חלום געבליבן איז פון זיי.

אויך „אין דוד המלכס גיטער", קומט צום אויסדרוק די ראָ־

מאַנטיק פון די פאַרגאַנגענע יוגנט־חלומות; פון יענע „חלוצים־יונגען״.

וויינשטיין זעט „אין דוד המלכס גיטער״, דאָס לאַנד ישראל מיט די אויגן און האַרץ פון זיין באָבע חנהלעס טייטש־חומש; לויט אירע מעשיות פון צפת, ירושלים, און אין אים קלאַפּט דערביי דאָס האַרץ פון חדר־ייִנגל.

אמת, וויינשטיין איז דער שאַרפסטער רעאַליסט אין אונדזער פּאָעזיע, אָבער זיין רעאַליזם איז אָנגעהויכט מיט חלומדיקייט און טויאיקייט.

בעריש וויינשטיין קלייבט אויס פאַר זיך נאָר יענעם רעאַליזם, וואָס איז נאָענט צו זיין היימישן חלום. דערפאַר זענען וויינשטיינס נייסטע ישראל־פּאָעמעס געטרייער די דורותדיקע ארץ־ישראל־טראַדיציעס איידער דאָס מאָדערנע מדינת ישראל, וואָס זעט אויס ווי אייראָפּע און אַמעריקע.

אויך „אין דוד המלכס גיטער״ דערהויבט זיך וויינשטיין צו דער פּאָעטישער הויך פון איבערראַשנדיקער שאַרפקייט, דווקא דעמאָלט, ווען ער מאָלט מיט פעטע פאַרבן אַלט ארץ־ישראל. ער פאַרגאַפט מיט די אויסגעמאָלענע געשטאַלטן, מיט תימנער ייִדן, אָריענטאַלישע סוחרים און אַלטע ארץ־ישראל־חומש־פּייזאַזשן.

אומפאַרגלייכלעך איז וויינשטיין דעמאָלט, ווען ער מאָלט מיט זיין סטיכישן רעאַליזם דווקא דאָס ארץ־ישראל, וועלכע ער האָט אין זיין ריישער יוגנט־חלום געזען.

ס׳איז ארץ־ישראל פון אונדזער מאַמעס טייטש־חומש, פון אונדזערע חדר־יאָרן. ס׳איז דאָס לאַנד וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט צו אברהם אבינו, און אויך די חדר־ייִנגלעך האָבן וועגן לאַנד געחלומט און געהאָפט:

ביסט אין דיין אייגן לאַנד, ייִנגל!
געדענקסט דאָך די סדרה פון ויצא,
ווו יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באר־שבע
און אויפן וועג קיין חרן געטראָפן אַן אָרט;
דאָרט איז גאָט איבער אים געשטאַנען און געזאָגט:
— דיר וועל איך געבן דאָס לאַנד ווו דו ליגסט

— און וועל מיט דיר זײַן, דיך היטן ווו ווּעסט גײן...
אַזוי ביסטו אַרויס אויף די וועגן פון חומש
און אין קאָפּ האָבן זיך די סדרות געמישט.
וואָרעם ווי אַנדערש גייט מען פון חדר קיין ארץ־ישראל?

ער גייט דאָך נישט פון אַמעריקעס „רידזש און פּיט״!
ר׳קומט דאָך נישט פון יענעם פאַרבענקטן פאַרנאַכט,
ווו די זון פאַרגייט פון דער איסט־סייד
צו דער שטעטלדיקער ווייט!
ר׳קומט איצט פון חנהלעס נחלת־צביאיקער שויב:
פון איר פרומען, קאַרגן שבת־אויבס.

(„אין דוד המלכס גיטער״)

אין אַן אַנדער קאַפּיטל:

און קומען וועל איך צו דיר — יפו,
נישט ווי אַ גרויער טאַטע פון פלאָשינג,
נאָר דווקא ווי דאָס ייִנגל פון ריישע
מיט אַ פּעקל וועש און אַ ביסל היימיש געבעקס
און זאָגן: שיין ביסטו ווי דאָס חומש!
איך וועל אַריין אין חלוצימדיקן ראָד
אַ הייסער, מיט שטאַרקע פלאַקסענע האָר
און ווי די טבע —
לאָזן אַ טרער פאַרן שלאָף ביי נאַכט,
און ביי טאָג ווידער אַ מאָל אַרויס צום געזאַנג
פון זאַמד, פון הימל, פון בערג
און אויפן געלעגער ווידער טרויעריק ווערן.
נאָר דאָ וועט מיך היטן דער לאַמטערן,
וואָס האָט מיך געפירט דורך ווינטערדיקע שטערן
אַהער מיין שבט צו געפינען.
דאָ קומט מען פון זעלבן סידור,
פון זעלבן חלום, פון זעלבן ליד,
פון אשכנז און ספרדית.

(„אין דוד המלכס גיטער״)

ווייל ווײַנשטײן קומט צום לאַנד פון די אבות, ווי אַ פאַר־חלומט ייִנגל, דערפאַר קען ער אַזוי געדיכט מאָלן דאָס רעאַליס־טישע אַלט ארץ־ישראל:

פון יונהן
גייסטו צו די יפוער וואַכעדיקע טעג אַוועק
ערגעץ האָסטו וועגן אַזעלכע געמאַרקן געלערנט.
דרייסט זיך דאָ אַרום ווי אין דוד המלכס צייטן
און ס'רױשן־אויף יענע ברוינע, טונקעלע געזיכטער:
סוחרים און קאַפּטנס, און געוויקלטע טיכער;
ווייבער באַרוועסע אויסגעזעצט אויף טרעפּ
און עפּעס שרייען זיי מיט אויסגעשטרעקטע הענט;
ווינען אַרויס פון שמאָלע שטיינערנע ווענט.

עס בריט די אָנגעגליטע היץ פון דער זון,
עס בליען צעבלומטע טעפּיכער אויף אַקסלען,
עס שמעקט צעשמאָלצענער וואַקס און געווירץ,
עס קלינגט מיט פּרוטות, מיט רויטע מטבעות,
אַלעמענס אויגן האָבן קוילן, האָבן טרויער.
די מאַנסבילן — שוואַרצע, קרייזלדיקע בערד,
די ווייבער — צעשאָטענע, בריסטלעכע צעפּ.

פון וואַנען קומען זיי קיין יפו דאָ אַהער?
ביסט קיין מאָל פון דער היים נישט אַוועק!
פון די טאָלן קומען זיי אויף די געמאַרקן.
ביי זיך אויפן שטיקל ערד פיטערן זיי די שאָף
אין זייערע היילן רוען זיי אין לבנהדיקן שלאָף
און פרוכפּערן זיך פון המוציא לחם מן הארץ.
(„אין דוד המלכס גיטער“)

אויך די קראַפט מיט וועלכער ווײַנשטיין האָט אויסגעזונגען „אַמעריקע“, אויך דער דאָזיקער עפּאָס, איז בעיקר אַ רעזולטאַט פון ווײַנשטיינס אָנגעצונדענער פּאָעזיע, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט דורך אַלע זיינע וואַנדערונגען.

דערפאַר האָט ווײַנשטיין אויף אַלע זיינע ייִנגליש־מענערישע זוכונגען אין די ניו־יאָרקער האַפּנס, איסט און וועסט־סייד, ווי איבער אַמעריקע בכלל, געפונען פאַר זיין דיכטונג אַזעלכע געשטאַלטן און סיטואַציעס, וואָס זענען אָנגעגליט מיטן זעלבן טיפן טרויער ווי ער אַליין.

און נאָר אין דעם ליגט ווײַנשטיינס פּאָעטישער כּוח. אַזוי

פּאָרט זיך צונויף אין זײַנע ישׂראל־קאַפּיטלעך: „ריישע", „תימן", „ניו־יאָרק", „איסט־סײַד", „לאָנג־אײַלאַנד" — פאַרבן, וואָס טוישן זיך בײַ אים כסדר: „ריישע־אַמעריקע־ארץ־ישׂראל".
און ער עצהט אונדז:

רעד דיר אײַן
ביסט קיין מאָל פון דער היים נישט אַוועק!
גייסט אום אין שטעטל אין די ייִנגלישע טעג
און שפּאַצירסט שעמעוודיק אויף דער פּיינסקא:
די מיידלשע בלאָזעס פלאַטערן און בליען;
זייערע הערצער צו די פּיבערדיקע יונגען ציען.

רעד דיר אײַן
ביסט צוריק אין דער שטעטלדיקער היים;
האָסט די מענטשן, די גאַסן קוים דערקענט;
די אַקאַציעס, וואָס האָבן דעם מאַי פאַרבלענדט.
אונטער די דורכגעשטערנטע קאַשטאַן־בלעטער,
רעדט מען פון „יודענשטאַט", פון „קלאַסןקאַמף" —
און די וואָס פירן ליבעס אין דער שטיל,
פאַרגייען מיט נחום שטערנהיימס ליד
„אין וועלדל ווו ס'איז ווייסט"...

ווײַנשטיין רייסט־איבער כסדר דעם „סיפּור המעשׂה" אין זײַנע פּאָעמעס און גייט פּלוצלינג איבער צו פּרעכטיקער ליריק, ווי דאָס אויבן ציטירטע ליד. אין יעדע ווײַנשטיינס עטלעכע הונ־דערט שורות זענען אַלע מאָל פאַראַן ריין לירישע לידער פון דער אייִדלסטער קוואַליטעט.

ווײַנשטיין געהערט צו יענע וווּנדערלעכע ליריקער, וועלכע נויטיקן זיך אין עפּישער וואָר כדי זי אַרויסצוברענגען.

דעריבער איז ווײַנשטיינס ליד נישט קיין פלי־פלאַטער פון קינצלדיקע ווערטער־טויבן. זײַן ליד האָט דעם עפּאָס פון אמת.

אַזוי איז זײַן מוזיקאַלישקייט נישט פון אַ פייגל־געזאַנג, נאָר די מוזיק פון מענטש, וואָס רעדט פון האַרץ צו גאָט; ס'איז די מוזיק פון אַלע אמתע פּאָעטן.

די אַמעריקאַנער פרעמד, איר לאַנדשאַפט, איר מענטש און לעבן, האָבן געשטאַרקט און פאַרהאַפטיקט וויינשטיינס וואונדער־ליד, זיין פּאָעזיע.

דווקא די אַמעריקאַנער וואָר האָט אַרויסגעבראַכט אַזאַ יידיש־קרעפטיקן און פריש־פאַרנעמיקן דיכטער ווי בעריש וויינ־שטיין.

איך זאָג דווקא אַ מ ע ר י ק ע, ווייל אויך זיין „ריישע", זיין „אין דוד המלכס גיטער", און אַלע זיינע היים־מאָטיוון, זענען ערשט פּאָעטיש אויסגעוואַקסן אַ דאַנק דעם פּאָעטס לעבן אין אַמעריקע.

ס'איז אַ געזעץ, אַז קיין שום זאַך געשעט נישט אין אַ פּוסטן חלל; קיין שום מענטש, בפרט אַ פּאָעט, פאַרבענקט זיך נישט סתם אַזוי אָן אַ פאַרוואָס נאָך דעם וואָס איז שוין מער נישטאָ. עפּעס מוז פריער געשען אין זיין קעגנוואַרטיקן געפיל, וואָס זאָל אים ציען צו דעם שוין־לאַנג נישט געזעענעם.

אַלע איינזאַמע, שיכורע און אַרויסגעוואָרפענע פון דער וועלט, האָבן אויפגעצונדן אין וויינשטיינען דעם פלאַם פון זונען, דעם בלאַנק פון שנייאיקע נעכט אין רעזולטאַט פון זיין בענקשאַפט צו דער היימישער היים.

וואָס גרעסער ס'איז ביים פּאָעט דער שטח פון איבערלע־בונגען, זעונגען און וועלט־פרעמדענישן, אַלץ טיפער דאָס פאַרמעגן פון זיין קינדהייט, וואָס איז דער „כוחי וראשית אוני" פון יעדן עכטן פּאָעט.

וויינשטיינען האָט דער מזל פון אַ פּאָעט צוגעשפּילט פון אַלע זייטן. ער האָט געהאַט דאָס גליק דערצויגן צו ווערן אין אַ סביבה פון לויטער פרומקייט, תמימות און קדושה, וואָס אָן זיי קען קיין עכטע פּאָעזיע נישט געשאַפן ווערן.

שפּעטער, זיינע וואַנדערונגען איבער וועלט־שטעט, ווו וויינ־שטיין האָט ווידער באַגעגנט געטרייע ביטערע אמתן, וואָס האָבן אָנגעגליט זיין האַרץ מיט פּאָעזיע.

די דאָזיקע אַלע באַגעגענישן האָבן דיכטעריש צוגעטראָפן צום פּאָעטס ירושהדיקער קינדהייט.

אַזוי אַרום האָט בעריש וויינשטיין דערגרייכט זיין טיפסטע האַרמאָנישע עכטקייט אין אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן.

דאָס, וואָס ער האָט אונדז שוין ביז איצט דיכטעריש געגעבן, איז אַ וואָגיק־שעפּערישער עדות, אַז מיר פאַרמאָגן אין בעריש וויינשטיין אַ גרויסן, עכטן פּאָעט און אַ מאָנומענטאַלן לירישן עפּיקער, וואָס איז אַ ברכה פאַר דער יידישער פּאָעזיע.

פאָטאָמאָנטאַזש פון בעריש ווײַנשטיינס שאַפונגען

ספר היובל לבריש וויינשטיין

יצחק מורגנשטרן

שירתו של בעריש וויינשטיין

עברית: יהודה צחור

יש לנו רק משוררים מועטים, ששירתם כל כך קשורה בדרך בלתי אמצעית אל החיים האנושיים, כשירתו של בעריש וויינ־שטיין. בכלל ישנם משוררים מועטים, שיצירתם קרובה במידה כזאת אל הארץ, אל המקום ואל הסביבה בהם הם חיים. רק משוררים מועטים העניקו לנו בשירתם כל כך הרבה אדמה, סבי־בה ונוף; כל כך הרבה חיים אנושיים — ממשיים, מצוקה, צער ואהבה — כפי שעשה זאת בעריש וויינשטיין.

לכן, הצבעים של וויינשטיין, שפתו ודימוייו הינם ביטוי לצמיחה אורגאנית מתוך הסתכלויותיו וחוויותיו, עד שרק מעטים אצלנו, יכולים, מבחינה זו, להשתוות לו. שפתו, דימוייו ורוח השירה שלו, לעולם אינם בדויים או מעושים, תמיד הם תולדה של חוויה עמוקה ומרטיטה עד לשורשי החיים. לכן גם שפתו אינה גסה או קשה לעולם, אלא רוויה עסיסי עצב, הניזונים מן החיים עצמם.

בעריש וויינשטיין הוא אחד המשוררים שלנו, המושרשים עמוק בכל חיוניותם בתוך היהדות. הוא למעשה, הראשון — ועד היום גם היחיד — שהכניס לפואיזיה היהודית את המס־כת הרחבה־החמה של החיים היהודיים במולדת הישנה ובמולדת החדשה; מאירופה הפולנית־יהודית ומאמריקה רחבת הידיים.

בפואימות המקיפות „גלות ונדידה" וכן ביצירתו האפופאית הבשלה, כגון „רישא", „אמריקה" — ועד ל„נחלות דוד המלך", תמיד היה וויינשטיין מצייר לפי דרכו הפיוטית־אמנותית, את החיים היהודיים של הימים ההם ושל הזמן הזה, בכל עומקם ורוחבם. מובטחני, שאם נחפש את החיים היהודיים ואת דמוויו־תיהם בשירה היהודית, נצטרך לפנות אל יצירתו של בעריש וויינ־שטיין.

אולם ייחודו של וויינשטיין איננו רק בכך, שהוא הוא המשורר והפייטן של החיים היהודיים; הוא יחיד ומיוחד גם בכל דבר שבו נגע בשירתו. כל נושא, כל אתנע (מוטיב) או נוף אצלו, בא לידי ביטוי בעוצמה של ריאליזם רענן, שלא זכינו לה עד כה בשירתנו.

בעריש וויינשטיין הכניס לשירתו ריאליזם אמנותי בהיר, המקנה לו מקום מיוחד בשירה היהודית כולה. עוצמה כזאת, מרוכזת, וויינשטיינית, אינה שכיחה בשירתנו כלל. החרוז שלו על פי רוב, כאילו חצוב במתכת. ואכן, צדק ש. ניגר כשהטעים: „החרוז של בעריש וויינשטיין כמוהו כפואימה שלמה..."

אם נרצה לערוך השוואות, כמובן, שאפשר לומר, שוויינשטיין הוא משהו חדש בשירתנו, כשם שהיה, למשל, א. מ. ווייסנברג בפרוזה שלנו. אולם החידוש שבחרוזו של וויינשטיין, אין למוד אותו אלא בקנה־מידה של השירה בלבד, ולא בשום קנה־מידה אחר.

קראתי את הביוגראפיה של בעריש וויינשטיין באַנטולוגיה „המשך" של משה שטארקמאן ומעולם לא חשתי כל כך את הצורך בפרטים ביוגראפיים של המשורר, כמו במקרה זה. שכן, הפרטים הביוגראפיים של המשורר שזורים באלפי נימים בכל יצירתו הפיוטית של וויינשטיין; הם מאירים את וויינשטיין המשורר, שהרי אנחנו מכירים את הפרטים ואת הדמויות הודות לשירתו. הסבתא חנה'לה, הדוד זבולון, ואביו שלו, יענקל... ומי לא? הוא מקרב אלינו גם את הערים והארצות אשר בהן ישב משוררנו באורח זמני, עד שאין אנחנו מסוגלים עוד להפריד בינן לבין היצירה הפיוטית עצמה.

אולם, מניין אותה ההתמזגות עם התימאטיקה? מניין הרי־אליזם האינטימי? מניין לו הקירבה האישית אל הנושא הפיוטי? מניין אותה היכרות בראשיתית עם כל הדברים, האנשים והנופים, שוויינשטיין מעלה אותם לפנינו בצבעים כה אמיתיים ונאמנים? מניין אותה מקוריות שבלשון והרעננות המפתיעה של התמונה?

לנתח ולהעריך כל זאת, יש צורך בכמה הערות כלליות על עצם מהותה של השירה מבחינה אמנותית.

הננו סבור שיש משום חסרון גדול, שאנחנו כולנו נעשינו מומחים מובהקים לכל מיני אבחנות מיכאניות, למונחים ולשי־טות, לפיהם רגילים להעריך יצירה אמנותית.

אם המדובר בפואיזיה, על פי רוב יש לו למבקר נוסחה מוכנה מראש של יסודות שהמשורר חייב להשתמש בהם, והוא אינו אלא בודק, עד כמה הצליח המשורר להתאים את עצמו לנוסחה הזאת.

אביא לדוגמה כמה עיקרי יסוד, שכל בר־בי־רב העושה בספ־רות, יודע אותם ודורש מאת המשורר להקפיד עליהם, והרי הם: לשון, צבע, דימוי, מצב־רוח. אמת לאמיתה, אלה הם דברים חשובים מאוד, אשר בהיעדרם אין לדבר על שירה. אולם מניין באים כל הדברים האלה, שבהם משתמש המשורר? ובכלל, מה משמעותם של לשון, צבע, דימוי ומצב־רוח בשירה?

אפשר לגבב „אוצרות" וחידושי לשון, שאין בהם אף מילה פיוטית אחת ויחידה; אפשר להיות עשיר בצבע, ובכל זאת יהיה זה באנאלי, מזוייף ובדוי. אלה הם דברים שאין כל „מומחי" השירה יודעים אותם. זאת יודעים רק אלה, שבעצמם זכו לחוש את מ ט ע נ ה של אמת פיוטית, אלה שהגיעו בלב ונפש למקורה הראשון של השירה, ל„סיבת כל הסיבות" של כושר היצירה.

ומהו מקור השירה ושל האמנות בכלל?

היסוד של כל יצירה הוא הלהט שבזיקה אל נושא היצירה. גם למדען לא די בידע בלבד. מן הדין שיהיה גם אצלו מלכתחילה הרגש שבמופשט, שתלבה את הלהט אל הנושא. אחרת לא תעמוד לו כל ידיעתו ולא יהיה מסוגל לגלות משהו חדש בטבע.

שום תופעה בטבע לא תגלה את סודותיה, אלא למי שבא אתה לידי קירבה. ואם לגבי הטבע כלל גדול זה, על אחת כמה וכמה לגבי האמנות. שהרי במדע אפשר עוד, תוך כדי מחקר, להסתמך על תופעות דומות — אף כי לתגליות גאוניות גם איש המדע אינו יכול להגיע, אלא אם כן חודר הוא חדירה אינטימית אל מהותו של הנושא שהוא חוקר בו.

הנחה זו, כוחה יפה כפליים לגבי האמנות. שהרי האמן עצמו אינו אלא תולדה של הזדהות עם נושא היצירה. שום משורר לא

יכתוב אף שורה אחת, מבלי לחוש תחילה את עצם השיר. מתוך „ידיעה" בלבד ומחקר התופעות מבחוץ — לא יקום לעולם משורר אמיתי.

ובכן, אין להגיע לאינטימיות לשום דבר, אלא באמצעות האהבה, המעוררת את הלהט לחזון אמנותי. להט זה, אינו יכול להיות בשום אופן ספקולאטיבי או מופשט: הוא תופעה שאינה יכולה להתגלות אלא באמצעות החושים, וזה לא ייתכן אלא לגבי עצם הנראה בעליל. כזאת היתה עבודת האלילים של הטבע המו־חשי; ומכאן מקורה של האמונה בריבוי האלים בעלי קיום פיסי. האמונה המונותיאיסטית, באל אחד מופשט, מבוססת כולה על השכל ועל המוסר, על ההנחה שאמנות בצורתה המזוקקת ביותר, צריכה להיות פנויה מכל יצר ולהט. ועל כן השכילו רבים מגדולי חוקרי הדת שלנו להזהיר את היהודי מפני עבודת השם מתוך התפעלות חושנית, שהיא קרובה בתוכנה לעבודת אלילים.

מה שאין כן לגבי האמנות, המבוססת על התפעלות חושנית מן האובייקט שהעין קולטתו. אמנות היא היכולת והלהט לתפוס את העולם באמצעות החושים. יצירה המושתתת על השכל ועל המוסר, איננה בכלל אמנות.

וויינשטיין הוא המשורר של המציאות החושנית, ומשום כך הוא אמיתי כל כך, לפי שחודר הוא עמוקות לתוך הגוף והנפש. הוא הביא לנו את הכוח המשולהב של השתתפות בצערם של היצורים עלי אדמות. את כוח נשמתו לשאת בעול העצב של היהודי ושל ברואים מבני עמים אחרים.

כשקוראים את הפואימה המופתית של „אמריקה", רואים מיד, שוויינשטיין שר על הנער היהודי הירוק באותה אהבה, שהוא מעניק לפיטר הגוי:

בחלום לבן ניצב פיטר בקור
ובגדיו מתנפחים כמפרשים ברוח,
אט שט הוא עלי ענן מאחורי הירח,
הביתה להגיע לחג המולד.

ועל הנער:

נטוש מכל חבריו,
נותר הנער לליל פסח בעיר שכזאת —
בבית מבהיקים עתה נרותיה של אמא,
פניני טל חמים נוטפים מן הזגוגיות,
ובכוסו של אליהו הנביא מקציף היין;
אץ רץ הנער בנשימה כבדה, פסוקה,
לפתוח את הדלת ל„שפוך חמתך על הגויים!"

